STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09520

# EPIKURS GARTN

Anatole France

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַנאַטאָל פראַנס

# עפּיקורס גאָרטן

איבערגעזעצט פון פראַנצויזיש
און פאַרזעען מיט באמערקונגען
פון מ. האָלצבלאַט

פאַרלאַג שלמה גאָלדפאַרב

1928 — װאַרשע

ANATOL FRANCE

OGRÓD EPIKURA

Przekład M. Holcblatta

Wydawnictwo SZ. GOLDFARB

Warszawa, Dzika 31.

Druk „REKORD Dzika 18.

# עפּיקורס גארטן

Cecropius suaves expirans hortulus auras
Florentis viridi Sophiae complecitur umbra

(Ciris)

*  *
*

אָ, אונז איז נישט באַשערט געווען, אין גאָרטן אין פּאַרצייטיקן
געניסן פון זיין בשמים־דופט, וואָס צערטלט און וואָס גלעט,
אָ, קעקראָפּס שטורעמדיקע ווינטן, איר הימלישע שלוחים,
וואָס ר'האָט געבראַכט צו אַ נסיון דעם רוימישן פּאָעט!

— — — — — — — — —

פון יענעם גאָרטן וואָלטן מיר מיט רויק שמייכלענדיקע אויגן
געקאָנט דעם מענטשלעכן שגעון באַטראַכטן פון דער ווייטן —
זיין ליבע און זיין גאווה, און די קרבנות די אומזיסטע,
דעם ווייררויך, וואָס ער טוט צו גאָט אויף די מזבחות שפּרייטן.

(דער „לײמענער לאָמפּ" פון פרעדעריק פּלעסי).

*

ער האָט געקויפט אַ שיינעם גאָרטן, און אים אַליין באַ-אַרבעט. דאָרט האָט ער אויך געגרינדעט זיין שולע; ער האָט געפירט אַ רויקן און אַנגעגעמען שטייגער-לעבן. מיט זיינע תּלמידים פלעגט ער לערנען בעתן שפּאַציר און בעת דער אַר-בעט אין גאָרטן... ער איז פון דער נאַטור געווען אַ געלאַ-סענער און אַ מענטשן-פריינדלעכער... ער האָט געגלויבט, אַז ס'איז נישט פאַראַן קיין איידעלערע זאַך ווי זיך צו פאַרנעמען מיט פילאָזאָפיע.

(פענעלאָן — לעבנס-באַשרייבונגען פון די באַרימטע פי-לאָזאָפן אין אַלטערטום, באַשטימט פאַר דער דערציִונג פון דער יוגנט).

מיר קענען זיך קוים פאָרשטעלן דעם גייסטיקן מצב פון פאַרצייטיקן מענטש, וואָס האָט פעסט געגלויבט, אַז די ערד איז דער צענטער פון דער וועלט און אַלע שטערן און פלאַנעטן באַוועגן זיך אַרום איר. דער פאַרצייטיקער מענטש האָט געפילט ווי אונטער זיינע פיס בראָטן זיך אין פייער די פאַרמשפטע רשעים און ס'קאָן זיין, אַז ער האָט געזעען מיט זיינע אייגענע אויגן און אַריינגעצוינן אין די נאָזלעפער דעם שוועבל-רויך פון גיהינום, וואָס האָט זיך דורכגעבראָכן אַ וועג דורך אַ לאָך פון אַ פעלזנשטיין. בעת ער פלעגט אויפהויבן דעם קאָפּ צום הימל האָט ער געזעען די צוועלף ספערן, די ספערע פון די עלעמענטן, וואָס שליסט איין אין זיך די לופט און דאָס פייער, דערנאָך די ספערן פון דער לבנה, פון מערקור, פון ווענוס, וואָס דאַנטע האָט געהאט באַזוכט אין הייליקן פרייטיק פון יאָר 1300, די ספערן פון דער זון, פון מאַרס, יופיטער און פון סאַטורן, און ענדלעך דעם הימלישן פירמאַמענט, אויף וועלכן די שטערן זענען געווען צוגעהאָנגען, ווי לאָמפּן.

אַריינלאָזנדיק זיך אין ווייטערדיקע רעיונות, האָט ער מיט די אויגן פון זיין גייסט אַנטדעקט העט איבער אַלע ספערן, דעם ניינטן הימל, וואָס האָט אַריינגעבראַכט די הייליקע אין א געוואַלטיקע התפעלות, דעם קרישטאָלענעם הימל און אחרון — דעם עמפּירעאום, דעם טעמפּל פון די צדיקים, וווהין צוויי מלאכים, געקליידט אין ווייסן, וועלן נאָכן טויט —

(ער האָט דערין אומדערשיטערלעך געגלויבט), — ברענגען צו טראָגן ווי אַ קליין קינד זיין נשמה, וואָס איז געריייניקט געוואָרן דורך דער הייליקער טבילה און געזאַלבט געוואָרן מיט בוימאייל פון די לעצטע סאַקראַמענטן.

אין יענע צייטן האָט דער אויבערשטער נישט געהאַט קיין אַנדערע קינדער, ווי די מענטשן, און זיין גאַנצע יצירה איז געווען קינדעריש און גלייכצייטיק פּאַטעטיש אויפגעפּאַסט, און ענלעך צו אַ ריזיקער קאַטעדראַלע. אויפגעפּאַסט אויף אַזאַ אופן, איז דער וועלטאַל געווען אַזוי פּראָסט, אַז מ'פלעגט אים פאָרשטעלן אינגאַנצן, אין זיין אמתער געשטאַלט און באַוועגונג אין יענע אומגעהייערער זייגערס, וואָס זענען געבראַכט געוואָרן אין באַוועגונג דורך אַ ספּעציעלע מאַשינעריע און געווען אויס־געמאָלט מיט פאַרשידענע מאָלערייען.

דערפון נעמען זיך די צוועלף הימלען און מזלות, וואָס אונטער זייער איינפלוס איז דער מענטש געבוירן געוואָרן אַ גליקלעכער אָדער אַן אומגליקלעכער, אַ גוטמוטיק פריילעכער אָדער אַ מרה־שחורהדיקער. און מיטאַמאָל איז איינגעפאַלן די גאַנצע סאָלידע געביידע פון הימלישן פירמאַמענט. אונזער בליק און געדאַנק פאַרלירט זיך אין די אומענדלעכע תהומות פון הימל. מיר אַנטפּלעקן שוין נישט מער איבער די פּלאַנעטן דעם עמפּירעאום פון די אויסדערוויילטע און פון די מלאכים, נאָר הונדערט מיליאָנען זונען, וואָס באַוועגן זיך אַן אויפהער און ווערן באַגלייט פון אַ מחנה פינצטערע סאַטעליטן, לגמרי פאַר־שטעלט פאַר אונזער אויג.

און אין דעם אין־סוף פון וועלטן איז אונזער זון נישט מער, ווי אַ זייפן־בלאָז, און די ערד — אַ טראָפּן בלאָטע. אונ־זער פאַנטאַזיע הידושט זיך און בייזערט זיך, בעת מ'זאָגט אונז, אַז אַ ליכט־שטראַל פונם פּאָלאַר־שטערן מוז דורכגיין אַ גאַנצע פופציק יאָר, ביז ער דערגרייכט צו דער ערד, און פונ־דעסטוועגן איז דאָך דער דאָזיקער שטערן אונזער נאָענטסטער שכן, און צוזאַמען מיט סיריוסן און אַרקטורוסן איז ער די נאָענטסטע שוועסטער פון אונזער זון. ס'זענען אָבער פאַראַן

שטערן, וואָס מיר זעען זיי נאָר דורכן טעלעסקאָפּ, און וועלכע זענען אפשר פאַרלאָשן געוואָרן מיט דריי טויזנט יאָר צוריק.

וועלטן שטאַרבן, מחמת דעם וואָס זיי ווערן געבוירן. זיי ווערן געבוירן און שטאַרבן אָן אויפהער. און די יצירה, אייביק אומפּאַלקאָם, ווערט כסדר געפורעמט אין אומאויפהערלעכע מעטאַמאָרפאָזעס. שטערן ווערן פאַרלאָשן, און מיר זענען נישט אימשטאַנד צו זאָגן, צי די דאָזיקע ליכט-קערפּערס, שטאַרבנדיק אויף אַזאַ אופן, הייבן נישט אָן אַ נייע, פּרוכטבאַרע עקזיסטענץ ווי די פּלאַנעטן, און צי די פּלאַנעטן אַליין ווערן נישט צעפאַלן, כדי ווידער זיך צו פאַרוואַנדלען אין שטערן. אונז איז בלויז באַקאַנט, אַז אין די הימלישע רעגיאָנען הערשט פּונקט, ווי אויף דר׳ערד, אַן אומאויפהערלעכע באַוועגונג און דאָס געזעץ פון אַרבעט רעגירט איבער דער אומענדלעכקייט פון די וועלטן.

ס׳זענען פאַראַן שטערן, וואָס זענען אויסגעגאַנגען און אויסגעלאָשן געוואָרן אין אונזערע אויגן, אַנדערע צאַפּלען נאָך, ווי דער גוססדיקער פלאַם פון אַ ליכט. מ׳האָט געגלויבט, אַז די הימלען זענען אומדערשיטערלעך, און אין דער אמתן קענען זיי נאָר איין אייביקייט, און דאס איז די אייביקע מעטאַמאָרפאָזע פון דער מאַטעריע.

וועגן דעם, אַז דאס אָרגאַנישע לעבן איז פאַרשפּרייט איבער אַלע וועלטן, איז שווער צו צווייפלען, לכל הפחות צוליב דעם, וואס אין קעגנטייל וואלט עס געווען אַ בלויזער צופאל, אַן אומגליקלעך געשעעניש, וואס איז אויף אַן עלנטן אופן פארגעקומען אויף דעם טראָפּן בלאָטע, וווּ מיר לעבן און עקזיסטירן.

מ׳וואלט פיל מער באַדאַרפט צו גלויבן, אַז דאס לעבן האט זיך געשאַפן אויף די פּלאַנעטן פון אונזער סיסטעם, וואָס זענען לייבלעכע שוועסטערס פון אונזער ערד און ווי זי, טעכטער פון דער זון, אַז דאס לעבן איז אַנטשטאַנען דאָרט אין באַדינגונגען, אַנאַלאָגישע צו די, אין וועלכע עס האט זיך אַנטוויקלט אויף דער ערד, אין דער פאָרם פון חיות און גע-

וויקסן. פון הימל איז צו אונז געקומען א פייערדיקער באליד, וואס אנטהאלט אין זיך קוילן.

כדי מיר זאלן פולשטענדיק זיין דערין איבערצייגט, וואלט מען באדארפט, אז די מלאכים, וואס האבן געבראכט דער היי-ליקער דאראטע די גן-עדן-בלומען, זאלן נאכאמאל אראפנידערן אויף דער ערד צוזאמען מיט זייערע הימלישע קראנצן. לויט אלע ווארשיינלעכקייטן איז מארס באוווינט פון באשעפענישן, וואס זענען ענלעך צו אונזערע געוויקסן און חיות. עס איז אויך מעגלעך, אז האבנדיק אלע נויטיקע לעבנס-באדינגונגען, איז ער טאקע באוווינט פון לעבעדיקע באשעפענישן. אויב אזוי, זייט זשע זיכער, אז אין דער זעלבער רגע פרעסט מען זיך דארט געמיינזאם אויף.

אדאנק דעם ספעקטראלן אנאליז איז ביים היינטיקן טאג פעסטגעשטעלט געווארן, אז אלע שטערן זענען געבויט פון איין און דער זעלבער מאטעריע. דערפון נעמט זיך דער געדאנק, אז די אלע סבות, וואס האבן גורם געווען די אנשטייונג פון לעבן אין אונזער קאסמישן נעפל, האבן ארויסגערופן ענלעכע דערשיינונגען אויך אין אלע אנדערע קאסמישע נעפלען. בעת מיר רעדן וועגן לעבן, פארשטייען מיר אונטער דעם די אקטי-וויטעט פון דער ארגאנישער סובסטאנץ, אין די באדינגונגען, אין וועלכע זי האט זיך אנטוויקלט אויף דער ערד.

ס'קאן אבער זיין, אז דאס לעבן ווערט געשאפן אויך אין אנדערע באדינגונגען, ביי גאר הויכע אדער גאר נידעריקע טעמפעראטורן, אין ביז איצט נאך נישט געזעענע פארמען. און אפשר איז אויך מעגלעך, אז ס'ווערט געשאפן אין אן עטערי-שער פארם, גאר נאנט פון אונז, אין אונזער אטמאספער, און מיר זענען גאר ארומגערינגלט פון מלאכים, וועלכע מיר וועלן קיינמאל נישט אימשטאנד זיין צו דערקענען, ווארים די דער-קענטניש איז אפהענגיק פון א געוויסן קאנטאקט, און אזעלכער קאן בשום אופן נישט עקזיסטירן צווישן אונז און זיי.

עס איז אויך מעגלעך, אז די מיליאנען זונען צוזאמען מיט די מיליארדן זונען, וואס מיר זעען זיי נישט, זענען נישט

מער, ווי אַ טראָפּן בלוט אָדער לימפע אינם גוף פון אַ חיה, פון עפּעס אַ קליינטשיקן אינזעקט, אַרויסגעשפּראָצט אין אַ וועלט, וואָס זיין גרויסקייט זענען מיר נישט בכוח צו באַגרייפן, אין אפשר איז אונזער וועלט אין פארגלייך מיט אַן אַנדערער וועלט, נישט מער, ווי אַ קערנדל שטויב.

פונדעסטוועגן איז עס אויך נישט אַזאַ אַבסורד אָנצונעמען, אַז יאָרהונדערטער פון מענטשלעכער אינטעליגענץ און געדאַנק לעבן און שטארבן פאַר אונזערע אויגן אין איין אַטאָם און אין איין רגע. די קעגנשטאַנדן אַליין פאַר זיך זענען נישט גרויס, נישט קליין, און אויב מיר באַהויפּטן, אַז דער וועלטאַל איז אומגעהייער, איז עס באמת נישט מער, ווי אַ מענטשלעכע אידעע.

ווען ער וואָלט מיטאַמאָל איינגעשרומפּן געוואָרן ביז צו דער גרויס פון אַ נוס, בעת אַלץ אין אים וואָלט פאַרבאַהאַלטן זיינע פּראָפּאָרציעס, וואָלטן מיר אפילו נישט אימשטאנד געווען צו באַמערקן אין אים די קלענסטע ענדערונג. דער מילאַר-שטערן, איינגעשלאָסן צוזאַמען מיט אונז אין דער נוס, וואָלט ווי אַמאָל געמוזט פאַרברויכן גאַנצע פופציק יאָר אויף איבערצושיקן אונז זיין ליכט. און די ערד, קלענער ווי אַן אַטאָם, וואָלט זיך געטרונקען אינם זעלבן ים בלוט און טרערן, וואָס פאַרפלייצט זי ביים היינטיקן טאָג.

נישט די אומגעהייערע גרויס פון דער שטערן-וועלט איז ווערט באַוווּנדערט צו ווערן, נאָר דאָס, וואָס דער מענטש האָט זי אויסגעמאָסטן.

* *
*

די קריסטלעכע רעליגיע האָט דערמיט, וואָס זי האָט געמאַכט פון דער ליבע אַ זינד, זייער פיל אויפגעטון פאַר איר. זי האָט אויסגעשלאָסן די פרוי פון דער כהונה. זי האָט מורא פאַר איר. זי ווייזט אונז, ווי ווייט די ליבע איז געפערלעך. זי חזרט איבער צוזאַמען מיט קהלתן: „די אָרעמס פון דער פרוי זענען ענלעך צו די נעצן פון די יעגערס". *)

זי וואָרנט אונז, מיר זאָלן אויף איר נישט לייגן קיין שום האָפנונג. „שפאַרט אייך נישט אָן אויף אַ שטעקעלע, וואָס אַ ליאַדע ווינט קאָן עס איינבייגן, פאַרטרויט איר נישט אייערע סודות, וואָרים דער גוף איז ווי גראָז און זיין רום פאַרשווינדט אַזוי שנעל, ווי אַ פעלד-בלימל". זי האָט מורא פאַר די פאַרטלען פון חוה, וואָס האָט אומגעבראַכט דעם מענטשלעכן מין: „אין פאַרגלייך מיט דער שלעכטסקייט פון דער פרוי, איז יעדע אַנדערע שלעכטסקייט אַ גאָרנישט" — Brevis omnis malitia super malitiam mulieris — אָבער אַ דאַנק דער מורא, וואָס די רעליגיע ווייזט ארויס לגבי איר, איז די פרוי געוואָרן מעכטיק און געפערלעך.

---

*) אין קהלת ז׳ שטייט געשריבן: ומוצא אני מר ממות את האשה, אשר היא מצודים וחרמים לבה. (ביטערער ווי דער טויט איז די פרוי, וואָס זי איז גלייך צו [illegible]).

(באַמ, פ. איבערזעצער).

כדי צו פאַרשטיין דעם ריכטיקן זין פון די אַלע מאַקסימען, דאַרף מען זיך איינלעבן מיט די מיסטיקער. מ׳דאַרף פאַרברענגען די קינדער-יאָרן אין אַ רעליגיעזער אַטמאָספער. מ׳דאַרף זיך דערווייטערן פון דער וועלט און אָפּהיטן אַלע רעליגיעזע פאָרשריפטן. מ׳דאַרף אין עלטער פון צוועלף יאָר לייענען די קליינע פרומע ביכעלעך, וואָס פירן אַריין די נאַיווע נשמות אין אַן איבערנאַטירלעכע וועלט.

מ׳דאַרף קענען די געשיכטע פון הייליקן פראַנציסק דע באָרדזשיאַ, וואָס טראַכט איבערן אָפענעם ארון פון דער קיניגין איזאַבעלאַ, אָדער דאָס באַווייזן זיך פון דער נזירה דע ווערמאָן צו אירע מנישקעס. די דאָזיקע נאָנע איז געשטאָרבן, ווי אַ הייליקע, און די מאָנאַכינס, וואָס האָבן צוזאַמען מיט איר געטיילט אירע אַפּאָסטאָלישע אַרבעטן, האָבן געגלויבט, אַז זי איז אין הימל און דערמאָנט איר נאָמען אין זייערע תפלות.

אַ געוויסן טאָג איז זי אָבער דערשינען פאַר זיי, אַ בלאַסע, און איר קלייד איז געשטאַנען אין פלאַמען: „זייט מתפלל פאַר מיר, — האָט זי געזאָגט צו זיי. — בעת איך האָב געלעבט האָב איך איינמאָל פאַרברענגנדיק די הענט ביי דער תפילה, אַ טראַכט געטון, אַז מיינע הענט זענען שיין. איצט מוז איך אָפּקומען פאַרן דאָזיקן זינדיקן געדאַנק אין כף-הקלע. געדענקט, טעכטער מיינע אַז גאָטס גוטסקייט איז אומבאַגרענעצט, און זייט מתפלל פאַר מיר". אין די קליינע ספרימלעך פון דער דאָזיקער נאַיווער, קינדערישער טעאָלאָגיע איז פאַראַן טויזנטער אַזעלכע מעשהלעך, וואָס לויבן ביז צום הימל די צניעות און ריינקייט און אין דערזעלבער צייט זענען זיי מודה אין דער געוואַלטיקער קראַפט פון וועלטלעכע תענוגים.

די קירך האָט צוליב זייער שיינקייט געמאַכט פון אַספּאַזיע, לאַיס און קלעאָפּאַטרע, דעמאָנען, טעכטער פון גיהינום. וואָס פאַראַ כבוד פאַר זיי!

אַפילו אַ הייליקע וואָלט נישט געבליבן גלייכגילטיק דערצו. די באַשיידנסטע און צניעותדיקסטע פרוי, וואָס וויל נישט צונעמען די רו ביי איין מאַנספערשוין, וואָלט אָבער געוואָלט

זי צונעמען ביי אַלע מענער. די פּאָרזיכטיקייטס-מיטלען, וואָס די קירך ווענדעט אָן לגבי איר, נוצט די פרוי אויס לטובת זיך אַליין.

בעת דער פאַרמאַטערטער הייליקער אַנטוען רופט אויס צו איר: „אַוועק פון מיר, חיה!" — חנפעט דעם הייליקנס פחד איר אייגנליבע. עס פרייט איר, וואָס זי איז א סך געפערלעכער ווי זי האָט עס זיך אַליין געקאָנט פאָרשטעלן.

נעמט אייך אָבער דערמיט נישט איבער, אָ, שוועסטער מיינע; איר האָט זיך באַוויזן אויף דער וועלט נישט אַזעלכע פּולקאָמע און אַזעלכע באַוואָפנטע, ווי איר זענט איצט, ביים היינטיקן טאָג. אַמאָל פאַרצייטנס זענט איר געווען גאַנץ באַשיידן, אייערע עלטערבאָבעס פון דער עפּאָכע פון מאַמוט און פון ריזידיקע בערן, האָבן נישט געהאַט אַזאַ קראַפט איבער די הייל-מענטשן-יעגער, ווי איר האָט זי ביים היינטיקן טאָג איבער אונז. איר זענט דעמאָלט געווען נוצלעך, איר זענט דעמאָלט געווען נויטווענדיק; ס'איז גאָרנישט שווער געווען אייך דעמאָלט מנצח צו זיין.

דעם אמת געזאָגט, האָט אייך אין יענער פאַרצייטיקער עפּאָכע און אַפילו אין אַ סך יאָרן שפּעטער, געפעלט חן און רייץ. דעמאָלט זענט איר געווען ענלעך צו די מענער. און די מענער ענלעך צו חיות. כדי איר זאָלט ווערן דאָס, וואָס איר זענט היינט, כדי איר זאָלט ווערן די גלייכגילטיקע און הערשנדע סבה פון פאַרברעכנס און מסירות-נפש, זענען נויטיק געווען צוויי זאַכן: די ציוויליזאַציע, וואָס האָט פאַרשטעלט אייער פּנים, און די רעליגיע, וואָס האָט אונז געמאַכט אומדרייסט.

זינט דעמאָלט אָן איז עס געשען: איר זענט אַ סוד און אַ זינד. מ'חלומט וועגן אייך און מ'איז גרייט פאַר אייך צו פאַרלירן אַפילו דעם עולם-הבא. איר וועקט אין אונז באַגער און מורא; די משוגעת פון דער ליבע האָט באַהערשט די וועלט. א מעכטיקער אינסטינקט שטויסט אייך צו פרומקייט. איר טוט זייער ריכטיק, וואָס איר האָט ליב דאָס קריסטנטום.

עס האָט צענפּאַך פאַרגרעסערט אייער קראַפט. צי קענט איר דעם הייליקן זשעראָם? אין רוים און אין אזיע האָט איר אָנ-געוואָרפן אויף אים אזא פחד, אז ער איז פאַר אייך אנטלאָפן אין א מוראדיקע וויסטעניש. דאָרט האָט ער זיך געשפּייזט מיט רויע וואָרצלען און איז אזוי שטאַרק אָפּגעברעגט געוואָרן פון דער זון, אז ס׳איז פון אים פאַרבליבן נישט מער, ווי שוואַרצע הויט און ביינער, און פונדעסטוועגן האָט ער אייך אויך דאָרט געפונען. זיין איינזאַמקייט איז פאַרפאָלגט געוואָרן פון אייערע וויזיעס, א סך שענערע, ווי איר זענט אין דער אמתן.

וואָרים דאָס איז אָן אמת, וואָס נישט איין נזיר איז שוין דערמיט געפּרוווט געוואָרן, אז די חלומות וועגן אייך, זענען טויזנט מאָל רייצנדיקער און שטאַרקער, ווי די ווירקלעכע צערט-לעכקייטן, וואָס איר זענט אימשטאַנד אונז צו געבן. דער היי-ליקער זשעראָם האָט מיטן זעלבן עקל אָפּגעשטויסן פון זיך אייער אָנדענק, ווי אויך אייער אָנוועזנהייט. אומזיסט זענען אָבער געווען זיינע תעניתים און תפלות; איר האָט איבערגע-פולט מיט אילוזיעס זיין לעבן, פון וועלכן ער האָט אייך פאַר-טריבן. אָט-אָ איז די מאכט, וואָס א פרוי האָט איבער א הייליקן.

כ׳בין שטאַרק מסופק, צי זי וואָלט געהאַט אזא מאכט איבער א שטענדיקן גאַסט פון מולען-רוזש. היט אייך, אז צו-זאמען מיטן גלויבן זאָל נישט פאַרפאַלן ווערן א קליין חלק פון אייער מאכט, און איר זאָלט נישט פאַרלירן עפּעס, בעת איר וועט אויפהערן צו זיין א זינד.

אויפריכטיק געזאָגט, גלויב איך נישט, אז דער ראַציאָ-נאַליזם זאָל אייך ברענגען א טובה. אויף אייער אָרט וואָלט איך קיינמאָל נישט ליב געהאַט די אומדיסקרעטע פיזיאָלאָגן. וואָס פאַרטייטשן אייך שוין צו פיל און זאָגן, אז איר זענט קראַנק, בעת מיר גלויבן, אז איר געפינט זיך אין א העכערער שטימונג; זיי באַצייכענען אייער דערהויבענע פעיקייט ליב צו האָבן און צו ליידן, ווי אַן אויסדרוק פון פּשוטע קערפּערלעכע באַוועגונגען. דאָס איז שוין נישט דאָס זעלבע, וואָס מ׳האָט

הענגן אייך פארצייכלט אין דער גאלדענער לעגענדע; דארט רופט מען אייך: ווייס טייבעלע, ליליע פון ריינקייט, רויז פון ליבע. דאס איז א סך אנגענעמער, ווי די צונעמען פון א היס-טעריטשקע, האלוצינאציע-ליידנדע און קאטאלעפטיקערין, מיט וועלכע מען שטעמפלט אייך טאגטעגלעך, זינט די וויסנשאפט האט אנגעהויבן צו טריומפירן.

און צום סוף, ווען איך וואלט געווען א פרוי, וואלט איך פיינד באקומען עמאנציפאנטן, וואס ווילן אייך גלייכשטעלן מיטן מאנספערשוין. זיי שטויסן אייך צום אונטערגאנג. א שיינע טרייסט איז דאס פאר אייך זיך צו פארגלייכן מיט אן אד-וואקאט אדער אן אפטייקער! היט אייך: איר האט שוין אזוי אויך פארלוירן א געוויסן טייל פון אייער געהיימנישפולקייט און חן. ס'איז נאך אלץ נישט פארלוירן: מ'שלאגט זיך נאך, מ'רוינירט זיך נאך און מ'באגייט נאך זעלבסטמארד צוליב אייך; אבער די יונגע לייט זיצן אין די טראמווייען, בעת איר שטייט אויף דער פלאטפארם. צוזאמען מיט די אלטע גלויבע-גישי-שטארבט אויך אפ דער קולט פאר פרויען.

די האַרזאַרד-שפּילער זענען, ווי פאַרליבטע, ווי שכורים: זיי האָבן נישט קיין ווילן, זיי זענען בלינד און האַנדלען אונטער דער ווירקונג פון אַן אומפאַרמיידלעכער קראַפט. ס'זענען פאַראַן מענטשן, וואָס זענען זיך מקריב פאַר דער שפּיל, פונקט ווי עס זענען פאַראַן מענטשן, וואָס זענען זיך מוסר נפש פאַר דער ליבע. ווער האָט עס אויסגעטראַכט די געשיכטע פון צוויי מאַטראָזן, וואָס זענען באַהערשט געוואָרן פון אַ שפּיל-משוגעת? זייער שיף איז אונטערגעגאַנגען, און זיי זענען קוים מיטן לעבן ניצל געוואָרן, אויפן רוקן פון אַ וואַלפיש, דורכמאַכנדיק די שרעקלעכסטע אַוואַנטורעס. ווי נאָר זיי האָבן זיך איינגעאָרדנט אויפן וואַלפיש רוקן, האָבן זיי ארויסגעשלעפּט זייערע ביינדלעך פון די טאַשן און אָנגעהויבן צו שפּילן. אָט-אָ איז אַ געשיכטע, וואָס איז אמתער, ווי דער אמת אַליין. יעדער שפּילער איז געגליכן צו יענעם מאַטראָז.

אין דער שפּיל איז אין דער אמתן פאַראַן עפּעס אַזוינס, וואָס טרייסלט אויף אַלע נערוון פון די מוטיקע לייט. אויספּרוּוון דאָס מזל — דאָס איז ווייט נישט קיין דורכשניטלעך פאַרגעניגן. עס איז אַ פאַרשכורנדיק פאַרגעניגן איבערצולעבן אין איין רגע חדשים, יאָרן, אַ גאַנץ לעבן פון שרעק און פון האָפנונג. איך בין נאָך נישט אַלט געווען קיין גאַנצע צען יאָר, בעת ה' גרעפּינע, מיין שול-פּראָפעסאָר, האָט אונז איבערגעלייענט אין קלאַס דאָס מעשהלה וועגן *מענטש און זשעני*.

און פונדעסטוועגן געדענק איך דאָס מעשהלע, פונקט ווי איך וואָלט עס ערשט נעכטן געהערט.

דער זשעני גיט דעם קינד אַ קנויל ביינוול און זאָגט צו אים: „דער דאָזיקער ביינוול-קנויל איז דער פאָדעם פון דיינע טעג, נעם אים אין האַנט אַריין. אויב ס'וועט זיך דיר פאַרגליסטן אַז די צייט זאָל דיר אַנטלויפן, גיב אַ צי דעם פאָדעם: די טעג וועלן פאַרביי שנעל אָדער פּאַמעלעך, אָפּהענגיק דערפון, צי דו וועסט שנעל אָדער פּאַמעלעך פונאַנדערוויקלען דעם קנויל. ווי לאַנג דו וועסט זיך נישט צורירן צום קנויל, וועסטו כסדר פאַרבלייבן אין דער זעלבער שעה פון דיין עקזיסטענץ".

דאָס קינד האָט גענומען דעם קנויל; לכתחילה האָט עס אַ צי געטון אויף אַזוי פיל, כדי צו ווערן אַ דערוואַקסענער מענטש, דערנאָך כדי חתונה צו האָבן מיט זיין געליבטער, שפּעטער כדי צו זעען, ווי זיינע קינדער ווערן אויפגעוואַקסן, כדי צו דערגרייכן אַ שטעלונג אין לעבן, צו פאַרשאַפן זיך רייכטום, כבוד, צו באַקעמפן די דאגות, אויסמיידן קראַנקהייטן און צרות, וואָס קומען מיט דער עלטער, און צום סוף, אַך! כדי צו מאַכן אַן ענדע צו דער לעסטיקער זקנה. זינט דער וויזיט פון זשעני האָט עס געלעבט אינגאַנצן פיר חדשים און זעקס טעג.

אָט דאָס איז עס! וואָס איז דען די שפּיל, אויב נישט די קונסט איבערצולעבן אין איין רגע די ענדערונגען, וואָס דער גורל גרייט פאַר אונז צו געווייגלעך אין משך פון אַ סך שעהן און אפילו אין משך פון פיל יאָרן, די קונסט צונויפצוזאַמלען אין איין מאָמענט אַלע עמאָציעס, וואָס זענען צעזייט אין דער לאַנגזאַמער עקזיסטענץ פון אַנדערע מענטשן, דער סוד פון איבערלעבן אַ גאַנץ לעבן אין אייניקע מינוטן, דער קנויל פאָדעם פון זשעני?

די שפּיל — דאָס איז אַ ראַנגלעניש מיטן גורל. דאָס איז דער קאַמף פון יעקב מיטן מלאך, דאָס איז דער אָפּמאַך

פון פּאָוסט מיטן טייוול. מ׳שפּילט צוליב געלט, — צוליב געלט, דאָס הייסט צוליב דער אומבאַגרענעצטער מעגלעכקייט, וואָס ווערט באַלד פאַרווירקלעכט. ס׳קאָן זיין, אַז די קאָרט, וואָס דאַרף איצט אויפגעדעקט צו ווערן, אָדער די לויפנדיקע קויל, וועט מיטאַמאָל מזכּה זיין דעם שפּילער מיט פּאַרקן און גאָרטנס, מיט פעלדער און גרויסע וועלדער, מיט שלעסער, וואָס שיסן ארויס צום הימל מיט זייערע שפּיציקע טורעמס.

יאָ, די דאָזיקע קליינע לויפנדיקע קויל אַנטהאַלט אין זיך טויזנטער העקטאַר פרוכטבאַרער ערד, שינדל-דעכער, וואָס זייערע געשניצטע קוימענס שלאָגן זיך אָפּ אין דער לוואַרע. אין איר זענען פאַרשלאָסן די אוצרות פון דער קונסט, די ווונדער פון געשמאַק, פּראַכטפולע צירונג, די שענסטע קערפּער און נשמות אויף דער ערד, אפילו די, וואָס מיר האָבן גע- האַלטן, אַז מ׳קאָן זיי נישט קויפן, אַלע אויסצייכנונגען, כּבודים, די גאַנצע שיינקייט און די גאַנצע מאַכט אויף דער ערד.

וואָס זאָג איך? זי אַנטהאַלט אין זיך אַ סך מער, ווי דאָס אַלץ. אין איר איז פאַרשלאָסן דער חלום וועגן דעם אַלעם. און איר ווילט, מ׳זאָל נישט שפּילן? ווען די שפּיל וואָלט געגעבן בלויז אומבאַגרענעצטע האָפנונגען, ווען זי וואָלט אונז געוויזן בלויז דעם שמייכל פון אירע גרינע אויגן, וואָלט מען זי נישט אַזוי משוגע ליב געהאַט. זי האָט אָבער אירע דימענ- טענע נעגל, זי איז מוראדיק, ווען עס געפעלט איר שיקט זי אויף אונז אָן אומגליק און חרפּה; אָט פאַרוואָס מיר פאַר- געטערן זי אַזוי שטאַרק.

אין יעדער גרויסער ליידנשאַפט איז פאַרבאָרגן דער כּשוף פון געפאַר. ס׳איז נישט פאַראַן קיין תּענוגים אָן אַ טראָפּן משוגעת. אַ פאַרגעניגן, אויסגעמישט מיט שרעק, פאַרשכּורט. און ווי לעבט מען דען איבער אַזויפיל שרעק, ווי אין דער שפּיל? זי גיט און זי נעמט צו; איר לאָגיק איז אינגאַנצן אנדערש פון אונזער לאָגיק, זי איז שטום, בלינד און טויב. זי איז אַלץ בכּוח. זי איז אַ גאָט.

זי איז אַ גאָט. זי האָט אירע דינער און אירע הייליקע,

וואָס האָבן זי ליב צוליב איר אַליין, נישט צוליב אירע הבטחות וואָס פאַרגעטערן זי, בעת זי פּאטשט זיי איבערן פּנים. אויב זי, באַגזלט זיי אויף אַ מוראדיקן אופן, וואַרפן זיי ארויף די שולד אויף זיך אליין, נישט אויף איר:

— כ'האָב שלעכט געשפּילט, — זאָגן זיי.

זיי באַשולדיקן זיך אליין און פאַרשוועכן נישט איר נאָמען.

*　*

די מענטשהייט אונטערליגט נישט קיין אומענדלעכן פּראָג־רעס. כּדי די מענטשהייט זאָל זיך אַנטוויקלען איז נויטיק געווען, אַז די ערד זאָל זיך געפינען אין געוויסע פיזיקאַלישע און כעמישע באַדינגונגען, וואָס זענען לחלוטין נישט סטאַביליזירט. ס'איז געווען אַ צייט, ווען אונזער פּלאַנעט איז נישט געווען צוגעפּאַסט פאַרן מענטש: די ערד איז געווען צו הייס און צו פייכט. ס'וועט קומען א צייט, ווען זי וועט שוין מער נישט זיין צוגעפּאַסט פאר אים: זי וועט ווערן צו פיל אָפּגעקילט און אויסגעטריקנט. די מענטשן וועלן פארשווינדן אַ סך פריער איידער עס וועט קומען דער אומפארמיידלעכער מאָמענט, ווען די זון וועט אויסגעלאָשן ווערן.

די לעצטע מענטשן וועלן זיין אזוי אומבאהאָלפן און טעמפּ, ווי די ערשטע מענטשן. זיי וועלן פארגעסן אלע קונסטן און אלע וויסנשאפטן. זיי וועלן עלנט ליגן באהאַלטן אין היילן אין שכנות מיט אייזבערג, וואָס וועלן אַראָפּקאָלערן זייערע דורכזיכטיקע פעלזנשטיינער איבער חורבות פון פאַרוויסטע שטעט, ווו עס לעבן היינט מענטשן, וואָס טראַכטן, ליבן, ליידן און האָפן. אַלע ביימער וועלן פאַרפרוירן ווערן פון קעלט; בלויז די סאָסנעס וועלן הערשן איבער דער פארפרוירענער ערד.

די לעצטע מענטשן וועלן זיך צומאָל נישט אָפּגעבן קיין דין וחשבון וועגן זייער שרעקלעכער, פאַרצווייפלטער לאַגע.

זיי וועלן נישט האָבן די מינדעסטע ידיעה וועגן אונז, וועגן אונזער זשעני, וועגן אונזער ליבע, און דאָך וועלן זיי זיין אונזערע קינדער, אונזער בלוט און פלייש. אין זייערע פאַר-גרעבטע מוחות וועט זיך נאָך טליען אַן עלנטער פונק פון קיניגלעכער אינטעליגענץ און אַ געוויסע צייט וועלן זיי נאָך הערשן איבער די ריזיקע בערן, וואָס וועלן זיך כסדר מערן אין שכנות מיט זייערע היילן.

גאַנצע שבטים און פעלקער וועלן פאַרשווינדן ווערן אונטערן שניי און אונטער די אייזבערג, צוזאמען מיט די שטעט, שאָסייען און גאַרטנס פון דער אַלטער וועלט, בלויז געציילטע מענטשן-פאַמיליעס וועלן איבערהאַלטן די שרעקלעכע קעלטן. אַ פאַרצווייפלטע מחנה פרויען, קינדער און זקנ'ים וועלן אַרויס-קוקן דורך די לעכער פון זייערע היילן, און זען, ווי איבער זייערע קעפ הייבט זיך אויף פאַמעלעך אַ טרויעריקע, טונקעלע זון, וואָס וועט פון צייט צו צייט אויפפלאַקערן, ווי אַ פייער-בראַנד, וואָס האַלט ביים אויסגעלאָשן ווערן, בעת די בלענדנ-דיק קאַלטע שטערן וועלן אַ גאַנצן טאָג אָן אויפהער פונקלען אויפן פעך-שוואַרצן הימל, דורך דער פאַרפרוירענער לופט.

אָט, וואָס זיי וועלן זען. אָבער אין זייער טעמפקייט וועלן זיי צומאָל נישט האָבן קיין באַגריף וועגן דעם, וואָס זיי זעען. און אַ געוויסן טאָג וועט דער לעצטער פון זיי אויס-הויכן דעם לעצטן מענטשלעכן זיפץ, און נישט פילן נישט קיין שנאה, נישט קיין ליבע צום פיינדלעכן הימל. און די ערד וועט נישט אויפהערן זיך צו דרייען, טראָגנדיק דורך דעם שווייגנ-דיקן חלל, דעם אַש פון דער מענטשהייט, די פאָעמעס פון האָמער און די חשיבותדיקע רעשטלעך פון די גריכישע מערמל-שטיינער, טיף אין איר פאַרפרוירן.

און פון דער טיפעניש פון דעם פּלאַנעט, ווו ס'האָט גע-הערשט אַזאַ גייסטיקער קוראַזש, וועט זיך שוין מער נישט אַרויסרייסן צו דער אומענדלעכקייט קיין שום געדאַנק, לכל-הפחות, קיין שום מענטשלעכער געדאַנק. וואָרים, ווער קאָן וויסן, צי אין יענע צייטן וועט אַמאָל אַן אַנדער געדאַנק נישט

קומען צום זעלבסטבאוווּסטזיין, און צי דער קבר, וו מיר אלע חעלן שלאָפן, וועט נישט אַמאָל ווערן דאָס וויגעלע פון אַ נײַער נשמה? פון וואָס פאַרא נשמה, דאָס ווייס איך נישט. אפשר אַמאָל די נשמה פון אַן אינזעקט.

די אינזעקטן, למשל די בינען און די מוראַשקעס, האָבן אין שכנות מיטן מענטש און נישט געקוקט אויף אים, באַוויזן גרויסע וווּנדער. עס איז אַ פאַקט, אַז די מוראַשקעס און בינען שטרעבן, ווי מיר נאָך ליכט און וואַרעמקייט. עס זענען אָבער פאַראַן באַשעפענישן, וואָס זעגען זייער ווייניק עמפּפינדלעך אויף קעלט. ווער ווייסט. וואָס פאַרא צוקונפט עס איז באַהאַלטן געוואָרן פאַר זייער אַרבעט און געדולדיקייט?

ווער ווייסט, צי די ערד וועט נישט אַמאָל ווערן צוגעפּאַסט פאַר זיי, ווען זי וועט אויפהערן צו זיין צוגעפּאַסט פאַר אונז? ווער ווייסט, צי זיי וועלן אַמאָל נישט קומען צום באַוווּסטזיין פון זייער אייגענער עקזיסטענץ און פון דער עקזיסטענץ פון דער אַרומיקער וועלט?

ווער ווייסט צי זיי וועלן נישט אַמאָל, ווי מיר היינט, פאַרערן גאָט, דעם באַשעפער פון דער וועלט?

* *
*

מיר קענען זיך נישט געגוי פאַרשטעלן דאָס, וואָס עק־זיסטירט שוין נישט מער. דאָס, וואָס מיר רופן אָן לאָקאַלער קאָלאָריט איז נישט מער, ווי אַן אילוזיע. בעת מ׳זעט, וויפיל אַ מאָלער מוז זיך אָנמאַטערן כדי מיט אַ געוויסער וואַרשיינלעכ־קייט צו רעפּראָדוצירן אַ סצענע פון קיניג לואי-פיליפס *) צייטן, הייבט מען אָן איינגאַנצן צו צווייפלען, צי ער וואָלט אונז גע־קאָנט געבן דעם מינדעסטן באַגריף וועגן אַ געוויס געשעעניש, וואָס איז פאָרגעקומען אין די צייטן פון דעם הייליקן לואי אָדער פון אויגוסט. מיר מאַטערן זיך זייער פיל אָן כדי אָפּצו־קאָפּירן אַלט געווער אָדער אַלטע כלים.

די אַמאָליקע קינסטלער האָבן זיך דערפאַר גאָר ווייניק אָפּגעגעבן מיט דער דאָזיקער פּוסטער גענויקייט. זיי האָבן פאָרגעשטעלט די העלדן פון דער ,עגענדע אָדער פון דער געשיכטע אין דער געשטאַלט און אין די קאָסטיומען פון זייער צייט. אויף אזא אופן האָבן זיי אין דער אמתן געשילדערט זייער נשמה און זייער צייט. צי קאָן מען נאָך מער פאָדערן

*) לואי פיליפּ אָרלעאַן — געקיניגט אין פראַנקרייך פון יאָר 1830 ביז דעם יאָר 1848, בעת ס׳איז אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע. (באַמ. פון איבערזעצער).

פון אַ קינסטלער? יעדער פון זייערע העלדן האָט געהאַט אין זיך עפּעס פון די מענטשן פון זייער צייט. די דאָזיקע געשטאַלטן, וואָס האָבן געלעבט מיט זייער לעבן און מיט זייערע געדאַנקען, וועלן אַלעמאָל רירן אונזער האַרץ. זיי גיבן איבער דער צוקונפט אַ באַווייז פוןווירקלעכע עמאָציעס און איבערגעלעבטע געפילן. די אַרכעאָלאָגישע מאָלעריי איז בלויז אַ באַווייז פון דער רייכקייט פון אונזערע מוזייען.

אויב איר ווילט האָבן אַ פאַרגעניגן פון אמתער קונסט, און שטייענדיק לעבן אַ בילד איבערלעבן אַ טיפן איינדרוק, באַטראַכט די פרעסקן פון דזשירלאַנדאַיאָ, אין סאַנטאַ־מאַריאַ־נאָוועלאַ־קירך אין פלאָרענץ: ד אָ ס ג ע ב ו י ר ן ו ע ר ן פ ו ן ד ע ר י ו נ ג פ ר ו י.

דער אַלטער קינסטלער ווייזט אונז דאָס צימער פון דער קינפּעטאָרין. אַננאַ, וואָס ליגט אין בעט, איז נישט שיין און נישט יונג; מ'זעט אָבער באַלד, אַז זי איז אַ גוטע באַלעבאָסטע. צוקאָפּנס פון איר בעט האָט זי אַוועקגעשטעלט אַ טעפּל קאָנפיטורן און צוויי גראַנאַטן. אַ דינסטמיידל, וואָס שטייט צווישן בעט און דער וואַנט, דערלאַנגט איר אַ קרוג אויף אַ טאַץ. מ'האָט נאָר וואָס אויסגעבאָדן דאָס קינד, און די מעשענע וואַנגע שטייט נאָך אינמיטן צימער. איצט זייגט די קליינע מאַריע די ברוסט פון אַ שיינער אַם. דאָס איז אַ יונגע מוטער, וואָס האָט פריינדלעך אָנגעבאָטן איר ברוסט דעם קינד פון איר פריינדין, מיט דער כוונה, אַז איר קינד און דאָס קינד פון איר פריינדין, וואָס האָבן טועם געווען דאָס לעבן פון דעם זעלבן קוואַל, זאָלן שטענדיק געדענקען דעם דאָזיקן טעם, און זיך ליב האָבן ווי ברידער.

לעבן איר שטייט אַ יונגע פרוי, ענלעך צו איר, נאָך אַ מיידל, מסתמא איר יונגערע שוועסטער, רייך געקליידט, מיט אַ הויכן שטערן, אויף וועלכן עס שלענגלען זיך אַ פּאָר לאָקן, ווי ביי עמיליע פּיאַ; זי שפּרייט אויס אירע אָרעמס צום קינד, מיט אַ רייצנדן זשעסט, וואָס פאַרראַט דעם אויפוואַכנדן מוטערלעכן אינסטינקט. צוויי אַריסטאָקראַטישע דאַמען, געקליידט

לויט דער פלאָרענטינישער מאָדע, קומען אריין אין צימער. זיי ווערן באַגלייט פון אַ דינערין, וואָס טראָגט אויפן קאָפּ אַ קויש ארבוזן און וויינטרויבן, און די דאָזיקע אויפריכטיק שיינע געשטאַלט, אין פּאַרצייטיקע קליידער, ארומגעצאַרטלט מיט אַ פלאַטערנדיקער שאַרפּע, באַווייזט זיך אין דער באַלעבאַטישער און פרומער סצענע, ווי אַ געצנדינערישער חלום.

יאָ! פון דאָזיקן געמיטלעכן צימער, פון די מילדע פּרויען-פּנימער, קוקט צו מיר אַראָפּ דאָס שיינע פלאָרענטינישע לעבן אין די ערשטע צייטן פון רענעסאַנס.

אַ זון פון אַ גאָלדשמיד, דער מייסטער פון דער אויפוואַכנ-דיקער קונסט, האָט ער אין זיין בילד, וואָס איז קלאָר, ווי דער באַגינען פון אַ זומער-פרימאָרגן, אַנטפּלעקט דעם סוד פון יענער רייצנדיקער עפּאָכע, אין וועלכער ער האָט געהאַט דאָס גליק צו לעבן, און וואָס איר רייץ איז געווען אזוי גרויס, אַז אפילו מענטשן פון זיין צייט פלעגן אויסרופן: „געלויבט צום אויבערשטן! וואָס פּאַראַ גליקלעכע צייט!"

דער קינסטלער דאַרף ליב האָבן דאָס לעבן און ווייזן אונז זיין שיינקייט. אָן דעם קינסטלער וואָלטן מיר געצווייפלט, צי ס'איז פאַראַן שיינקייט אין לעבן.

* *

*

די איגנאָראַנץ איז די נויטוועגדיקע באַדינגונג, כ'וואָלט געזאָגט, נישט נאָר פונם גליק, נאָר אפילו פון דער עקזיסטענץ אליין. ווען מיר וואָלטן אַלץ געוווּסט, וואָלטן מיר נישט אימשטאַנד געווען אויסצוהאַלטן אין לעבן אפילו אין משך פון איין שעה. די געפילן, וואָס מאַכן אונז דאָס לעבן זיס, אָדער לכל־הפחות דערטרעגלעך, ווערן געבוירן פון ליגנט און שפייזן זיך מיט אילוזיעס.

אויב דער מענטש וואָלט, פונקט ווי גאָט, געוואָרן דער באַזיצער פון דער וואָרהייט, פון דער איינציקער וואָרהייט, און ער וואָלט זי געלאָזט ארויספאלן פון זיין האַנט, וואָלט די וועלט אין איין רגע פאַרניכטעט געוואָרן, און דער וועלטאַל וואָלט באַלד צערונען געוואָרן, ווי אַ שאָטן. די געטלעכע וואָרהייט, ווי דער יום־הדין, וואָלט פאַרוואַנדלט די וועלט אין שטויב.

דער אמתער אייפערזיכטיקער פאַלט אריין אין אַ שרעק ביי דער מינדעסטער קלייניקייט; די קלענסטע זאַך איז עלול

ארויסצובריינגען אים פון די כלים. אַ פרוי פאַררעט אים בלויז דערפאַר, וואָס זי לעבט און אָטעמט. ער ליידט נישט די אַרבעטן פון אינערלעכן לעבן, די פאַרשידנאַרטיקע קערפּערלעכע און נשמה-וויבראַציעס, וואָס מאַכן פון דער פרוי אַ באַזונדער אומאָפּהענגיק באַשעפעניש, אינגאַנצן אַנדערש פון אים, אַ באַשעפעניש, וואָס ווערט באַהערשט פון אינסטינקטן, איז אומבאַרעכנט אין אירע מעשים און טיילמאָל נישט פאַרשטענדלעך. ער ליידט, וואָס זי בליט פון זיך אַליין, ווי אַ שיין געוויקס; וואָרים קיין שום מאַכט פון דער ליבע איז נישט אימשטאַנד אַרומצונעמען און פאַרכאַפּן פאַר זיך דעם גאַנצן דופט, וואָס זי פאַרשפּרייט אין דער וועלט אין יענער צאַפּלדיקער שעה, וואָס רופט זיך יוגנט און לעבן.

אין תוך גענומען, וואַרפט ער איר גאָרנישט פאָר, אפשר בלויז דאָס, וואָס זי איז. דאָס איז דאָס איינציקע, וואָס לאָזט אים נישט צורו. זי איז, זי לעבט, זי איז שיין, זי חלומט. דאָס אַליין איז שוין עלול אים אַריינצוברענגען אין אַ צושטאַנד פון שטערבלעכער אומרו! ער באַגערט איר לייב אינגאַנצן פאַר זיך. ער באַגערט איר לייב מער און שטאַרקער, ווי די נאַטור דערלויבט עס, ער באַגערט זי אינגאַנצן.

די פרוי האָט נישט אזאַ פאַנטאַזיע. דאָס, וואָס מען נעמט אָן ביי איר אין גרעסטן טייל פאַלן פאַר אייפערזוכט, איז נישט מער, ווי ריוואַליזירונג. וואָס שייך אָבער די יסורים פון די חושים, דאָס ליידן פון שרעקלעכע, מוראדיקע קאָשמאַרן, יענער היהשער און באַדויערנסווערטער פוריע, פון יענער פיזישער ווילדקייט, — איז דאָס איר אינגאַנצן אומבאַקאַנט, אָדער זייער ווייניק באַקאַנט. איר געפיל איז אין דעם פאַל ווייניקער פרעציז, ווי אונזער געפיל.

אַ געוויסער ניואַנס פון דער פאַנטאַזיע איז באַזונדערס זייער שוואַך ביי איר אַנטוויקלט, אפילו אין דער ליבע, און דאָס אויך אין דער חושימדיקער ליבע: דאָס איז די פּלאַסטישע אימאַגינאַציע, דער פּרעציזער חוש פאַר פאָרם. אירע איינדריקן ווערן איינגעזונקען אין אַ ים פון אומבאַשטימטקייט

און איר גאַנצע ענערגיע איז אָנגעצויגן צום קאַמף. בעת זי איז אייפערזיכטיק, קעמפט זי מיט אַ פאַרביסנקייט, אויסגעמישט מיט אכזריותדיקייט און דורכגעטריבנקייט, צו וואָס דער מאַן איז לגמרי נישט פעיק. די זעלבע נאדל, וואָס צערייסט אונז די געדערים, גיט איר נאָך צו שטויסקראפט. די פרוי, וואָס מ'האָט ביי איר צוגענומען איר געליבטן מאַן, קעמפט פאר איר הערשאַפט און השפעה.

די אייפערזוכט, וואָס איז ביים מאנספערשוין אַ שוואַכ־קייט, איז ביי דער פרוי א קראפט און שטויסט זי צו מעשים. זי שעפט פון דער אייפערזוכט ווייניקער יאוש, ווי קוראזש.

קוקט אייך צו צו ראסינס הערמיאָנע. איר אייפערזוכט רייסט זיך נישט צום הימל אין שווארצע קנוילן רויך; זי האָט ווייניק פאנטאזיע. אירע יסורים ווערן נישט פארוואנדלט אין א געזאנג, פול מיט מוראדיקע בילדער. זי חלומט נישט, און וואָס פארא ממשות קאָן האָבן די אייפערזוכט אָן באזעסנ־קייט און אָן מוראדיקער משוגעת? הערמיאָנע איז נישט איי־פערזיכטיק. זי וויל בלויז נישט דערלאָזן צו א געוויסער חתונה. זי וויל דערצו נישט דערלאָזן פאַר יעדן פרייז, זי וויל, אז איר געליבטער מאן זאָל זיך צוריקקערן צו איר, נישט מער.

און בעת דער דאָזיקער מאן איז געפאַלן צוליב איר און פאר איר, בלייבט זי שטיין א פארחידושטע. זי איז קודם כל איבערראשט. איר האנדלונג איז דורכגעפאלן. א מאנספערשוין אויף איר ארט וואָלט אויסגערופן: „אזוי איז בעסער, קיינער וועט נישט האָבן די פרוי, וואס איך האָב געליבט".

* *
*

די עלעגאנטע וועלט איז אין אייערע אויגן פוסט און

נישטיק. פונדעסטוועגן איז די עלעגאַנטע וועלט גאָר נישט קיין שלעכטע שולע פאַר פּאָליטיקער. און מען דאַרף באמת באַדויערן, וואָס אונזערע פאַרלאַמענטן האָבן פאַר איר זייער ווייניק פאַרשטענדעניש.

די פרוי איז די אַקס פון דער עלעגאַנטער וועלט. זי איז דאָרט די הערשערין: אַלץ קומט דאָרט פאָר פאַר איר און צוליב איר. די פרוי איז די בעסטע דערציערין פון מאַן; זי לערנט אים צו זיין העפלעך, דיסקרעט און שטאָלץ, מיט וואָס ער באַלעסטיקט אָבער נישט קיינעם. זי לערנט אַ טייל מענער די קונסט פון געפעלן ווערן, אַלעמען לערנט זי די נוצלעכע קונסט, אַז מ׳טאָר נישט געפעלן ווערן.

מ׳לערנט פון איר, אַז די געזעלשאַפט איז אַ סך מער קאָמפּליצירטער און איר אָרגאַניזאַציע א סך מער דעליקאַטער, ווי מ׳שטעלט עס אין אַלגעמיין פאָר אין די פּאָליטישע קאַפעהייזער. אין איר געזעלשאפט נעמט מען זיך צום סוף דורך מיט דער אידעע, אַז די חלומות פון געפיל און די אילוזיעס פון גלויבן איז אוממעגלעך גובר צו זיין, און נישט דער שכל הערשט איבער די מענטשן.

* *

*

דאָס לעכערלעכע פאַרוואַנדלט זיך שנעל אין אַ ווייטיק, בעת עס איז מענטשלעך. צי רופט דאָן־קישאָט טייל־מאָל נישט ארויס קיין טרערן ביי אייך אין די אויגן? איך פון מיין זייט האָב גרויס הנאה, בעת איך לייען ביכער, וואָס טראָגן אויף זיך דעם חותם פון לויטערן און צעשמייכלטן טרויער, ווי למשל דער אומפאַרגלייכלעכער דאָן־קישאָט אָדער

קאנדיד, *) וואָס זענען, אויב מ'וויל זיי ווי געחעריק פאַרשטיין, שליסלען פון פאַרשטענדניש און רחמנות, די ביבלס פון גינציקייט.

* * *

*) קאַנדיד — באַרימט ווערק פון גרויסן פראַנצויזישן געלערטן און שריפטשטעלער, וואָלטער, געלעבט אין אַכצנטן יאָרהונדערט.
(באַם. פ. איבערזעצער).

די קונסט פארנעמט זיך נישט מיט דער וואָרהייט. דעם אמת דאַרף מען פאָדערן פון דער וויסנשאַפט, ווארים די וואָרהייט איז איר קעגנשטאַנד; מ׳דאַרף זי נישט פאָדערן ביי דער ליטעראַטור, וואָס איר איינציקער אָביעקט איז דאָס שיינע.

קלאָע פונם גריכישן מעשהלע איז קיינמאָל נישט געווען אַן אמתע פאַסטושקע, און איר געליבטער דאַפניס איז קיינמאָל נישט געווען קיין אמתער ציגן-פאַסטוך; פונדעסטוועגן געפעלן זיי אונז נאָך ביים היינטיקן טאָג. דער איידעלער גריך, וואָס האָט אונז פאַרציילט זייער געשיכטע, האָט זיך לחלוטין נישט געזאָרגט וועגן שטאַלן און באָקן. אים איז נאָר אָנגעגאַנגען די פּאָעזיע און ליבע.

און מחמת דעם, וואָס ער האָט, צום פאַרגעניגן פון די שטאָטלייט, געוואָלט זיי ווייזן אַ חושימדיקע און גראַציעזע ליבע, האָט ער זי געשילדערט אויפן פאָן פון דער נאַטור, וואָס איז אינגאַנצן פרעמד געווען זיינע לעזער, ווארים די פאַרציי-טיקע ביזאַנטינער זענען גרוי געוואָרן אין זייערע פּאַלאַצן, אינ-מיטן דער אכזריותדיקער פּראַכט פון זייערע מאָזאַיקן, אָדער אין זייערע קאַנטאָרן, וווּ ס׳זענען געווען אָנגעזאַמלט ריזיקע רייכטימער.

כדי פריילעך צו מאַכן די אַלטע מרה-שחורהניקעס, האָט דער דיכטער זיי געוויזן, צוויי שיינע קינדער. און כדי מ׳זאָל זיי נישט פאַרטוישן מיט די הפקרדיקע און צעלאָזטע

יונגע בחורים און מיידלעך, פון וועלכע עס שוויבלט אויף די שטאָטישע גאַסן, האָט ער נישט פאַרגעסן צוצוגעבן: „די יונגעלייט, וועגן וועלכע איך דערצייל אייך, האָבן געלעבט אַמאָל, פאַרצייטנס, אין לעסבאָס, און זייער געשיכטע איז אויסגעמאָלט אין וועלדל פון די נימפעס". ער איז געווען פאַרזיכטיק און געהאַנדלט, ווי די אַלטע אַמען וואָס פאַרפעלן נישט צוצוגעבן, איידער זיי הייבן אָן צו פאַרציילן אַ מעשהלע: „אַמאָל. אין די צייטן פון עוג מלך הבשן".

אויב מ'וויל אונז פאַרציילן אַ שיינע מעשה, דאַרף מען אָביסל פאַרגעסן די דערפאַרונג און די וואָכעדיקייט פון לעבן.

* *

*

מיר פירן אַריין דאָס אומענדלעכע אין דער ליבע. דאָס איז אָבער נישט די שולד פון פרויען.

* *

*

כ׳גלויב נישט, אַז טויזנט צוויי הונדערט פּערזאָן, פֿאַרזאַמלט כדי אויסצוהערן אַ טעאַטער־פּיעסע, זאָלן פֿאָרשטעלן מיט זיך אַ קערפּערשאַפֿט, וואָס איז באַהערשט פֿון דער אייביקער חכמה; ס׳קומט מיר אָבער פֿאָר, אַז דאָס פּובליקום ברענגט געוויינלעך מיט מיט זיך אויפֿן ספּעקטאַקל אַ נאַיוויטעט פֿון האַרץ און אויפֿריכטיקייט פֿון גייסט, וואָס גיט צו אַ געוויסן ווערט דעם איבערגעלעבטן געפֿיל.

אַ סך מענטשן, וואָס ס׳איז זיי אוממעגלעך זיך צו אָריענטירן אין אַ דורכגעלייענט בוך, זענען דערפֿאַר אימשטאַנד זיך אָפּצוגעבן אַ גענויען דין וחשבון פֿון דעם, וואָס זיי האָבן געזען אויף דער סצענע. בעת מ׳לייענט אַ בוך, לייענט מען עס, ווי מ׳וויל, מ׳לייענט דערפֿון, אָדער נאָך מער, מ׳לייענט אין דעם דאָס, וואָס מ׳וויל. אַ בוך לאָזט איבער אַ ברייט פֿעלד פֿאַר דער פֿאַנטאַזיע. דײ[illegible] נעמט זיך עס, וואָס פּשוטע און נישט איבעריק אי[illegible]רקלײַבערישע מו[illegible]ות האָבן פֿון בוך אין גרעסטן טייל פֿאַלן [illegible]שט מער, ווי אַ בלאַסע און קאַלטע הנאה. פֿאַרקערט, דאָס טעאַטער ווייזט אונז אַלץ און פֿאַרשפּאָרט אונז די אַרבעט פֿו[illegible] דער אימאַגינאַציע. דערפֿאַר טאַקע באַפֿרידיקט עס די גרעסטע צ[illegible]ל מענטשן.

דערמיט דערקלערט זיך ע[illegible] אויך, וואָס מענטשן, גענייגט [illegible]ון דער נאַטור צו טרוימערייען [illegible]און מעדיטאַציעס, ווערן נישט אַזוי [illegible]שטאַרק פֿון אים נתפּעל. די ל[illegible]צטע האָבן ליב די אידעען צו

ליב דער מעגלעכקייט ווייטער זיי צו שפינען אין געדאַנק, צוליב דעם מעלאָדישן אָפּקלאַנג, וואָס זיי וועקן אין זיי. זיי האָבן נישט וואָס צו טון אין טעאַטער, און זיי ווילן ליבער די אַקטיווע פרייד, וואָס עס פאַרשאַפט די לעקטור, ווי דאָס פּאַסיווע פאַרגעניגן פון א טעאַטער-ספּעקטאַקל.

וואָס איז דען א בוך? א קאָמבינאַציע פון קליינע צייכנס. נישט מער. דער לעזער דאַרף ערשט ארויסשיילן פון אים די פאָרמען, די פאַרבן און געפילן, וואָס האָבן א שייכות צו די צייכנס. בלויז פון אים איז אָפּהענגיק, צי דאָס בוך וועט זיין אומעטיק אָדער פריילעך, פלאַמענדיק אָדער אייזקאַלט. כ׳וועל זאגן, אויב איר ווילט, אז יעדעס ווארט אין א בוך איז א מיסטעריעזער פינגער, וואס רירט אן א קעמערל אין אונזער מוח, ווי די סטרונע פון א האַרפּע, און אויף אזא אופן וועקט עס אויף א קלאַנג אין אונזער נשמה. אומזיסט איז דעם קינסטלערס שטימונג און חכמה. דער קלאַנג, וואָס ער וועט ארויסרופן, איז אָפּהענגיק פון דער איכות פון אונזערע אינטימע סטרונעס.

גאַנץ אנדערש קומט אבער פאָר אין טעאַטער. די קליינע שוואַרצע פּינטעלעך זענען פאַרטוישט געוואָרן מיט לעבעדיקע בילדער. אנשטאַט דעם איידעלן דרוק, וואס לאָזט איבער א סך פאַר דער פאַנטאַזיע, — זעען מיר מענער און פרויען אויסגעטון פון אומבאַשטימטקייט און געהיימנישפולקייט. דאָס גאַנצע איז גענוי באַשטימט. דערפון נעמט זיך עס, וואס די איינדריקן פון די צוקוקער, אויב מ׳זאל נעמען אין באַטראַכט די פּאַטאַלע פאַרשידנאַרטיקייט פון די מענטשלעכע געפילן, אונטערשיידן זיך זייער ווייניק איינער פון אַנדערן. מ׳זעט אויך אויף אלע פאַרשטעלונגען (אויב זיי ווערן נישט געשטערט פון פּאָליטישע און ליטעראַרישע מחלוקות), ווי אלע אנוועזנדע פאַראייניקט א געוויסע געמיינזאַמע סימפּאַטיע.

אויב מ׳וועט איבעריקנס נעמען אין באַטראַכט, אז דאָס טעאַטער איז די קונסט, וואס דערווייטערט צום ווייניקסטן פון לעבן, וועט מען קומען צו דער איבערצייגונג, אז ס׳לאָזט זיך צום לייכטעסטן פאַרשטיין און באַנעמען, און דערפון איז גע-

דרונגען, אַז דאָס טעאַטער איז דאָס, בנוגע וועלכן דאָס פּוב-ליקום איז זיך צום ווייניקסטן טועה און האָט וועגן אים אַן איינשטימיקע מיינונג.

* *
*

איך האָב גאָרנישט קענען געדאַנק, אַז דער טויט מאַכט פון אונז פולשטענדיק אַ תל. דאָס איז גאַנץ מעגלעך. אין דעם פאַל וואָלט מען נישט באַדאַרפט זיך פאַר אים צו שרעקן:

איך בין — ער איז נישטאָ; ער איז דאָ — איך בין שוין מער נישטאָ.

נאָר אויב דער טויט, דערשלאָגנדיק אונז, לאָזט אונז איבער אַ געוויסע עקזיסטענץ, דעמאָלט זייט זיכער, אַז אויף יענער וועלט וועלן מיר זיך טרעפן אַזעלכע, ווי מיר זענען געווען אויף דער וועלט. דאָס דאָזיקע וועט אונז בלי ספק אַריינברענגען אין אַ גרויס פאַרלעגנהייט. דער דאָזיקער געדאַנק איז עלול צו פאַרמיאוסן אין אונזערע אויגן דעם גן-עדן און גיהינום.

דער דאָזיקער געדאַנק נעמט ביי אונז צו יעטוועדע האָפּ-נונג, וואָרים אונזער הייסעסטער ווונטש איז דווקא צו ווערן גאַנץ אַנדערש ווי מיר זענען. די דאָזיקע זיכערקייט איז אונז אָבער לגמרי אָפּגענומען געוואָרן.

* *
*

ס'איז פאַראַן אַ קליין דייטש בוך, וואָס הייסט: מלואים און באַמערקונגען צום בוך פון לעבן, פאַרפאַסט פון גערהאַרד פאָן אַמינטאָר, אַ בוך אַן אמתדיקס, און דעריבער אַ טרויעריקס, וו ס'ווערט געשילדערט דאָס טאָגטעגלעכע לעבן פון דער פרוי.

„ניט ערגעץ אַנדערש, נאָר דווקא אין די טאָגטעגלעכע דאגות פאַרלירט די פאַמיליען־מוטער איר פרישקייט, אירע כוחות און זי פאַרברויכט פולשטענדיק איר אינערלעכע ענערגיע. די אייביקע פראַגע, וואָס קערט זיך שטענדיק עקשנותדיק אום: „וואָס זאָל איך קאָכן היינט אויף מיטאָג?“, די אומאויפהערלעכע נויטווענדיקייט אויסצוקערן דעם דיל, אויסצוקלאַפּן און אויסצורייניקן די קליידער, אָפּצושטויבן די ווענט, — דאָס אַלץ איז אַ טראָפּן וואַסער, וואָס פאַלט פאַמעלעך אָבער שטענדיק, און בויערט דורך מיט אַ זיכערער קראַפט דעם קערפּער און גייסט. די קליינע ווייס־ראָזע פרוי, וואָס איר געלעכטער קלינגט ווי קרישטאָל, ווערט ביי דער קיך, אַ דאַנק דער וואָכעדיקער שוואַרצקינסטלעריי, פאַרוואַנדלט אין אַ שוואַרצע, ווייטיקלעכע מומע. אויפן רויכערנדיקן אַלטאַר, וו ס'קאָכט זיך דאָס טעפּל עסן, איז מען מקריב אַ קרבן פון דער יוגנט, פרייהייט, שיינקייט און פרייד“

אויף אזא אופן דריקט זיך אויס מער ווייניק געראַרד פֿאַן אַמינטאָר.

אזא איז אין דער אמתן דער גורל פון דער מערהייט פרויען. זייער עקזיסטענץ איז אזוי שווער, ווי די עקזיסטענץ פון מאַן. און אויב מ׳זוכט ביים היינטיקן טאָג די סיבה, פאר־וואָס דאָס לעבן איז אזוי שווער, באמערקט מען באלד, אז ס׳קאָן אנדערש נישט זיין אויף אַ פלאנעט, ווו די נויטווענדיק־סטע מיטלען צום לעבן זענען אזוי זעלטן, ווו די פראָדוקציע קומט אָן מיט אזוי פיל מי און פארלוסט פון כוחות. צום אומ־גליק זענען דאָס טיפע סיבות, וואס זענען אָפהענגיק פון דער אויבערפלאַך פון דער ערד, פון איר אינערלעכן בוי, פון איר פלאָרע און פאַונע, — באשטענדיקע און אומבאדינגטע סבות.

די ארבעט, אפילו ווען זי זאָל גלייכמעסיק פארטיילט ווערן, וועט שטענדיק באלעסטיקן די מערהייט פון די פרויען און מענער, און זייער ווייניק פון זיי וועלן האָבן די פרייע מעגלעכקייט צו אנטוויקלען זייער שיינקייט און אינטעליגענץ אין עסטעטישע באדינגונגען. שולדיק אין דעם איז די נאַטור.

וואָס קומט פאר דערווייל מיט דער ליבע? דאָס, וואָס ס׳קאָן פון איר ווערן. דער הונגער איז איר גרעסטער שונא. און ס׳איז נאך ביז איצט פון קיינעם נישט אָפגעלייקנט גע־וואָרן, אז די פרויען ליידן הונגער. עס איז העכסט ווארשיינ־לעך, אז אין צוואנציקסטן, ווי אין ניינצנטן יאָרהונדערט וועלן זיי זיין באשעפטיקט מיט דער קיך, אדער אפשר איז גאָר מעגלעך, אַז דער סאָציאַליזם וועט זיך צוריקקערן צו דער עפּאָכע, ווען די יעגערס פלעגן אויפפרעסן די געשאָסענע חיות רויערהייט, און ווענוס האט פאַראייניקט די געליבטע אין די וועלדער. אין יענע צייטן איז די פרוי געווען פריי.

אָט, וואָס איך וויל אייך זאָגן: ווען איך וואָלט באַשאַפן דעם מאַן און די פרוי, וואָלט איך זיי אויסגעפורעמט לויט א טיפּ, וואס איז פולשטענדיק אַנדערש פון דעם טיפ העכערע זויג־חיות, וואס האט זיך ארויסבאַקומען אויפן ערשטן פּלאַן,

איך וואָלט נישט באשאפן די מענער און פרויען לויטן מוסטער פון די גרויסע מאָלפעס, ווי זיי זענען עס אין דער ווירקלעכ־קייט; איך וואָלט זיי באשאפן אין דער געשטאַלט פון איג־זעקטן, וואָס זענען אין דער ערשטער סטאַדיע ווערעמלעך, און שפעטער, ביים סוף פון זייער לעבן, ווערן זיי פארוואנדלט אין שמעטערלינגען, און זייער איינציקע זאָרג איז צו זיין שיין און זיך ליב צו האָבן. געוויסע מינים אינזעקטן האָבן פליגל אין זייער לעצטער לעבנס־פאַזע, זיי האָבן אבער נישט קיין מאָגן. און אין דער דאָזיקער פאראיידלטער געשטאַלט ווערן זיי ווידערגעבוירן, כדי ליב צו האָבן אין משך פון איין שעה און צו שטארבן.

ווען איך וואָלט געווען גאָט, אדער פיל מער א דעמיורג *), — ווארים די אלעקסאַנדריינישע פילאָזאָפיע לערנט אונז, אז די דאזיקע מינימאלע באשעפענישן זענען פיל מער דאס ווערק פון א דעמיורג, אדער בעסער געזאָגט פון א שעפערישן דעמאָן, — ווען איך וואָלט געווען א דעמיורג אדער א דעמאָן, וואָלט איך גענומען די אינזעקטן אלס מאָדעל פאַרן מענטש.

איך וואָלט געמאַכט, אז דער מענטש זאָל, ווי זיי, זיין אין דער ערשטער סטאַדיע א לאַרווע, וואָס פארנעמט זיך מיט דער מיאוסער ארבעט פון דערנערן זיך. אין דער דאזיקער פאַזע וואָלטן אינגאַנצן נישט עקזיסטירט קיין געשלעכטער, און דער הונגער וואָלט קיינמאָל נישט דערנידריקט די ליבע. דער־נאָך וואָלט איך געמאַכט, אז אין דער לעצטער פאַזע זאָלן דער מאַן און די פרוי, אויסשפרייטנדיק זייערע פונקלענדיקע פליגל, לעבן פון טוי און פון תאווה און שטאַרבן בנשיקה.

אויף אַזאַ אופן וואָלט איך זיי געגעבן די ליבע אַלס שכר און די קרוין פון זייער שטערבלעך לעבן. און אזוי וואָלט א סך בעסער געווען. איך האָב אָבער נישט באַשאַפן די

---

*) דעמיורג — אַ גריכיש וואָרט, באַדייט: ווערקמייסטער. לויט פּלאַטאָ — דער וועלט־באַשעפער. (באַמ. פון איבערזעצער)

וועלט, און דער דעמיורג, וואָס האָט זיך דאָס אונטערגענומען, האָט זיך פריער נישט אָנגעפרעגט ביי מיר. צווישן אונז גע־רעדט, בין איך שטאַרק מסופק, צי ער וואָלט זיך בכלל באַ־ראַטן מיט די פילאָזאָפן און געלערנטע מענטשן.

* *
*

עס איז אַ גרויסער טעות, ווען מען האַלט, אַז די וויסנשאַפטלעכע אמתן שיידן זיך אונטער פּרינציפּיעל פון די טאָג־טעגלעכע אמתן. זיי שיידן זיך אונטער בלויז מיט זייער אויסגעצייגנטקייט און פּרעציזקייט. פונם פּראַקטישן שטאַנדפּונקט איז דאָס זייער א וויכטיקער אונטערשיד. מ׳דאַרף אָבער נישט פאַרגעסן, אַז די באַאָבאַכטונג פון געלערנטן שטעלט זיך אָפּ בלויז אויף דער אויסערלעכער דערשיינונג, און זי איז נישט אימשטאַנד אַריינצודרינגען אינעם תוך פון דער סובסטאַנץ, ווי אויך צו דערגיין די ווירקלעכע נאַטור פון די קעגנשטאַנדן.

אַן אויג, באַוואָפנט מיט אַ מיקראָסקאָפּ, הערט דערמיט נאָך נישט אויף צו זיין אַ מענטשלעך אויג. עס זעט מער, ווי אַנדערע אויגן, עס זעט אָבער נישט אַנדערש. דער געלערנטער פאַרמערט די באַציונגען צווישן מענטש און נאַטור, אים איז אָבער אוממעגלעך כאָטש אויף אַ האָר צו ענדערן עפּעס אין דעם תוך פון די דאָזיקע באַציונגען. ער זעט, ווי עס שאַפן זיך געוויסע דערשיינונגען, וואָס זענען נישט צוטריטלעך פאַרן געוויינלעכן אויג, אים איז אָבער, פּונקט ווי אונז נישט געגעבן געוואָרן די מעגלעכקייט צו געפינען די סיבה פון זייער אַנטשטייונג.

פאָדערן מאָראַל פון דער וויסנשאַפט וואָלט געהייסן אויסשטעלן זיך אויף א מוראדיקע אַנטוישונג. מיט דריי הונדערט יאָר צוריק האָט מען געגלויבט, אַז די ערד איז דער צענטער

פון דער יצירה. היינט ווייסן מיר, אַז זי איז קוים אַ פּאַר-גליווערטער זון-טראָפּן. מיר ווייסן, וואָסערע גאַזן עס ברענען זיך אויף דער אויבערפלאַך פון די ווייטעסטע פּלאַנעטן. מיר ווייסן, אַז דער וועלטאַל, אינמיטן וועלכן מיר זענען, ווי אַ פאַרבלאָנזשעט שטויבעלע, פּרוכפּערט זיך און פאַרצערט אין אומאויפהערלעכער אַרבעט; מיר ווייסן, אַז אינם וועלטאַל ווערן פּלאַנעטן אָן אויפהער געבוירן און שטאַרבן.

צי האָט זיך אונזער מאָראַל כאָטש אויף אַ האָר געענדערט צוליב די דאָזיקע ווונדערבאַרע אַנטדעקונגען? צי האָבן דען די מוטערס צוליב דעם שטאַרקער אָדער שוואַכער ליב זייערע קינדער? צי פילן מיר אַדאַנק דעם שטאַרקער אָדער שוואַכער די שיינקייט פון פרויען? צי שלאָגט דען דאָס האַרץ אַנדערש אין דער ברוסט פון די העלדן? ניין! ניין! צי די וועלט איז גרויס, צי זי איז קליין, — דעם מענטש גייט דאָס זייער ווייניק אָן.

די ערד איז גענוג גרויס, כדי מ'זאָל אויף איר קענען ליידן און ליבן. די יסורים און די ליבע, דאָס זענען צוויי צווילינג-קוואַלן פון איר נישט אויסגעשעפּטער שיינקייט. יסורים! — אַ פאַרגעסענע גאָטהייט! אַלץ, וואָס איז אין אונז פאַראַן גוטעס, אַלץ, וואָס גיט צו אַ געוויסן ווערט דעם לעבן, האָבן מיר צו פאַרדאַנקען די יסורים; מיר האָבן זיי צו פאַרדאַנקען דעם רחמנות, דעם קוראַזש, מיר האָבן זיי צו פאַרדאַנקען אַלע טוגנטן. די ערד איז נישט מער, ווי אַ קערנדל זאַמד אין דער אומענדלעכער וויסטעניש פון די וועלטן. אָבער אויב מ'ליידט בלויז אויף דער ערד, איז זי אַ סך גרעסער, ווי די איבריקע וועלטן. וואָס זאָג איך? זי איז אַלץ, און דאָס איבריקע איז גאָרנישט. וואָרים אין ערגעץ איז נישט פאַראַן נישט קיין ליידן און נישט קיין זשעני.

וואָס איז דען דער זשעני, אויב נישט די קונסט צו פאַר-כישופן די ליידן? אין דער נאַטירלעכער אָרדנונג שטיצט זיך די מאָראַל בלויז אויף דעם געפיל. איך ווייס, אַז גאַנץ גרויסע

גאונים האָבן געשפּייזט זייער גייסט מיט גאַנץ אַנדערע האָפ־בונגען. רענאַן האָט גערן און מיט א שמייכל אויף די ליפּן ליב געהאַט צו חלומען וועגן א וויסנשאַפטלעכער מאָראַל. ער האָט זיך באַציִיגן צו דער וויסנשאַפט מיט א כמעט נישט באַגרענעצטן צוטרוי. ער האט געגלויבט, אַז די וויסנשאַפט וועט זיין בכוח צו פאַרענדערן די וועלט, וואָרים זי וואַרפט אום בערג. איך גלויב נישט, ווי ער, אַז זי זאָל אימשטאַנד זיין צו מאַכן געטער פון אונז. דעם אמת זאָגנדיק, האָב איך נישט דערצו קיין איבעריק גרויסן חשק.

איך פיל, אַז איך בין נישט קיין מאַטעריאַל פאַר א גאָט, ווי קליין ער זאָל נישט זיין. מיין שוואַכקייט איז מיר א סך טייערער. איך וויל ליבער פאַרבלייבן ביי מיין אומפאָלקאָמקייט, וואָס פון איר איז אָפּהענגיק מיין עקזיסטענץ.

* *

*

ס'איז פאַראַן א קליין בילד פון זשאַן בעראַ, וואָס האָט פאַר מיר אַן אויסטערלישן אינטערעס. דאָס איז דער ז א ל ג ר א פ ע ר: אַן עפנטלעכע פאַרזאַמלונג, א געדיכטער רויך טראָגט זיך פון צעהיצטע קעפּ, פּיפּקעס און לאָמפּן. די גאַנצע סצענע האָט אין זיך בלי ספק א סך לעכערלעכס. אָבער וויפיל טיפזיניקער אמת איז פאַראַן אין דער דאָזיקער לעכערלעכער סצענע! וויפיל אומעט און מעלאַנכאָליע! אויפן דאָזיקן חדושלעכן בילד איז פאַראַן איין געשטאַלט, וואָס דערציילט מיר א סך מער פון סאָציאַליסטישן אַרבעטער, ווי צוואַנציק בענדער געשיכטע און טעאָריע, — די געשטאַלט פון יענעם קליינעם פּענטש מיט א גאָלן קאָפּ און שמאָלע פּלייצעס, מענטש־מוח. דער מענטש, וואָס זיצט ביים וואָרשטאַט, דער האַלז אַרומגעבונדן מיט א טיכל, בלי ספק א פּעיקער בעל־מלאכה און א דענ־

קֿנדער מענטש, א קרענקלעכער, אָן אינסטינקטן, דער אַװקעט פֿון פּראָ־לעטאַריאַט, דער הייליקער פֿון װאָרשטאַט, אומבאַפֿלעקט און פֿאַנאַטיש, װי די קריסטלעכע הייליקע אין די ערשטע צייטן פֿון קריסטנטום. באמת, דער דאָזיקער מענטש איז אַן אַפּאָס־טאַל, און מ׳פֿילט ביי זיין אַנבליק, אַז אַ נייע רעליגיע איז געבוירן געװאָרן אין פֿאָלק.

דער ענגלישער געאלאג, סיר טשארלז לייעל, זייער א גרויסער און אנגעזעענער געלערטער, האט מיט אן ערך פערציק יאר צוריק, געשאפן דאס, וואס מ׳רופט אן טעאריע פון דעם המשך פון די סבות. ער האט אויפגעוויזן, אז די ענדערונגען, וואס זענען אין משך פון הונדערטער יארן פארגעקומען אויף דער אויבערפלאך פון דער ערד, זענען נישט געווען, ווי מ׳גלויבט אין אלגעמיין, א רעזולטאט פון אומגעריכטע קאטאקליזמען, נאר א פועל יוצא פון אומבאמערקטע און לאנגזאמע סבות, וואס הערן נישט אויף צו ווירקן אפילו ביים היינטיקן טאג.

בעת מען פאלגט נאך זיין געדאנקען-גאנג, זעט מען, אז די גרויסע ענדערונגען, וואס זייערע שפורן פארחדושן אונז ביים היינטיקן טאג, זענען אויס שרעקלעך, נאר ווען מען באטראכט זיי פון דער נאנט, בעת אין דער אמתן זענען זיי גאר פאמעלעך פארגעקומען. די ימען האבן געענדערט זייערע געלעגערס אן שרעקלעכע אויפטרייסלונגען, און די אייזבערג זענען פאמעלעך אראפגעפאלן אין די טאלן, וואס זענען אמאל פארצייטנס געווען באדעקט מיט פאפראטש-וועלדער.

ענלעכע טראנספארמאציעס קומען פאר אין אונזערע אויגן, הגם מיר באמערקן זיי נישט אינגאנצן. דארט, ווו קיוויער האט געזעען מוראדיקע אויפטרייסלונגען, ווייזט אונז טשארלז לייעל די מילדע לאנגזאמקייט פון די נאטור-כוחות. מ׳פילט פשוט, וואס פארא ברכה עס וואלט פאר אונז געווארן די טעאריע פון לייעל, ווען מ׳וואלט זי געקאנט איבערטראגן פון

דער פיזישער וועלט איפן געביט פון דער מאָראל און לערנען זיך פון איר די כללים פון באגעמינג. דער קאָנסערוואטיווער און רעליגיעזער גייסט וואָלטן אין דער דאָזיקער טעאָריע געפונען א באדן פאר געמיינזאמער פארשטענדיקונג.

איבערצייגט, אז ענדערונגען, וואָס קומען פאָר כסדר אָן אויפהער, לאָזן זיך נישט שטארק פילן, וואלט דער קאָנסערוואטיסט זיך מער נישט אנטקעגנגעשטעלט די נויטווענדיקע ענדערונגען, אויס מורא, אז די צעשטערערישע כוחות זאלן זיך נישט קאנצענטרירן דווקא דארט, ווו ער וואלט זיי געוואלט איינהאלטן, און דער רעוואָלוציאנער פון זיין זייט, וואלט זיך אפגעזאגט פונם נישט קלוגן באגער אויפצוברויזן די כאציאַלע כוחות, וואס זענען סיי ווי סיי שטענדיק אקטיוו. וואס מער איך טראכט, אלץ מער ווער איך איבערצייגט, אז ווען די מאראלישע טעאריע פונם המשך פון די סבות וואלט אריינגעדרונגען אין דעם באוואוסטזיין פון דער מענטשהייט, וואלט זי פארוואנדלט אלע פעלקער אויף דער ערד אין א רעפובליק פון חכמים. די איינציקע שוועריקייט באשטייט אין דעם, וואס עס איז שווער זי איינצופירן, און מ'מוז מודה זיין, אז די דאזיקע שוועריקייט איז זייער גרויס.

איך האָב נאָר וואָס דורכגעלייענט אַ בוך, אין וועלכן דער דיכטער-פילאָזאָף שילדערט אונז מענטשן, וואָס זענען אויסגעטון פון פרייד, צרות און פון נייגיריקייט. בעת מ'קערט זיך אום פון דאָזיקן נייען אוטאָפּישן קאָנטינענט אויף דער ערד, און מ'זעט אַרום זיך, ווי די מענטשו קעמפן, ליבן און ליידן, — ווי שטאַרק באַקומט מען זיי דעמאָלט ליב, און ווי צופרידן איז מען, בעת מ'קאָן ליידן צוזאַמען מיט זיי! ערשט דעמאָלט פילט מען, אַז נאָר אויף דער ערד הערשט די אמתע פרייד!

זי פליסט אַרויס פון די יסורים, ווי זשיוויצע פון אַ שניט אין אַ איידעלן בוים. יענע מענטשן האָבן דערהרגעט די ליידנשאַפט און צוזאַמען מיט איר האָבן זיי געטייט אויך, פרייד און יסורים, ליידן און תענוגים, דאָס גוטע, דאָס שלעכטע, די שיינקייט, בכלל אלץ, און קודם כל די צניעות. זי זענען קלוג און דעריבער פאַרמאָגן זיי נישט קיין שום ווערט, וואָרים ווערטן ווערן געשאַפן נאָר אַ דאַנק אַרבעט און אָנשטרענגונג. וואָס קומט ארויס דערפון, וואָס זייער לעבן דויערט לאַנג, בעת זיי האָבן עס נישט מיט וואָס אויסצופילן, בעת זי לעבן עס נישט איבער?

דאָס דאָזיקע בוך איז און **א באַדייטנדערנ**אָס גורם, אַז איך באַקום ליב דעם גורל פון מענטשן, וואָס איז פונדעסטוועגן אַזוי שווער; איך שטעל מיך צופרידן מיטן דאָזיקן ווייטיקפולי

לעבן, איך הייב אָן צו שעצן מיינע נאָנטע און כ׳וועל באַהערשט פון אַ גרויס רחמנות צו דער מענטשהייט. דאָס בוך האָט די מעלה, וואָס עס לערנט אונז ליב האָבן דיווירקלעכקייט און וועקט אונזער וואַכזאַמקייט קעגן די כימערעס און אילוזיעס פון לעבן. מחמת דעם, וואָס עס ווייזט אונז באַשעפעניש אויסגעטון פון שלעכטס, לערנט עס אונז, אַז די דאָזיקע מרה־שחורהדיקע גליקסקינדער קאָנען זיך נישט מיט אונז פאַרגלייכן, און אַז ס׳וואָלט געווען אַ גרויס משוגעת (אויב מ׳זאָל אפילו אָננעמען, אַז דאָס איז מעגלעך) צו פאַרטוישן אונזער גורל מיטן זייעריקן.

אָ! ווי עלנט עס איז זייער גליק! אויסגעטון פון ליידנשאַפטן, פאַרמאָגן זיי נישט קיין קונסט. און פון וואַנען וואָלטן זיך גענומען צו זיי נעמען דיכטער? זיי וואָלטן גאָרנישט אימשטאַנד געווען הנאה צו האָבן פון דער עפישער מוזע, וואָס נעמט איר שטימונג פון שגעון, שנאה און ליבע, ווי אויך נישט פון דער קאָמישער מוזע, וואָס חוזקט אָפּ אין ריט־מישע פערזן פון די מענטשלעכע פעלערן און לעכערלעכקייטן. אומגליקלעכע, זיי זענען נישט בכוח זיך פאָרצושטעלן דידאָנע און פעדראַן! זיי זעען נישט די געטלעכע שאָטנס, וואָס בלאָנזשען ארום, ציטערנדיק, צווישן אומשטערבלעכע מירטן.

זיי זענען בלינד און טויב לגבי די ווונדער פון דער דאָזיקער פאָעזיע, וואָס מאַכט פון דער ערד אַ געטלעכן גן־עדן. זיי פאַרמאָגן נישט ווערגילן, מ׳האַלט זיי פאַר גליקלעכע מענטשן מחמת דעם, וואָס זיי האָבן ווינדעס. איין שיינער פערז האָט אָבער אויפגעטון אַ סך מער גוטס פאַר דער וועלט, ווי אַלע מייסטערווערק פון דער מעטאַלורגיע.

אומברחמנותדיקער פראָגרעס! דאָס דאָזיקע אינזשיניערן־פאָלק פאַרמאָגט נישט, נישט קיין ליידנשאַפטן, נישט קיין פאָעזיע, נישט קיין ליבע. ליידער! צי וואָלטן זיי דען געקענט ליבן, ווען זיי וואָלטן געווען גליקלעך?

די ליבע קאָן נאָר אויפבליען אין יסורים. וואָס איז דען דער ווידוי פון די געליבטע, אויב נישט קיין אויסגעשריי פון

פארצווייפלונג? „ווי אומגליקלעך וואָלט געווען גאָט, ווען ער וואָלט געווען אויף מיין אָרט!" — רופט אויס אין אַן אויס־ברוך פון ליבע, דער העלד פון אַ געוויסן ענגלישן דיכטער — „גאָט, מיין טייערע, וואָלט נישט געקאָנט ליידן, ער וואָלט נישט געקאָנט שטאַרבן פאַר דיר!"

לאָמיר שלום מאַכן מיט די ליידן און וויסן, אַז ס'איז אוממעגלעך זיך פאַרצושטעלן אַ גרעסער גליק, ווי דאָס, וואָס ס'איז אויסגעפאַלן אויף אונזער גורל אין משך פון דאָזיקן מענטש־לעכן לעבן, אַ לעבן, וואָס איז זיס און גלייכצייטיק ביטער, שלעכט און גוט, אידעאַליסטיש און רעאַליסטיש, וואָס אַנטהאַלט אין זיך אַלץ און מאַכט שלום מיט אלע קאָנטראַסטן. דאָ אויף דער ערד איז אונזער גן־עדן, וואָס מיר דאַרפן פלייסיק צו באַאַרבעטן.

* *

*

ו

די קראַפט און די גוטסקייט פון דער רעליגיע באַשטייט, אין דעם, וואָס זי לערנט דעם מענטש דעם זין פון זיין עק־זיסטענץ און זיינע אַנטגילטיקע צילן. קוים האָבן מיר אָפּגע־וואָרפן די דאָגמעס פון דער מאָראַלישער טעאָלאָגיע, — ווי מיר האָבן עס כמעט אַלע געטון אין אונזער עפּאָכע פון וויסנשאַפט און פון אינטעלעקטועלער פרייהייט, — האָבן מיר אויפגעהערט צו וויסן, צו וואָס מיר לעבן אויף דער וועלט און צו וואָס מיר זענען געבוירן געוואָרן.

די מיסטעריע פון גורל רינגלט אונז ארום פון אלע זייטן מיט אירע מעכטיקע חשפעות, און מ'וואָלט באמת נישט באַ־דאַרפט צו טראכטן וועגן גאָרנישט, כדי נישט צו פילן די מוראדיקע, אומזיניקע טראגעדיע פון לעבן. און טאקע אין דעם, אין דער אַבסאָלוטער איגנאָראַנץ פון אונזער עקזיסטענץ־זין

ליגט דער שליסל פון אונזער טרויער און מרה - שחורה.

די פיזישע און מאָראַלישע נויטן, די אומגליקן פון דער נשמה און פון די חושים, דאָס גליק פון די שלעכטע און די דערנידריקונג פון די גערעכטע, דאָס אלץ וואָלט נאָך געווען אויסצוהאלטן, ווען מ׳וואָלט נאָך געקענט געפינען אין דעם אַ געוויסע אָרדנונג און עקאָנאָמיע, ווען מ׳וואָלט געקענט זעען אין דעם די האַנט פון דער השגחה-הפרטית.

דער גלויבנדער מענטש פרייט זיך טיט זיינע צרות: די אומגערעכטיקייטן און געוואַלטטאַטן פון זיינע פריינד פאַרשאַפן אים אַ הנאה. אפילו זיינע אייגענע פעלערן און פאַרברעכנס נעמען נישט צו ביי אים די האָפנונג.

אָבער אין אַ וועלט, ווו ס׳איז אויסגעלאָשן געוואָרן דאָס ליכט פון גלויבן, האבן דאס שלעכטס און די יסורים פאַרלוירן יעטווערע באַדייטונג און זיי קומען אונז פאר נישט מער, ווי אַן עקלדיקער שפּאַס און אַ בייזער פּארס.

* *

*

ס׳קומט אַ לעמאל אמאמענט, ווען די נייגעריקייט ווערט אַ זינד, און אַלעמאל איז דער טייוול געשטאַנען הינטערן געלערטן.

* *

*

מיט אַ יאר צען צוריק בין איך געווען אין סען-לאַ, ביי מיינס אַ פריינד, וואס וווינט אינם דאזיקן קליינעם באַרג-

שטעטל. ביי אים האָב איך באַגעגנט אַ געבילדעטן און באַרע־דעוודיקן גלח, מיט וועלכן איך פלעג גערן שמועסן.

אומבאַמערקטערהייט האָב איך געוווּנען זיין צוטרוי, און מיר פלעגן אָפט פירן געשפּרעכן אויף זייער ערנסטע טעמעס, בעת וועלכע ער האָט אַרויסגעוויזן אַ דורכדרינגנדיקע סובטיל־קייט פון גייסט און גלייכצייטיק אַ געטלעכע נשמה־פּשטות. דאָס איז געווען אַ געלערטער און גלייכצייטיק אַ הייליקער, אַ גרוי־סער קאַזויסט און אַ גרויסער טעאָלאָג. ער פלעגט זיך אויס־דריקן מיט אַזוי פיל קראַפט און רייץ, אַז אין דאָזיקן קליינעם שטעטל איז מיר קיין שום זאַך נישט געווען אַזוי ליב, ווי אים צו הערן.

און פונדעסטוועגן איז פאַרביי אַ שפּאָר שטיקל צייט, ביז איך האָב מיך דערוועגט אויפצוהויבן צו אים מיינע אויגן. אויב מ'זאָל אורטיילן וועגן זיין פיגור און אויסערלעכן אויס־זעען, איז ער געווען אַ פּאַרזעעניש. שטעלט אייך פאָר אַ הויקערדיקן און קרומפיסיקן קאַרליק, וואָס ליידט אויף אַ מין שווע־רע קרענק און טאַנצט אונטער אין זיין סוטאַנע, ווי אין אַ זאַק. זיינע בלאָנדע האָר, וואָס זענען אַראָפּגעפאַלן אויפן שטערן, — אַ סמן פון זיין יוגנט, — האָבן אים נאָך געמאַכט מיאוסער און שרעקלעכער.

סוף כל סוף האָב איך מיך אָנגענומען מיט קוראַזש און אַ קוק געטון אים גלייך אין פּנים אַריין, און מיטאַמאָל האָט מיך זיין מיאוסקייט אָנגעהויבן שטאַרק צו אינטערעסירן. איך האָב מיך צוגעקוקט צו זיין פּנים און עס לאַנג באַטראַכט. בעת אַ הימלישער שמייכל האָט אויפגעדעקט די שוואַרצע רעשטלעך פון זיינע דריי ציין, און זיינע שוואַרצאַפּלען, וואָס האָבן זיך אויפגע־הויבן צום הימל, האָבן זיך אַרויסגעזעען צווישן די בלוטנדיקע אויגן־לעדלעך, האָב איך אים באַוווּנדערט, און ווייט פון צו באַדויערן אים, האָב איך מקנא געווען דעם דאָזיקן מענטש, וואָס איז אויף אַזאַ ווונדערבאַרן אופן, אַדאַנק דער פולקאָמער העסלעכקייט פון זיין קערפּער, געווען פאַרהיט פון די קער־פּערלעכע צערשטערונגס־פּראָצעסן, פון די שלאַפקייטן פון די־

חושים, און פון די נסיונות, וואָס די גאַכט באַהאַלט אין אירע שאָטנס. איך האָב אים געהאַלטן פארן גליקלעכסטן מענטש.

אַנומלט, א געוויסן פרימאָרגן, זענען מיר ביידע אראָפּגע־גאַנגען פון אַ בערגל, באַלויכטן פון דער זון, און דיספּוטירט וועגן געטלעכן חסד; מיטאַמאָל האָט זיך דער גלח אָפּגעשטעלט, ער האָט שווער ארויפגעלייגט זיין האַנט אויף מיינע פּלייצעס און זיך אָנגערופן צו מיר מיט א ציטערנדיקער שטים, וואָס קלינגט נאָך ביזן היינטיקן טאָג אין מיינע אויערן:

— איך בין דערין איבערצייגט, איך ווייס עס: די ריינקייט פון די מדות איז אַ טוגנט, וואָס קאָן נישט אָפּגעהיטן ווערן אָן דעם באַזונדערן חסד פון גאָט.

די דאזיקע רייד האָבן אנטפּלעקט פאַר מיר דעם אומענדלעכן תהום פון די קערפּערלעכע חטאים. צי איז פאַראַן נאָך אַ צדיק, וואָס זאָל קענען ביישטיין אַ נסיון, אויב דער דאָזיקער גלח, וואָס זיין גוף איז געווען פאַר אים אַ קוואַל פון יסורים און עקל, האָט אויך געפילט די פארגיפטעטע שטעכלקעס פון דער תאווה?

מענטשן, וואָס זענען זייער פרום אָדער גאָר שטאַרק קינסטלעריש געשטימט, גיבן זיך איבער דער רעליגיע אָדער דער קונסט מיט אַ ראַפינירטער חושימדיקייט, און ווער עס איז חושימדיק, דער איז אויך אין אַ געוויסער מאָס אַ פעטישיסט פון ווערטער און פון קלאַנגען. געוויסע זילבן־קאָמבינאַציעס באַקומען ביי אים ווונדערבאַרע אייגנשאַפטן, און פונקט ווי די פרומע לייט, איז ער נוטה צו גלייבן אין דער קראַפט פון געהייליקטע פאָרמולעס.

אין דער פערזענלעכע איז פאַראַן אַ סך מער ליטורגיע, ווי מ׳שטעלט זיך עס בכלל פאָר. און פאַר אַ דיכטער, וואָס איז גרוי געוואָרן אין דער פאָעטישער קונסט, איז שרייבן פערזן דאָס זעלבע, וואָס אויספירן אַ רעליגיעזע צערעמאָניע. דער דאָזיקער גייסטיקער מצב איז אין תוך גענומען קאָנסערוואַטיוו, און מ׳דאַרף זיך קיינמאָל נישט ווונדערן צוליב דער אומטאָלעראַנץ, וואָס איז אַ נאַטירלעכער פועל־יוצא פון דאָזיקן צושטאַנד.

מיר האָבן קוים דאָס רעכט צו שמייכלען ביים אָנבליק פון די, וואָס האַלטן — ריכטיק, צי נישט ריכטיק, — אַז זיי זענען געוועז רעפאָרמאַטאָרן, און איצט שטויסן זיי אָפּ פון זיך יעטוועדע רעפאָרם מיט כעס אָדער מיט עקל. דאָס איז דער געוויינלעכער סדר אין דער געשיכטע פון מענטשלעכן גייסט, און די געשיכטע פון דער רעפאָרמאַציע איז רייך אין אַזעלכע

טראַגישע ביישפּילן. אָט איז געווען למשל אזא העברי עטיען, וואָס איז אַנטלאָפן אויס מורא פאַרן שייטערהויפן, און פון זיין באַהעלטעניש האט ער ארויסגעגעבן אין די הענט פון תליון אַלע זיינע פריינד, וואָס האבן נישט געדענקט אזוי ווי ער. אלעמען איז באקאנט די ראָל פון קאַלווין, און מ׳ווייסט, אַז די אומטאלעראַנץ פון די רעוואָלוציאָנערן איז גאָרנישט קיין קליינע.

איך האב אמאל געקענט אַן אַלטן סענאַטאָר פון די צייטן פון דער ערשטער רעפּובליק, וואָס האָט זיך באַטייליקט אין קאָנספּיראַטיווע געזעלשאַפטן קעגן דעם קיניג שאַרל דעם צענטן. ער איז געווען דער הויפּט-העצער אין זעכציק אַטענטאַטן קעגן דער יולי-רעגירונג, און אויף דער עלטער אפילו האָט ער נאָך אַלץ געטראַכט וועגן אומוואַרפן די אימפּעריע און געטומען אַ לעבהאַפטן אַנטייל אין דריי רעוואָלוציעס.

דאָס איז געווען אַ רויקער זקן, וואָס פלעגט בעת די סע-נאַט-דעבאַטן זיך פאַרהאַלטן מיט אַ גוטמוטיקער מילדקייט. עס האָט זיך געדאַכט, אַז קיין שום זאַך האָט שוין מער נישט באַדאַרפט צו באַאומרויקן זיין רויקע זקנה, וואָס איז אויסגע-קעמפט געוואָרן פאַרן פּרייז פון אזוי פיל מאַטערנישן. ער האָט געאָטעמט מיט רויקייט און צופרידנקייט.

אַ געוויסן טאָג אָבער האָב איך אים געזען אין זייער אַן אויפגערעגטן צושטאַנד. אַ פּייער, וואָס האט לויט אלעמענס מיינונג שוין לאַנג באדארפט אויסגעלאשן צו ווערן, האָט מיט-אַמאָל זיך אָנגעצונדן אין זיינע אויגן. דורכן פענצטער פון זיין פּאַלאַץ האָט ער געזען אַ דעמאָנסטראַציע פון סטודענטן, וואָס האָט זיך געצויגן ווי אַ שלאַנג איבערן לוקסעמבורגער גאָרטן. דער אָנבליק פון דער דאָזיקער אומשולדיקער דעמאָנסטראַציע האָט אים זייער שטאַרק אויפגעבראַכט.

— אַזאַ אומאָרדנונג אויף אַן עפנטלעכן פּלאַץ! — האָט ער אויסגערופן מיט אַ שטים, וואָס האָט זיך געשטיקט פאַר כעס און מוראדיקער שרעק.

און ער האט געהייסן רופן פּאָליציי.

דאָס איז געווען אַ בראַווער מאַן, מחמת דעם אָבער, וואָס ער האָט איבערגעלעבט אַ סך אומרוען, האָט ער איצט מורא געהאַט אַפילו פאַר זייער שאָטן.

די, וואָס האָבן געמאַכט רעוואָלוציעס, קענען נישט ליידן, בעת מ׳פּרוּווט נאָך זיי צו מאַכן אַן איבערקערעניש. דאָס זעלבע איז אויך שייך די אַלטע דיכטער, וואָס האָבן אַמאָל געמאַכט אַן איבערקערעניש אין דער דיכטונג, און איצט ווילן זיי נישט, אַז מ׳זאָל דורכפירן נייע ענדערונגען. זיי זענען נישט מער, ווי מענטשן. עס איז פּיינלעך בעת מ׳איז שוין נישט מער דער גרויסער געלערטער, צו זען, ווי דאָס לעבן דויערט ווייטער נאָך אונז, און צו פילן, ווי מ׳ווערט דערטרונקען אין דעם שטראָם פון די געשעענישן. אַלץ איינס, צי מען איז דיכטער, סענאַטאָר אָדער גאָר אַ שוסטער, וויל מען נישט אַזוי לייכט רעזיגנירן פון געדאַנק, אַז מ׳איז נישט דער אַנטגילטיקער סוף פון די וועלטן און דער העכסטער זין פון וועלטאַל.

* * *

מ׳קאָן זאָגן, אַז אין גרעסטן טייל פאַלן קענען נישט די דיכטער, בעת זיי שרייבן זייערע פּראַכטפולע פערזן, די חיסנ־שאַפטלעכע געזעצן, וואָס זיי מוזן זיי געהאָרכן. אין ענינים פון דער פּראָזאָדיע, האלטן זיי זיך גאַנץ ריכטיק אין די ראַמען פון אַ גאַיוון מאַטעריאַליזם. עס וואָלט געווען זייער נישט שכל־דיק זיי דאָס פאָרצוואַרפן. אין דער קונסט ווי אין דער ליבע איז דער אינסטינקט פולשטענדיק גענוג, און דאָס ליכט פון דער וויסנשאַפט איז דאָ אינגאַנצן איבריק. נישט געקוקט דערויף, וואָס די שיינקייט שטיצט זיך אויף דער געאָמעטריע, קאָן מען פונדעסטוועגן נאָר אַדאַנק דעם געפיל אַרומנעמען אירע דע־ליקאַטע פאָרמען.

די דיכטער זענען גליקלעך: אַ טייל פון זייער קראַפט נעמט זיך טאַקע פון זייער אומבאַוווסטזיניקייט. מ׳דאַרף נאָר בלויז, זיי זאָלן זיך נישט צופיל חקרהנען וועגן די געזעצן פון זייער קונסט, וואָרים דעמאָלט פאַרלירן זיי זייער גראַציע און אומשולד, און ווי פיש, בעת מען ציט זיי אַרויס פון וואַסער אויף דער יבשה, וואַרפן זיי זיך אומזיסט אין די טרוקענע ספערן פון דער טעאָריע.

* *

*

די מאַקסימע פון דער גריכישער פילאָזאָפיע „דערקען דיך אַליין" איז אַ גרויסער שטות. מיר װעלן קיינמאָל נישט קענען נישט זיך און נישט אַנדערע מענטשן. אָט אין דעם טאַקע האנדלט זיך! עס איז אַ סך לייכטער צו באַשאַפן די װעלט, װי זי צו פאַרשטיין. העגעל האָט שוין אין אַ געװיסער מאָס פאָראויסגעזאָגט דעם דאָזיקן געדאַנק. ס'איז מעגלעך, אַז אַ געװיסן טאָג װעלן מיר מיט דער הילף פון אונזער אינטע-ליגענץ זיין אימשטאַנד צו שאַפן אַ װעלטאַל, באַגרייפן אים װעלן מיר אָבער קיינמאָל נישט זיין אימשטאַנד!

אויב מען באַנוצט דעם שכל מיטן צװעק צו זוכן דעם אמת, מיסברויכט מען מיט אים אויף אַ פאַטאַלן אופן. נאָך װיי-ניקער קאָן אונז דער שכל נוצן ביים ארויסגעבן א גערעכטן אורטייל װעגן די מענטשן און זייערע מעשים. צום פאַסיקסטן װערט ער באַנוצט אין די שפּילן, װאָס זענען קאָמפּליצירטער פון שאָך און שפּרינגעלעך, װי למשל אין דער מעטאַפיזיק, עטיק און עסטעטיק. דעם גרעסטן נוצן און פארגעניגן ברענגט אונז אָבער די מענטשלעכע אינטעליגענץ, בעת זי כאַפּט אויף דאָ און דאָרט געװיסע בולטקייטן אָדער דעם גלאַנץ פון די קענט-שטאַנדן, און שפּילט זיך מיט זיי, נישט קאַליע מאַכנדיק זיין די דאָזיקע אומשולדיקע פרייד דורכן גייסט פון סיסטעמאַטישקייט און דער מאַניע ארויסצוגעבן מיינונגען.

איר האלט, אז די פעיקייט צו דענקען איז די סיבה פון אלע זינזערע צרות. כדי צו גלויבן אין דער מוראדיקייט פון דאָזיקן צושטאנד, וואָלט מען באדארפט צו פיל איבער-צושאצן זיין מאכט און גרויסקייט. אין דער אמתן מאכט דער שכל א סך קלענערע שאָדנס, ווי מ׳שטעלט זיך עס אין אלגעמיין פאָר, אין די איינגעבוירענע אינסטינקטן און געפילן, און דאָס אפילו ביי די מענטשן, וואָס צייכענען זיך אויס מיט א נישטדורכשניט-לעכער אינטעליגענץ. און זענען די זעלבע עגאָיסטן, קארג און ליידנשאפטלעך, וואָס אנדערע מענטשן.

מיר וועלן קיינמאָל נישט באגעגענען א פיזיאָלאָג, וואָס זאָל אנאליזירן מיטן שכל דאָס קלאַפּן פון זיין הארץ אָדער דעם ריטם פון זיין אָטעם. אפילו אין דער הויך-ציוויליזירטער געזעלשאפט, וועלן די אונטערנעמונגען וואָס ווערן מיט א פילאָזאָפישן מעטאָד דורכגעפירט דורכן מענטש, האָבן א קליינע און נישטיקע באדייטונג אין פארגלייך מיט די אונטערנעמונגען וואָס עס פירן אויס דער אינסטינקט און דער געזונטער פארשטאנד. מיר רעאַגירן אזוי ווייניק אויף אונזערע רעפלעקסן און אומבאוווּסט-זיניקע זשעסטן, אז כ׳וואלט נישט געהאט די העזה צו זאָגן, אז אין די מענטשלעכע געזעלשאפטן איז פאראן אן אינטעלעקטועלער צושטאנד, וואָס זאָל זיין אין א סתירה צו דער נאטור-אָרדנונג.

אז מ׳פארטראכט זיך גוט, אונטערשיידעט זיך נישט דער מעטאפיזיקער פון די איבריקע מענטשן אויף אזוי פיל, וויפיל

ער אליין גלויבט, און אויף וויפיל ער וואָלט געוואָלט מ׳זאָל גלויבן. וואָס איז דאָס אזוינס דענקען? און ווי דענקט מען?

מיר דענקען מיט דער הילף פון ווערטער; דאָס אליין איז שוין אן ענין פון די חושים און ברענגט ארויף אויפן געדאנק די נאטור. פארטראכט אייך נאר: כדי אויפצובויען א וועלט-סיסטעם האָט דער מעטאפיזיקער און זיין רשות נישט מער ווי א פארפולקאָמטע מאלפישע און הינטישע אויסרופן-גראַדאציע. דאָס, וואָס מ׳רופט אָן שפעקולאטיווע טיפזיניקייט און טראנסצענדענטער מעטאָד, איז נישט מער ווי א הפקרדיק איבערטראָגן די אָנאָמאטאָפייען און אויסרופן פון הונגער, שרעק און ליבע אין די אוראלטע יועלדער. מיט די דאָזיקע אויסרופן זענען ביסלעכווייז פארבונדן געוואָרן געוויסע באדייטונגען, וואָס מ׳האָט אין אלגעמיין אָנגענומען פאַר אַבסטראקט, בעת אין דער אמתן זענען זיי געווען בלויז צעצויגן.

איר האָט נישט וואָס מורא צו האָבן אז די דאָזיקע, אויסגעלאָשענע און אָפגעבליאקירטע אויסרופן, פון וואָס א פילאָזאָפיש בוך באשטייט, זאָלן אונז אויף אזוי פיל לערנען וועגן וועלטאַל, אַז מיר זאָלן נישט בכוח זיין מער אין אים צו לעבן. אין די נאַכט-פינסטערנישן, וואָס רינגלען אונז אַלע אַרום, צעקלאַפּט זיך דער געלערטער דעם קאָפּ אין וואַנט, בעת דער עם-הארץ בלייבט רויק אין דער מיט צימער.

### צו גאבריעל סעאַי

איך ווייס נישט, צי די וועלט איז די ערגסטע פון אַלע וועלטן. כ׳גלויב, אַז צושרייבן איר געוויסע מעלות, אַפילו די מעלה פון שלעכטס, וואָלט געווען אַ צו גרויסער קאָמפּלימענט פאַר איר. מיר האָבן זייער אַ שוואַכע פאָרשטעלונג וועגן דעם, וואָס עס קומט פאָר אויף אַנדערע וועלטן, און די פיזיקאַלישע אַסטראָנאָמיע גיט אונז נישט קיין גענויע ידיעות וועגן די לעבנס-באַדינגונגען אויף דער אויבערפלאַך אַפילו פון די פלאַנעטן, וואָס זענען אין דער נאָנטסטער שכנות מיט דער ערד. מיר ווייסן בלויז, אַז ווענוס און מאַרס זענען שטאַרק ענלעך צו דער ערד. בלויז פון דער דאָזיקער ענלעכקייט קענען מיר אַרויסדרינגען, אַז ווי ביי אונז הערשט אויך דאָרט דאָס שלעכטס און אז די ערד איז נישט מער, ווי אַ פּראָווינץ פון זיין מלכות.

מיר האָבן נישט דעם מינדעסטן גרונט אָנצונעמען, אַז דאָס לעבן איז בעסער אויף דער אויבערפלאַך פון די ריזיקע פּלאַנעטן, יופּיטער, סאַטורן אוראַנוס און נעפּטון, וואָס גליטשן זיך שווייגנדיק דורכן הימלישן חלל, ווו די די זון הייבט אָן צו פאַרברויכן די לעצטע זאַפּאַסן ליכטיקייט און וואַרעמקייט. ווער ווייס, וואָס פאַרא באַשעפענישן עס לעבן אויף יענע פּלאַנעטן, איינגעהילט אין געדיכטע וואָלקנס ?

מיר קענען זיך נושט אָפּטרייבן פון געדאַנק, אַז אַנאַלאָגיש גענומען איז אונזער זון־סיסטעם אַ שרעקלעכער גיהינום, ווו די לעבעדיקע באַשעפעניש ווערן געבוירן כדי צו ליידן און צו שטאַרבן. און מיר קענען נישט מער האָבן די אילוזיע, אַז די שטערן באַלויכטן אַנדערע גליקלעכע פּלאַנעטן. די שטערן זענען צו שטאַרק ענלעך צו אונזער זון. די וויסנשאַפט האָט פונאַנדערגעטיילט זייער שוואַכן שטראַל, וואָס אויף איבערצושיקן אים צו אונז פאַרלירן זיי יאָרן און הונדערטער יאָרן; דער ספּעקטראַלער אַנאַליז לערנט אונז, אַז די סובסטאַנצן, וואָס ברענען זיך אויף זייער אויבערפלאַך, שיידן זיך מיט גאָרנישט אונטער פון די סובסטאַנצן, וואָס זענען אַ באַשטאַנד־טייל פון דער ספּערישער מאַסע פון דער זון, פון אָט דעם שטערן, וואָס זינט מענטשן לעבן אויף דער ערד, באַלייכט ער און וואַרעמט זייערע נויטן, זייערע משוגעתן און צרות. די דאָזיקע אַנאַלאָגיע וואָלט שוין געווען גענוג, כדי מיאוס צו מאַכן אין מיינע אויגן דעם וועלטאַל.

די איינהייטלעכקייט פון זיין כעמישער קאָנסטרוקציע וועקט ליידער אין מיר אַ פּאָרגעפיל פון דער אַבסאָלוטער איינטאָניקייט פון די גייסטיקע און קערפּערלעכע איבערלעבענישן, וואָס קומען צום אויסדרוק אין זיינע אומבאַגרייפלעכע אומענדלעכקייטן, און כ׳האָב מורא. אַז די אַלע דענקנדע באַשעפענישן אין דער וועלט פון סיריוס אָדער אינם סיסטעם פון אַלטאַיר, זענען אַזוי אומגליקלעך, ווי די ערדישע באַשעפענישן.

איר וועט אָבער זאָגן, אַז דאָס אַלץ איז נאָך נישט דער וועלטאַל. איך בין אויך דערין שטאַרק מסופק, און איך פיל, אַז די דאָזיקע אומגעהייערע וועלטן זענען גאָרנישט, און סוף כל סוף, אויב עס איז יאָ עפּעס פאַראַן, איז עס נישט דאָס, וואָס מיר זעען.

איך פיל, אַז מיר געפינען זיך אין עפּעס אַ פאַנטאַסמאַגאָריע, און אַז אונזער פאָרשטעלונג וועגן וועלטאַל איז נישט מער, ווי אַ פועל־יוצא פונם שרעקלעכן חלום־קאָש-

מאַר, וואָס רופט זיך לעבן. און דאָס איז טאַקע דאָס ערג־
סטע. וואָרים ס׳איז קלאָר, אַז מיר קאָנען גאָרנישט וויסן, אַז
אַלץ נאַרט אונז אָפּ, און די נאַטור חוזקט אָפּ אויף אַן אומ־
ברחמנותדיקן אופן פון אונזער עם־הארצות און טפשות.

איך בין איבערצייגט, אז די מענטשהייט האָט אין אַלע צייטן געהאַט אין איר רשות דעם זעלבן סכום משוגעתן און טפשות. דאָס איז אַ קאַפּיטאַל, וואָס מוז ברענגען פּראָצענט אויף אַזאַ אָדער אויף אַן אַנדערן אופן. די פראַגע איז נאָר אין דעם, מ׳זאָל וויסן, צי די אַלע משוגעתן, וואָס זענען פאַר־היילִיקט געוואָרן אין משך פון דער צייט, זענען נישט סוף כל סוף די בעסטע לאָקאַטע פאַר דער מענטשלעכער נאַרישקייט.

בעת איך זע, ווי אַן אַלטער פעלער ווערט פאַרשוווּנדן, בין איך ווייט זיך צו פרייען, און כ׳טראַכט, אַז מסתמא וועט אויף זיין פּלאַץ קומען אַ נייער פעלער; און איך פרעג זיך מיט אומרו, צי וועט דער נייער פעלער נישט זיין טויזנט מאָל ערגער אָדער געפערלעכער, ווי דער פריערדיקער. אויב מ׳זאָל זיך גוט פאַרטראַכטן, זענען די אַלטע פאַראורטיילן נישט אזוי שרעקלעך, ווי די נייע: די צייט האָט זיי אין משך פון פיל יאָרן אויסגעריבן און אויסגעגלעט, אַזוי אַז זיי האָבן כמעט פאַרלוירן זייער שעדלעכקייט.

* *

*

די, וואָס האָבן אַ חוש און אַ נייגונג פאַר האַנדלונג, פאַר־לאָזן זיך אפילו אין זייערע געגנוי באַארבעטע פּלענער, אויף אַ גליקלעכן צופאַל, וואָרים זיי ווייסן, אַז אַלע גרויסע אונטער־נעמונגען זענען נישט זיכער. די מלחמה און די האַזאַרד־שפּיל לערנען, ווי ווייט ריכטיק ס׳איז די וואַרשיינלעכקייטס־טעאָריע, וואָס הייסט אונז אויסנוצן די ערשטע בעסטע געלעגנהייט און נישט אָפּוואַרטן אַלע.

זאָגן, אַז דאָס לעבן איז גוט, אָדער אַז דאָס לעבן איז שלעכט, האָט באמת נישט קיין זין. מ׳דאַרף זאָגן, אַז ס׳איז גוט און גלייכצייטיק שלעכט, וואָרים נאָר אַ דאַנק דעם און יענעם האָבן מיר דעם באַוווּסטזיין פון גוטס און פון שלעכטס. דער אמת איז, אַז דאָס לעבן איז אנגענעם און מוראדיק, ריי־צנדיק און עקלדיק, זיס און ביטער, מיט איין וואָרט: עס איז כולל אַלץ. מיטן לעבן איז, ווי מיטן לץ פון גוטמוטיקן פלאַ־ריאַן: איינעם קומט עס פאַר רויט, דעם צווייטן — בלוי, אוןביידע זענען דאָס לעבן, אַזוי ווי ס׳איז אין דער אמתן, וואָ־רים עס איז אי רויט, אי בלוי, און ס׳האָט אלע קאָלירן.

דאָס דאָזיקע וואָלט אונז אַלע באַדאַרפט פאַראייניקן און שלום מאַכן צווישן די פילאָזאָפן, וואָס באַוואָרפן זיך איינער דעם אנדערן מיט זלזולים. ליידער זענען מיר אָבער אַזוי באַ־שאַפן געוואָרן, אַז מיר ווילן שטענדיק צווינגען די אַנדערע מענטשן, זיי זאָלן פילן און טראכטן, ווי מיר, און ס׳פאַרדריסט אונז, וואָס אונזער חבר איז פריילעך, בעת אונז איז טרויעריק אויפן האַרצן.

* *

*

דאָס שלעכטס איז אומבאַדינגט נויטווענדיק. ווען עס וואָלט נישט עקזיסטירט, וואָלט אויך קיין גוטס נישט געווען. דאָס שלעכטס איז דער איינציקער גרונט, פאַרוואָס דאָס גוטע עקזיסטירט. וואָס פאַראַ באַדייטונג וואָלט געהאַט דער קוראַזש, ווייט פון דער געפאַר, און רחמנות — אָן יסורים?

וואָס פאַראַ באַדייטונג וואָלטן געהאַט די מסירות-נפש און אָפּפערווילּיקייט, בעת אויף דער וועלט וואָלט געהערשט אַן אַלגעמיין גליק. צי קאָן מען זיך פאָרשטעלן די צניעות אָן דער זינד, ליבע אָן שנאה, שיינקייט אָן העסלעכקייט? נאָר אַ דאַנק דעם שלעכטס און די ליידן איז די ערד באַוווינט און ס׳לוינט זיך נאָך אויף איר צו לעבן. מ׳דאַרף זיך אויך נישט צו פיל באַקלאָגן אויפן טייוול. דאָס איז אַ גרויסער קינסטלער און אַ גרויסער חכם; ער האָט מינדעסטנס געשאַפן אַ העלפט וועלט. און די דאָזיקע העלפט איז אַזוי גוט איינגע־פּאַסט אין דער צווייטער, אַז ס׳וואָלט אוממעגלעך געווען אָנ־צורירן איין טייל און נישט ברענגען גלייכצייטיק קיין שאָדן דער צווייטער העלפט. יעדער פאַרלוירענער עבירה אנטשפרעכט אַ מצוה, וואָס גייט צוזאַמען פאַרלוירן מיט איר.

איך האָב אַמאָל געהאַט דאָס פאַרגעניגן צו זעען אויף אַ קליינשטעטלדיקן יריד, דאָס לעבן פון הייליקן אַנטוען, פאָר־געשטעלט דורך מאַריאָנעטן. דאָס איז געווען אַ ספּעקטאַקל, וואָס האָט מיט זיין פילאָזאָפיע איבערגעשטיגן שעקספּירס טראַגעדיעס

און ד׳ ענגעריס דראַמען. אָ, ווי גלענצנד ווערט דאָרט אָפּגע־שאַצט דער חסד פון גאָט גלייכצייטיק מיטן חסד פון שטן!

דאָס טעאַטער שטעלט פאַר מיט זיך א מוראדיקע וויס־טעניש, וואָס דארף אָבער באלד איבערפולט ווערן מיט מלאכים און דעמאָנען. די אנטוויקלונג פון דער דראמאטישער האנדלונג מאכט אויף די צוקוקער א שוידערלעכן איינדרוק מיט איר פאטאליטעט, א פועל־יוצא פון דער גלייכצייטיקער אינטערווענץ פון מלאכים און פון בייזע רוחות, ווי אויך פון דער האנדלונג פון די דראמע־העלדן, וואָס ווערן געפירט אויף א שטריקל דורך אן אומגעזעענער האנט. פונדעסטוועגן, ווען דער הייליקער אנטוען, אויסגעצויגן אויף דר׳ערד, נאָכן ענדיקן די תפלה, הייבט אויף צום הימל זיין פאַרוואָקסענעם שטערן, וואָס דערמאנט דעם פוס פון א קעמל, און שלאָגט מיט אים א לאנגע צייט איבער די שטיינער; בעת ער הייבט אויף די אויגן, אויסגעברענט פון טרערן, און ער דערזעט פאר זיך די מלכה־שבא, וואָס שטרעקט אויס צו אים אירע נאקעטע אָרעמס און שמייכלט צו אים אין איר גאָלדן קלייד, — כאפט אונז ארום א שוידער, מ׳צאפלט אויף ביים געדאנק, ער זאָל זיך אמאָל נישט אונטערגעבן, און מיט אַ פארקלעמט הארץ פאָלגט מען נאָך דאָס בילד פון זיין אינער־לעכער צעריסנקייט און מבולבלקייט.

מיר דערקענען זיך אין זיין בילד, און בעת ער איז סוף כל סוף גובר דעם יצר־הרע, טריומפירן מיר צוזאמען מיט אים. דאס איז דער נצחון פון דער גאנצער מענטשהייט אין איר אייביקן קאמף. דער הייליקער אנטוען איז בלויז דער־פאר א גרויסער הייליקער, ווייל ער האט גובר געווען די מלכה־שבא. מ׳דארף טאקע מודה זיין, אז בעת דער שטן שיקט אים אראפּ די דאזיקע וואונדערבאר־שיינע פרוי, וואס פארדעקט אירע ציגענע קליידער אונטער איר לאנג קלייד, באפוצט און אויס־געהאפטן מיט פערל, העלפט ער דערמיט צו, אז די הייליקייט פון פרוש זאל אויף אזא אופן אנטפלעקט ווערן.

אויף אזא אופן האט דאס מאריאנעטן־טעאטער מיך פולשטענדיק

איבערצייגט, אז דאס שלעכטס איז אומבאדינגט נויטיק פארן־
גוטן, און דער שטן איז נויטווענדיק פאר דער מאראלישער־
שיינקייט פון דער וועלט.

* * *

איך האָב באַגעגנט ביי געלערטע אַ קינדישע פשטות, בעת אין דער זעלבער צייט זעט מען טאָג-טעגלעך עמי-הארצים, וואָס האלטן זיך פאר די אַקס פון דער וועלט.

ליידער זעט יעדער פון אונז אין זיך דעם צענטער פון וועלטאַל. דאָס איז אַן אלגעמיינע אילוזיע. דאָס מיידט אפילו נישט אויס דעם גאָסן-קערער. די אילוזיע שפּאַרט אַרויס פון זיינע אויגן, זיינע בליקן ציען צו צו זיך דעם הימל און שטעלן אים איינמיטן דעם הימל און דער ערד. דער דאָזיקער טעות איז אפשר אביסל אָפּגעשוואַכט ביי דעם, וואָס טראכט אַ סך. די הכנעהדיקייט, אַ זעלטענע דערשיינונג ביי געלערנטע טרעפט זיך נאָך זעלטענער ביי די עמי-הארצים.

* *

*

די פילאָזאָפישע טעאָריע פון דער וועלט איז אויף אַזוי פיל ענלעך צו דער וועלט, ווי דער ערד-קויל, דורכגעשניטן מיט גראַדן אין דער לענג און אין דער ברייט, וואָלט ענלעך געווען צו דער ערד. די מעטאַפיזיק דאַרף דערמיט באַוווּנדערט צו ווערן, וואס זי נעמט צו ביי דער וועלט אלץ, וואָס

זי פאַרמאָגט, און זי גיט איר דאָס, וואָס זי פאַרמאָגט נישט לגמרי; בלי ספק איז דאָס אַ וווּנדערבאַרע אַרבעט, אַ פּיל שע־נערע און אומפאַרגלייכלעך גלענצנדערע שפּיל, ווי דאַמע און שאָך־שפּיל, אָבער סוף כל סוף פון דער זעלבער נאַטור. די וועלט רעדוצירט זיך אין געדאַנק צו געאָמעטרישע ליניעס, וואָס זייער צוזאַמענשטעל אַמוזירט אונז. אַ סיסטעם פון אַ קאַנט אָדער אַ העגעל אונטערשיידעט זיך מיט גאָרנישט אין פּרינציפּ פון קאָרטנלייגעריי, וואָס די פרוי וויל מיט איר פאַר־טרייבן די לאַנגווייליקייט פון לעבן.

*　*

*

בעת איך לייען דאָס דאָזיקע בוך, פרעג איך מיך, צי איז מעגלעך אויסצואיבן אַזאַ אומגעווייגלעכע ווירקונג נישט אַ דאַנק די פאָרמען און פאַרבן, ווי עס טוט דאָס די נאַטור אין גאַנץ זעלטענע פאַלן, נאָר מיט דער הילף פון קליינטשיקע אותיות, וואָס זענען אויסגעבאָרגט געוואָרן ביי דער שפּראַך! די דאָ־זיקע קליינטשיקע צייכנס וועקן אויף אין אונז געטלעכע ביל־דער. אָט ווו ס׳איז דער נס! אַ שיינער פערז איז ווי אַ סמיטשיק, וואָס ווערט דורכגעפירט איבער די צעזונגענע סטרונעס פון אונזער נשמה.

די געדאַנקען, וואָס דער דיכטער רופט ארויס אין אונז, זענען נישט זיינע, נייערט דאָס זענען אונזערע געדאַנקען. בעת ער דערציילט אונז וועגן דער פרוי, וואָס ער האָט ליב, וועקט ער אין דער אמתן אויף אין אונזער נשמה אונזערע אייגענע ליבע־אידעאַלן און ליידן. ער איז אַ כשוף־מאַכער. בעת מיר פארשטייען אים, זענען מיר די זעלבע דיכטער, וואָס ער אַליין. יעדער פון אונז טראָגט ביי זיך אין האַרצן אַ באַנד לידער פון אונזערס אַ דיכטער; חוץ אונז איז דער דאָזיקער

דיכטער קיינעם נישט באַקאַנט, און ער וועט פאַרלוירן גיין צוזאַמען מיט אַלע זיינע וואַריאַנטן, בעת מיר וועלן אויפהערן צו פילן און צו ליידן. און צי גלויבט איר, אַז מיר וואָלטן אַזוי שטאַרק ליב געהאַט אונזערע ליריקער, ווען זיי וואָלטן אונז פאַרציילט וועגן עפּעס אַנדערש, חוץ אונז?

וואָס פאַרא גליקלעכע מיספאַרשטייעניש! די בעסטע צווישן די דיכטער זענען עגאָיסטן. זיי טראַכטן נאָר וועגן זיך. אין זייערע לידער האָבן זיי בלויז זיך אַליין געגעבן, און מיר אַנטפּלעקן אין זיי דווקא זיך אַליין. די דיכטער העלפן אונז ליב צו האָבן: דאָס איז זייער איינציקע עובדא. און דאָס אַליין איז שוין אַ שיינער נוצן פון זייער צעזוונגענער אייטלקייט.

מיט זייערע פערזן קומט פאַר דאָס זעלבע, וואָס מיט פרויען; ס'האָט נישט דעם מינדעסטן זין זיי צו לויבן: די געליבטעסטע וועט אַלעמאָל זיין די שענסטע. אויב עס האַנדלט זיך אין עפּנטלעכן לויבן די אומפאַרגלייכלעכע מעלות פון דער אויסדערוויילטער, פאַסט עס אַ סך מער פאַר אַ בלאָנזשענדיקן ריטער, ווי פאַר אַ קלוגן מענטש.

* *
*

איך ווייס נישט, צי דאָס לעבן איז אַ נסיון, ווי עס לערנט אונז די טעאָלאָגיע; אין יעדן פאַל איז עס נישט קיין נסיון, וואָס מיר וואָלטן אָנגענומען מיטן גוטן ווילן. זיינע באַדינגונגען זענען נישט גאַנץ קלאָר אָנגעגעבן; דאָס לעבן איז איבריקנס נישט גלייך פאַר אַלע מענטשן. וואָס פאַראַ זין האָט למשל דער לעבנס-נסיון פאַר קינדער, וואָס שטאַרבן, ווי

נאָר זיי ווערן געבוירן, אָדער גאָר פּאַר אידיאָטן און משוגעים ? אָט זענען געוויסע פּאָרוורפן, אויף וועלכע מ'האָט שוין געפּרוווט צו געגעבן אַן ענטפער.

מ'ענטפערט אויף זיי אומאויפהערלעך און טאָגטעגלעך, און משמעות, דער ענטפער מוז נישט זיין אַזאַ טרעפלעכער, אויב מ'איז געצוווּנגען אים אַזוי פיל מאָל איבערצוחזרן. דאָס לעבן מאַכט לחלוטין נישט דעם איינדרוק פון אַן עקזאַמען-זאַל. עס איז פיל טער ענלעך צו א גרויסן טעפּער-וואַרשטאַט, ווו מ'פאַבריצירט אַלע מינים וואָזעס פאַר אומבאַקאַנטע צוועקן; אַ גרויסע צאָל פון זיי ווערט צעבראָכן נאָך בעת דער אַרבעט און ווערט ארויסגעוואָרפן, ווי אַ שברי-כלי, וואָס ברענגט נישט קיין שום נוצן. אַנדערע ווידער דינען פאַר אומזיניקע צוועקן, אָדער וועקן אין אונז אַן עקל. די טעפּלעך — דאָס זענען מיר.

דער גורל פון יהודה איש-קריות פאַרחידושט אונז אויסערגעוויינלעך שטאַרק. וואָרים סוף כל סוף איז דאָך דער דאָזיקער מענטש געקומען, כדי עס זאָל מקוים ווערן די נבואה; ס'האָט דאָך געמוזט אזוי געשעען, ער זאָל פאַרקויפן דעם זון פון גאָט פאַר דרייסיק טאָלער. און דער קוש פון פאַרראַט איז פונקט. ווי די פאַרהייליקטע שפּיז און די טשוועקעס, אייגער פון די כלי-זין פון גאָטס יסורים. אָן יהודהן וואָלט דאָך קיינ־מאָל נישט מקוים געוואָרן די נבואה, און דער מענטשלעכער מין וואָלט קיינמאָל נישט אויסגעלייזט געוואָרן.

און פונדעסטוועגן איז צווישן אַלע טעאָלאָגן אָנגענומען די מיינונג, אַז יהודה איש-קריות איז פאַרמשפּעט געוואָרן אויף אייביקן גיהינום. די טעאָלאָגן שטיצן זייער מיינונג אויף פאָלגנדע ווערטער פון קריסטוסן: „ס'וואָלט בעסער געווען פאַר אים אינגאַנצן נישט געבוירן צו ווערן". דער געדאַנק, אַז יהודה איש-קריות האָט פאַרלוירן זיין עולם-הבא, מיענדיק זיך פאַר דער אויסלייזונג פון דער וועלט, האָט געמאַטערט אַ סך קריסטלעכע מיסטיקער, און צווישן אַנדערע אויך דעם גלח אָ'עזשער, דעם ערשטן וויקאַר פון דער פאַריזער קאַטעדראַלע. דער דאָזיקער פּריסטער, וואָס זיין האַרץ איז געווען איבער-געפולט מיט רחמנות, האָט נישט געקאָנט איבערטראָגן דעם געדאַנק, אַז יהודה זאָל פאַרמשפּעט זיין אויף אייביקע יסורים אין

גיהנום. ער האָט געטראַכט וועגן דעם אָן אויפהער און זיין פארצווייפלונג איז געווען אין לשער.

און אויף אזא אופן איז ער געקומען צו דער איבער־צייגונג, אז די אויסלייזונג פון דער דאָזיקער אומגליקלעכער נשמה האָט זיכער באדארפט אינטערעסירן די מדת־הרחמים, און נישט געקוקט אויף די אומקלאָרע רייד פון דער עוואנגעליע און דער קירך־טראדיציע, האָט דער מאן פון קריות דווקא באדארפט אויסגעלייזט צו ווערן. די דאָזיקע ספקות האָבן אים בשום אופן נישט געלאָזט צו רו; ער האָט געוואָלט, אַז דער ענין זאָל אים אינגאַנצן קלאָר ווערן.

א געוויסע נאכט האָט ער בשום אופן נישט געקאָנט איינ־שלאָפן, ער האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין געלעגער, און ער איז דורך דעם פּאָליש אריין אין דער ליידיקער קירך, ווו בלויז א נר־תמיד האָט באלויכטן די געדיכטע פינצטערנישן. דאָרט האָט ער זיך אויסגעצויגן אויף די קני פאַרן גרויסן אלטאר און געזאָגט פאָלגנדע תפלה:

„גאָט מיינער, גאט פון חסד און ליבע, אויב ס'איז אמת, אז דו האסט ארויפגענומען צו זיך דעם אומגליקלעכסטן פון דיינע תלמידים; אויב ס'איז אמת, אז יהודה איש־קריות, ווי איך האף און וויל גלויבן, זיצט ביי דיין רעכטער האנט, מאך א נס, און זאל ער זיך צו מיר באווייזן און מיר אליין מודיע זיין וועגן דיין אומגעוויינלעכן חסד און גוטסקייט.

„און דו, וואס דיין נאמען איז געווארן צו שאנד און צו שפּאט אין משך פון אכצן הונדערט יאר, און וואס איך פארער דיך, ווארים דו האסט משמעות אראָפּגענידערט אין גיהינום אריין, און איבערגעלאזט פאר אונז דעם הימל, אָ, שעיר־לעזאזל פון אלע פארברעכערס און אויסווורפן, אָ, יהודה, קום אראָפּ צו מיר און שפּרייט אוים די הענט איבער מיר, כדי צו געבן מיר די כהונה פון חסד און ליבע!“

ווי ער האט געענדיקט די תפלה, האָט דער גלח, וואס איז אלץ געלעגן אויסגעצויגן אויף דר'ערד, דערפילט ווי צוויי הענט שפּרייטן זיך אויס איבער זיין קאפּ, ווי די הענט

פון בישאף בעת ער פירט דורך די צערעמאניע. אויף צומארגנס האט ער געמאלדן דעם ערצבישאף:

— איך בין, האט ער געזאגט צו אים, — דער כוהן פון דער מדת-הרחמים, אין ארדן פון יהודה איש-קריות, Secundum ordinem Judas.(*

און פון יענעם טאג אן האט זיך דער גלח א'עזשער אוועק־געלאזט איבער דער וועלט, און אומעטום געדרשנט די עוואנ־געליע פון דער אומענדלעכער בארמהארציקייט אין נאמען פון אויסגעלייזטן יהודה איש-קריות. זיינע אפאסטאלישע ארבעטן זענען אבער פארזונקען געווארן אין נויט און אין משוגעת. א'עזשער איז געווארן א תלמיד פון סוועדענבארג און איז גע־שטארבן אין מינכען. ער איז געוועזן דער לעצטער און דער מילדעסטער צווישן די אנהענגער פון קינס ארדן.

* *

*

*) באדייטונג: דער צווייטער אין ארדן פון יהודה איש־קריות.

הער אַריסטיד, אַ גרויסער אָנהענגער פון יאַגד, האָט אָפּגעפּראַטעוועט פון טויט אַ גאַנצע מחנה פייגעלעך, וואָס האָבן זיך נאָר וואָס אויסגעפּיקט אין אַ רויזן-דאָרן, אונטער זיין פענצטער. און גראָד האָט דעמאָלט אַ קאַץ געקלעטערט איבער דעם רויזנדאָרן.

בעת איינער נעמט זיך עפּעס טון, איז גוט, ווען ער גלויבט אין אַנטגילטיקע צילן און איז איבערצייגט, אַז די קעץ זענען באַשאַפן געוואָרן אויף אויסצורוימען די מייז אָדער מ׳זאָל זיי קענען מכבד זיין מיט אַ פּאָרציע בליי. הער אַריסטיד האָט אַרויסגענומען זיין רעוואָלווער און אויסגעשאָסן צו דער קאַץ.

מ׳איז לכתחלה צופרידן, בעת מ׳זעט, אַז די פייגעלעך זענען אָפּגעראַטעוועט און זייער שונא איז געוואָרן באַשטראָפט. אָבער מיטן דאָזיקן רעוואָלווער-שאָס קומט פאָר דאָס זעלבע, וואָס מיט יעדער אַנדערער מענטשלעכער האַנדלונג: הויבט מען זיך אָן צוצוקוקן צו איר פון גאָר נאָנט, הערט מען אויף מיטאַמאָל צו זעען איר יושרדיקייט. וואָרים אויב מ׳זאָל זיך פאַרטראַכטן, האָט דאָך די קאַץ, וואָס איז געווען אַזאַ יעגער, ווי ה׳ אַריסטיד, פונקט ווי ער, געקאָנט גלויבן אין אַנטגילטיקע צילן, און אין דעם פאַל, וואָלט זי קיין איין רגע אַפילו נישט געצווייפלט, אַז די פייגעלעך זענען דווקא באַשאַפן געוואָרן פאַר איר. דאָס איז אַ גאַנץ נאַטירלעכע איליוזיע. דער רעוואָל־

ווער־שאָס האָט זי אויסגעלערנט אַביסל צו שפּעט, אַז זי האָט אַ טעות געהאַט בנוגע דעם אַנטגילטיקן סוף פון די קליינע פייגעלעך, וואָס האָבן געפּישטשעט אין רויזנדאָרן.

צי איז דען פאַראַן אַ באַשעפעניש, וואָס זאָל זיך נישט האַלטן פאַרן אַנטגילטיקן צוועק פון דער יצירה און האַנדלען אויף אזא אופן, פּונקט ווי עס וואָלט באמת געווען דער צוועק פון לעבן? דאָס איז דווקא דער נויטווענדיקער באַדינג פון לעבן. יעדער פון אונז גלויבט, אַז די וועלט וועט אונטערגיין צוזאַמען מיט אים. בעת איך רעד וועגן אונז, פאַרגעס איך נישט די חיות. ס׳איז נישט פאַראַן קיין איין חיה, וואָס זאָל זיך נישט האַלטן פאַרן העכסטן צוועק, צו וועלכן די נאַטור שטרעבט. אונזערע שכנים, ווי דער רעוואָלווער פון ה׳ אַריסטיד וועלן אַ געוויסן טאָג נישט פאַרפעלן אַרויסצופירן אונז פון טעות, אונזערע שכנים, אָדער פּשוט אַ הונט, אַ פערד, אַ מיקראָב, אָדער גאָר אַ קערנדל זאַמד.

אלץ, וואָס האָט צו פאַרדאַנקען זיין ווערט בלויז דער צייהייט פון אויפפאַסונג און אַ געוויסער קינסטלערישער באַ-פארבונג, עלטערט זיך גאָר שנעל. די מאָדע אין דער קונסט גייט פארביי, ווי אלע אנדערע מאָדעס. ס'זענען פאראן אין איר עפעקטפולע פראזן, וואָס ווילן זיין ביי, פונקט ווי די קליי-דער, וואָס גייען ארויס פון די גרויסע שניידער-מאגאזינען: זיי דויערן נישט מער, ווי איין סעזאָן.

אין רוים, בעת דער ירידה פון די קונסט-באגריפן, האבן די סטאטוען פון די קייזערינס געטראגן פריזורן לויט דער לעצטער מאדע. גאר גיך זענען אבער די דאזיקע פריזורן גע-ווארן לעכערלעך: מ'האט זיי באדארפט צו ענדערן, און מ'האט אנגעהויבן צו באפוצן די סטאטועס מיט מערמל-פערוקן. ס'וואלט געווען געוווּנשן יעדן פיין פריזירטן סטיל, פונקט ווי אמאל די סטאטועס, יעדעס יאר אויפסניי אויסצוקעמען. און עס ווייזט זיך ארויס, אַז אין אונזערע צייטן, בעת דאס לעבן האט אזא ראשיקן טעמפא, דויערן די ליטעראַרישע שולן אינגאַנצן א פאר יאר, און טיילמאל קוים עטלעכע חדשים. מיר זענען באקאנט יונגע דיכטער, וואס זייער סטיל, הגם ער האט אינגאנצן איבערגע-לעבט א צוויי דורות, קומט ער איצט פאר ווי א פארצייטיקער.

דאס איז בלי ספק א פועל-יוצא פונם וווּנדערבארן פרא-גרעס פון דער אינדוסטריע און פון די מאשינען, וואס פאר-באפט מיט זיך די פארחידושטע מענטשלעכע געזעלשאפטן, אין

די צייטן פון די ה׳ ה׳ גאָנקור און די אייזנבאַנען האָט מען געקאָנט אָפּלעבן אַ לאַנגע צייט און די דעמאָלסטיקע ליטעראַטור האָט אַלעמען צופרידנגעשטעלט. זינט אָבער עס זענען איינגעפירט געוואָרן טעלעפאָנען, האָט די ליטעראַטור, וואָס איז אַגב אָפּהענגיק פון די הערשנדע מדות, אָנגעהויבן איבערצובייטן אירע פאָרמען מיט אַ שרעקלעכער שנעלקייט. מיר זענען מסכּים מיטן ה׳ לודוויק הלוי, אַז בלויז די פּשוטע פאָרם קאָן דויערן אויב נישט קיין הונדערטער יאָרן — דאָס וואָלט געווען אַ גוזמא — איז לכל הפּחות יאָרן.

די איינציקע שוועריקייט באַשטייט אינם דעפינירן, וואָס איז אַזוינס פּשוטע פאָרם, און מ׳מוז מודה זיין, אַז מיר טרעפן דאָ אָן אויף אַ קאָלאָסאַלע שוועריקייט.

די נאַטור, לכל-הפּחות אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל זי איז צוגענגלעך פאַר אונזער שׂכל און אין דעם מיליע, וואָס איז צום בעסטן צוגעפּאַסט צום לעבן, איז בשום אופן נישט פּראָסט, און די קונסט קאָן דאָך אוודאי און אוודאי נישט פּרעטענדירן צו זיין פּשוטער, ווי די נאַטור אַליין. פונדעסטוועגן פאַרשטייען מיר זיך גאַנץ גוט, בעת מיר זאָגן, אַז דער סטיל איז אַ פּשוטער, און יענער איז אַ געקינסטלטער.

איך וואָלט דעריבער געזאָגט, אַז אויב ס׳איז נישט פאַראַן קיין פּשוטער סטיל אינם געבוי באַשטימטן זין פון וואָרט, זענען אָבער פאַראַן סטילן, וואָס קומען אונז פאָר פּשוט, און זיי טאַקע זענען שטענדיק יונג און דויערן לאַנג. ס׳בלייבט נישט איבער מער, ווי אויסצופאָרשן, פון וואַנען עס נעמט זיך די דאָזיקע גליקלעכע וואָרשיינלעכקייט. מ׳וועט בלי ספק קומען צו דער איבערצייגונג, אַז די דאָזיקע וואָרשיינלעכקייט האָבן זיי צו פאַרדאַנקען נישט דעם אומשטאַנד, וואָס זיי זענען נישט אַזוי רייך ווי די אַנדערע אין פאַרשידענע עלעמענטן, אָבער דווקא דערפאַר, וואָס זיי שטעלן פאָר מיט זיך אַ גאַנצקייט, ווו אַלע טיילן זענען אַזוי שטאַרק צונויפגעגאָסן מיט זיך, אַז ס׳איז פּשוט שווער זיי אויסצוטיילן.

אַ גוטער סטיל איז סוף כּל סוף, ווי אַ ליכט-שטראַל,

וואָס דרינגט אַריין דורך מיין פענצטער אין דער רגע, בעת איך שרייב, אין זיין קלאָרקייט האָט ער צו פאַרדאַנקען דער אינערלעכער האַרמאָניע פון די זיבן פאַרבן, אויף וועלכע מ׳קאָן אים פונאַנדערטיילן.

דער פשוטער סטיל איז ענלעך צו אַ ווייסן ליכט-שטראַל. ער איז קאָמפּליצירט, מ׳זעט עס אָבער נישט אָן אין אים. דאָס איז נישט מער, ווי א בילד, און מיר ווייסן דאָך וואָס פאַראַ ווערט עס האָט אַ בילד, אויב נישט אַ דיכטער באַנוצט זיך דערמיט. איך האָב אָבער בלויז געוואָלט געבן צו פאַרשטיין, אז אין דער שפּראַך איז די שיינע און באגערטע פשטות פון סטיל נישט מער, ווי אַן אילוזיע, און זי איז אויסשליסלעך אַ פועל-יוצא פון דער נאַטירלעכער אָרדנונג און פון דער עקאָנאָמישער באַהערשונג פון די שפּראַך-טיילן.

ס'איז מיר אוממעגלעך צו באגרייפן די שיינקייט, אומאָפּהענ־גיק פון דער צייט און פון רוים, און די ווערק פון מענטש־לעכן גייסט הייבן מיר אָן געפעלן צו ווערן ערשט דעמאָלט, בעת איך אַנטדעק אין זיי די פעדים, וואָס פארבינדן זיי מיטן לעבן, און דער דאָזיקער מאָמענט ציט מיך טאָקע צו אין זיי. אַ דאַנק די נאַאיווע פאָרמען פון די היסאַרליק־וואַזעס, האָב איך ליבער באַקומען די איליאַדע; און אויב איך האָב אַ גרויסע הנאה ביים לייענען די געטלעכע קאָמעדיע איז עס דערפאַר, וואָס מיר איז באַקאַנט דאָס פלאָרענטינישע לעבן אין דרייצנטן יאָרהונדערט. אינם קינסטלער זוך איך דעם מענטש, און דווקא דעם מענטש. צי איז דען די שענסטע פאָ־עמע עפּעס אַנדערש ווי אַ רעליקוויע?

געטהע האָט ארויסגעזאָגט פאָלגנדן טיפן געדאַנק: „בלויז די געלעגנהייט־ווערק וועלן דויערן צום לענגסטן". אין דער אמתן זענען אָבער אַלע ווערק געלעגנהייטס־שאַפונגען, ווייל אלע זענען אָפּהענגיק פון ארט און פון דער רגע, אין וועלכער זיי זענען געשאפן געוואָרן. מ'קאָן זיי נישט פאַרשטיין, ווי אויך נישט ליבן באַוווסטזיניק, אויב מ'קאָן נישט דאָס אָרט, די צייט און די אומשטענדן פון זייער אָפּשטאַמונג.

דאָס איז באמת טפשות און גאווהדיקע באגרענעצקייט איינצורעדן זיך, אַז מ'האָט געשאפן אַ ווערק, וואָס איז געגוג

פאר זיך אליין. דאָס באַדייטנדסטע ווערק האָט אַ ווערט בלויז דערפאר ווייל עס איז פאַרבונדן מיטן לעבן. וואָס בע־סער מיר איז געלונגען אויפצוכאַפּן די דאזיקע פעדים, אַלץ מער וואקסט מיין אינטערעס צום ווערק.

* *

*

מ׳קאָן און מען דאַרף זאגן אַלץ, אויב מען קאן רעדן וועגן אַלץ. מיט וואס פאַרא נייגיריקייט וואלט מען זיך צו־געהערט צו א פולשטענדיקן, אויפריכטיקן ווידוי! אבער זינט מענטשן עקזיסטירן, האט מען נאך עטוואס ענלעכעס נישט גע־הערט. קיינער האט נאך נישט ארויסגעזאגט אַלץ, אפילו יע־נער פלאמענדיקער אויגוסטין, וואס האט זיך פיל מער באַשעפ־טיקט מיט די מאניכעער *), ווי מיטן אויפדעקן די געהיימנישן פון זיין אייגענער נשמה, און אפילו דער גרויסער רוסאָ נעבעך, וואס זיין שגעון האט אים געשטויסן צו באַרעדן זיך אליין.

*

* *

די געהיימנישפולע ווירקונגען פון טאָג און פון וועטער,

---

*) אַ רעליגיעזע סעקטע, געגרינדעט אין דריטן יארהונדערט פון מאַנעס אין פערסיע. לויט די גרונט־לערן פון דער סעקטע איז די וועלט באשאפן געווארן פון צוויי גייסטער: פון אַ גוטן און שלעכטן גייסט. די סעקטע איז שפעטער שטאַרק באַקעמפט געווארן דורכן קריסלעכן קלער. (באַמ. פ. איבערזעצער).

די טויזנטער ליידן און יסורים, וואָס נעמען זיך פון דער גאַנצער נאַטור, זענען אַן אָפּצאָל פון חושימדיקע מענטשן, וואָס זענען גענייגט צו זוכן אַ פרייד אין די פאָרמען און קאָלירן.

* *

*

די אומטאָלעראַנץ האָט עקזיסטירט אין אַלע צייטן. כ'איז נישט פאַראַן אַזאַ רעליגיע, וואָס זאָל נישט האָבן געהאַט אירע פאַנאַטיקער. מיר אַלע זענען גענייגט צו פאַרערן. אויב מיר האָבן עפּעס ליב, ווערן מיר נתפּעל פון דער מינדעסטער קליי־ניקייט אין געליבטן קעגנשטאַנד, און מיר ווערן אויפגערעגט, בעת מ'ווייזט אונז די פעלערן פון אונזערע אָפּגעטער.

דעם מענטש קומט אָן מיט גרויס מי כאָטש מיט אַ געוויסער מאָס קריטיציזם זיך צו באַציען צום קוואַל פון זיינע גלויבענישן און צו דער אָפּשטאַמונג פון זיין גלויבן. וואָרים אויב מ'זאָל זיך צופיל צוקוקן צו די פּרינציפּן פון גלויבן, וואָלט מען גאָר גיך אויפגעהערט צו גלויבן.

* *

*

אַ סך מענטשן זענען ביים היינטיקן טאָג איבערצייגט, אַז מיר האָבן שוין דערגרייכט די ענדע פון דער ציוויליזאַציע און נאָך אונז וועט די וועלט אונטערגיין. זיי זענען מילע־נאַריער*), ווי די ערשטע הייליקע אין די ערשטע צייטן פון קריס־טנטום; דאָס זענען אָבער געבילדעטע מילענאַריער, צוגעפּאַסט צו די היינטיקע באַדינגונגען. מ׳קאָן זאָגן, אַז דאָס איז אין אַ גע־וויסער מאָס אַ טרייסט, וואָס די וועלט וועט אונז נישט איבער־לעבן.

וואָס שייך מיר, קאָן איך נישט געפינען אין דער מענטש־הייט קיין שום סימן, וואָס זאָל עדות זאָגן וועגן איר אונטער־גאַנג. איך הער רעדן אַ סך וועגן דעקאַדענץ. איך אַליין גלויב אָבער נישט דערין. איך גלויב אַפילו נישט, אַז מיר זאָלן האָבן דערגרייכט דעם קולמינאַציאָנס־פּונקט פון דער ציוויליזאַציע. איך גלויב, אַז די מענטשהייט מאַכט דורך אַן אויסערגעוויינ־לעך לאַנגזאַמע עוואָלוציע, און די אונטערשידן אין די מנהגים, וואָס שאַפן זיך פון יאָרהונדערט צו יאָרהונדערט, זענען, אויב מ׳זאָל זיי גוט אויסמעסטן, אַ סך קלענער, ווי מיר שטעלן זיך

---

*) אַ ריי יידישע און קריסטלעכע סעקטעס, וואָס האָבן געגלויבט, אַז משיח וועט נישט קומען פריער, ווי אין טויזנט יאָר אַרום. דערפון נעמט זיך אויך דער נאָמען מילענאַריער, וואָס שטאַמט פון וואָרט מיל — באַדייט: טויזנט. (באַמ. פון איבערזעצער).

עס פאר. זיי ווארפן זיך אונז אבער אין די אויגן אריין. אבער די אומצייליקע ענלעכקייטן, וואס פארבינדן אונז מיט אונזערע אבות, באמערקן מיר נישט לחלוטין! די וועלט גייט זיך פאמע־לעך איר וועג. דער מענטש פארמאגט א געניאלע פעיקייט באַנ־צומאַכן. ער שאפט גאָרנישט.

אין דער פסיכאלאגיע, פונקט ווי אין דער פיזיק, איז פאראן אַ גראוויטאציאנס-געזעץ, וואט האלט אונז פעסט צוגע־בונדן צו דער ערד. טעאפיל גאטיע, וואס איז געווען א פילא־זאף אויף זיין שטייגער און אין זיין חכמה איז געווען עטוואס פון דער טערקישער פילאזאָפיע, האט באַמערקט, נישט אן אומעט, אז די מענטשן זענען אפילו נישט אימשטאנד געווען צו שאַפן אן אכטן הויפט-חטא.

היינט אין דער פרי, בעת איך בין דורכגעגאנגען די גאס האב איך געזעען מוליערס, וואס האבן געבויט א הויז און אויפ־געהויבן שטיינער אויפן זעלבן אופן, ווי עס האבן עס געטון די שקלאפן פון טעב און נגוה. כ׳האב געזעען יונגע פארפעלקער, וואס זענען נאר וואס ארויסגעגאנגען פון אונטער דער חופה און אוועק אין שענק צוזאמען מיט זייערע חופה-באגלייטערס; זיי האבן, לחלוטין אן טרויער, אויסגעפירט א מנהג, וואס עק־זיסטירט שוין הונדערטער יארן. כ׳האב באגעגנט א לירישן דיכטער, וואס האט מיר פארגעלייענט זיינע פערזן. לויט זיין מיינונג אומשטערבלעכע; און אין דער זעלבער צייט האט לעבן מיר פארביימארשירט אויף דעם וועג א באטאליאן רייטער, אין קאסקעס פון די רוימישע לעגיאנערן און האפליטן, אין העל־פונקלענדיקע בראנזענע קאסקעס פון האמערישע קריגסלייט, פון וואנען ס׳האט נאך אלץ אראפגעהאנגען, כדי איבערצושרעקן דעם שונא, א צעפלאָשעטע גזשיווע, וואס האט אמאל אזוי איבערגעשראקן דעם קליינעם אסטיאנאקס, בעת ער איז געלעגן אין די ארעמס פון זיין אם מיט די שיינע היפטן. די דאזיקע רייטער זענען נישט קיין אנדערע, ווי מיטגלידער פון דער רעפובליקאנישער גווארדיע. ביים דאזיקן אנבליק האב איך א טראכט געטון, אז די פאריזער בעקערס באקן ברויט אין

אויוונס, פונקט ווי אין די צייטן פון אברהם אבינו און פון גודעאַס, און אויפן זינען איז מיר געקומען דער פסוק פון קהלת: „אין חדש תחת השמש". *) און איך האָב מיך גאָרנישט געוווּנדערט, אַז איך מוז מיך אונטערוואַרפן די ציווילע געזעצן, וואָס זענען שוין געווען אַלט נאָך דעמאָלט, בעת דער קייזער יוסטיניאַן האָט זיי צונויפגעזאַמלט אין איין געזעץ-קאָדעקס.

* *

*

איין זאַך גיט אַלעמאָל צו אַ געוויסן רייץ דעם מענטשלעכן געדאַנק: דאָס איז דער אומרו. אַ מענטש, וואָס ווייסט נישט פון קיין מורא, ברענגט מיך ארויס פון די כלים, אדער ער לאַנגווייליקט מיך.

* *

*

מיר באַצייכענען מיטן נאָמען געפערלעכע, די מענטשן, וואָס דענקען אַנדערש, ווי מיר, און אוממאָראַלישע — די אַלע, וואָס האַלטן נישט פון אונזער מאָראַל. מיר רופן אָן סקעפּטיקער די אַלע, וואָס טיילן נישט אונזערע אייגענע אילוזיעס, און אונז פאַלט גאָרנישט איין זיך אַ פרעג צו טון, אפשר האָבן זיי אַנדערע אילוזיעס.

* *

*

*) נישטאָ קיין נייעס אונטער דער זון.

אויגוסט קאָנט פאַרנעמט ביים היינטיקן טאָג אין דער פילאָזאָפיע דאָס זעלבע אָרט, וואָס דעקאַרט און לייבניץ. דער טייל פון זיין פילאָזאָפיע, וואָס באַהאַנדלט די קעגנזייטיקע באַציונגען צווישן די פארשידענע וויסנשאַפטן און זייער היעראַרכיע, דאזונדערס דער טייל, ווו ער בויט אויף פון אָן אַ שיעור היסטאָרישע פאַקטן די פאָזיטיווע געביידע פון דעד סאָציאָלאָגיע, זענען ביים היינטיקן טאָג איינער פון די ווערטפולסטע אוצרות פון מענטשלעכן געדאַנק. פאַרקערט, דער פלאַן פון אַ נייער געזעלשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע, וואָס איז אָנגעווארפן געווארן דורכן דאזיקן גרויסן מאן, ביים סוף פון זיין לעבן, האט נישט געפונען קיין אנערקענונג, חוץ ביי די אנהענגער פון דער פאזיטיוויסטישער קירך: דאס איז דער רעליגיעזער טייל פון זיין ווערק.

אויגוסט קאָנט איז געקומען צו דער דאזיקער קאנצעפציע אונטערן איינפלוס פון א מיסטישער און ריינער ליבע. די, וואס האט אים דערצו אינספּירירט, קלאטילדע דע-ווא, איז געשטארבן אַ יאר נאך איר ערשטער באַגעגעניש מיטן פילאזאף; צום אנדענק פון דער יונגער פרוי האט ער געשאַפן אַ קולט, וואס ווערט אונטערגעהאַלטן פון זיינע טרייע תלמידים. די רעליגיע פון אויגוסט קאָנט פאַרדאַנקט איר אנטשטייונג דער ליבע. נישט געקוקט אבער דערויף איז זי דורכגעדרונגען מיט טרויער און טיראַניע.

אַלע ענינים פון לעבן און פון געדאַנק זענען אין איר אונטערגעוואָרפן געוויסע באַשטימטע כּללים. זי יאָרפּט אָן דער עקזיסטענץ געאָמעטרישע פאָרמען, יעטוועדע בייגיריקייט פון גייסט ווערט דאָרט ווי צום שטרענגסטן אונטערגעדריקט. זי אָנערקענט בלויז נוצלעכע קענטנישן, דער אינטעלעקט איז פולשטענדיק אונטערגעוואָרפן די געפילן. דאָס איז באמת באַמערקונגסווערט! דווקא דערפאַר, וואָס די דאָזיקע דאָקטרין שטיצט זיך אויף דער וויסנשאַפט, נעמט זי אָן, אַז די וויסנשאַפט איז דעפיניטיוו קאָנסטיטוירט געוואָרן, און אָנשטאָט צוצוגעבן מוט צו ווייטערע פאָרשונגען, האַלט זי אָפּ דערפון און פאַראורטיילט אפילו די פאָרשונגען, וואָס זייער אָביעקט איז נישט די טובה פון מענטשן.

בלויז דאָס איינציקע וואָלט מיך שוין אָפּגעהאַלטן פון אָנצוקלאַפּן אין דער טיר פון טעמפּל ביי דער גאַס מעסיע לע פּרענס. פאַרווערן און אַרויסטרייבן דעם קאַפּריז און די בייגיריקייט — וואָס פאַראַ מוראדיקע אָרדנונג! איך באַקלאָג מיך נישט דערויף, וואָס די פּאָזיטיוויסטן ווילן אונז פאַרווערן יעטוועדע פאָרשונג וועגן דעם תוך, אָפּשטאַמונג אין דעם סוף פון די קעגנשטאַנדן. איך וואָלט שוין שלום געמאַכט מיטן געדאַנק קיינמאָל נישט צו דערגיין די סבה פון די סבות און דעם צוועק פון די צוועקן. נישט פון היינט לייען איך מעטאַפיזישע אָפּהאַנדלונגען, ווי אויך ראָמאַנען, וואָס זענען איינער פון אַנדערן אַמוזאַנטער, אָבער דערפאַר נישט אמתער.

דאָס אָבער, וואָס מאַכט דעם פּאָזיטיוויזם באַזונדערס ביטער אין אָפּשטויסנדיק, איז די שטרענגקייט, מיט וועלכער ער פאַרווערט די אומנוצלעכע וויסנשאַפטן, וואָס זענען דאָך די סימפּאַטישסטע. וואָס פאַרא זין וואָלט געהאַט אָן זיי דאָס לעבן? דער פּאָזיטיוויזם דערלויבט אונז נישט צו שפּילן זיך וויפיל אונז גלוסט מיט די פענאָמענען און אנצושכורן זיך מיט פוסטע חלומות. ער פאַראורטיילט דעם זיסן שגעון פון פאָרשן די הימלישע טיפענישן.

אויגוסט קאָנט, וואָס האָט אין משך פון צוואַנציק יאָר

געהאַלטן לעקציעס וועגן אַסטראָנאָמיע, האָט געוואָלט באַגרע-
נעצן די פאָרשונגען אויף דעם דאָזיקן וויסנשאַפטס-געביט בלויז
צו די אָנזעעוודיקע פּלאַנעטן פון אונזער סיסטעם, וואָרים לויט
זיין מיינונג זענען דאָס די איינציקע קערפּערס, וואָס קענען
באַאיינפלוסן דעם גרויסן פּעטיש. אַזוי האָט ער אָנגערופן די
ערד ; דער גרויסער פּעטיש וואָלט אָבער נישט געקענט באַ-
וואוינט ווערן פון געוויסע מענטשן, אויב דאָס לעבן וואָלט רע-
גולירט געוואָרן פון שעה צו שעה און אויב מ'וואָלט זיך נישט
געקאנט פארנעמען מיט אומנוצלעכע זאַכן, ווי למשל, חלומען
וועגן טאָפּעלע שטערן.

* *

*

„איך לעב, דעריבער מוז איך עפּעס טון" — אַזוי האָט געזאָגט דער האָמונקולוס, וואָס איז ארויס פון דאָקטאָר וואַגנערס אַלעמביק. און אין דער אמתן, לעבן — באַדייט ווירקן. צום אומגליק איז דער מענטש, וואָס האָט אַ שפּעקולאַטיוון שכל, נישט פעיק צו מעשים. די מאַכט געהער נישט צו די, וואָס ווילן אַלץ פאַרשטיין. עס איז אַ פעלער, ווען מ׳קוקט ווייטער פון נאָנטסטן ציל. נישט בלויז פערד און מוילאייזלען דאַרפן צו האָבן אַ צוים, כדי צו גיין אין געשפּאַן.

די פילאָזאָפן האָבן זיך ליב אָפּצושטעלן אויפן וועג און אָנשטאַט צו לויפן, ווילן זיי גאָר שפּאַצירן. די געשיכטע פון רויט-מיצל איז אַ באַלערנדע לעקציע פאַר די מלוכה-מענער, וואָס טראָגן אַ קליין טעפּל מיט פּוטער און דאַרפן נישט וויסן, צי עס וואַקסן ניס אויף די זייטיקע וואַלד-סטעזשקעס.

* *

*

וואָס מער איך טראַכט וועגן מענטשלעכן לעבן, אַלץ מער הייב איך אָן צו גלויבן, אַז אַלס עדות און ריכטער דאַרף מען אים צו געבן די איראָניע און די באַרמהאַרציקייט, ווי די

געטין איזיס און די געמין נעפטיס, וואָס זייער אויפזיכט האָבן די עגיפטער אָנפאַרטרויט זייערע מתים. די איראָניע און די באַרמהאַרציקייט זענען צווי גוטע עצה-געבערינס; די ערשטע מאַכט אונז זיס דאָס לעבן מיט איר שמייכל; די צווייטע פאַרהייליקט דאָס לעבן מיט איר געוויין.

די איראָניע, וואָס איך רוף זי ארויס, איז לגמרי נישט קיין שלעכטע. זי מאַכט נישט חווק נישט פון ליבע, נישט פון שיינקייט. זי איז מילד און גוטהאַרציק. איר געלעכטער באַרויקט דעם כעס, און זי טאַקע לערנט אונז אָפּצולאַכן פון די שלעכטע און שוטים. און ווען נישט זי, וואָלטן מיר זיי צוליב אונזער שוואַכקייט, גאָר שנעל פיינד באַקומען.

* *

*

אַט-אָ דער מענטש וועט אַלעמאָל האָבן דעם המון אויף זיין זייט. ער איז זיכער אין זיין קראַפט, פונקט ווי ער איז זיכער מיט דער וועלט. דאָס טאַקע געפעלט דעם המון; דער המון פאַרלאַנגט פאַרזיכערונגען און נישט קיין באַווייזן. באַווייזן פירן אראָפּ פון וועג און ברענגען אריין אין אַ פאַרלעגנהייט. דער המון איז פּראָסט און קאָן זיך נישט אויף קיין קונצ-שטיקלעך. מ'דאַרף אים קיינמאָל נישט זאָגן: ווי אַזוי, אָדער אויף וואָסער אופן, נאָר בלויז יאָ אָדער ניין.

* *

*

די טויטע לאָזן זיך אויסערגעוויינלעך לייכט איינגעמען.

ס איז אַ באַווייז פון געזונטן אינסטינקט צונויפצופירן אין כבוד און אין ליבע אַלע אַרבעטער, וואָס נישט געקוקט דערויף, וואָס זיי זענען זיך שונאים, האָבן זיי פונדעסטוועגן אויפגעבויט מיט געמיינזאַמע כוחות אַ סאָציאַל אָדער אַ מאָראַליש ווערק. די דאָזיקע פאַרברידערונגען נאָכן טויט האָבן מיר צו פאַרדאַנקען דער לעגענדע, און דאָס גאַנצע פאָלק איז דערפון צופרידן. די לעגענדע האָט שוין אירע וווּנדערבאַרע מיטלען, ווי אַזוי שלום צו מאַכן צווישן קלמן און זלמן און צונויפצוברענגען די גרעסטע שונאים.

אָבער די לעגענדע פון דער רעוואָלוציע שאַפט זיך מיט גרויס מי.

די ליבע צו ביכער איז באמת ווערט געלויבט צו ווערן.
מ׳פלעגט חוזק מאַכן פון די ביכער־ליבהאָבער, און ס׳קאָן זיין אז סוף כל סוף פאַרדינען זיי, מ׳זאָל חוזק מאַכן פון זיי; דאָס איז דער גורל פון אַלע פאַרליבטע. מ׳וואָלט זיי אָבער פיל מער באַדאַרפט מקנא צו זיין, מחמת דעם, וואָס זיי האָבן באַפוצט זייער לעבן מיט אַ לאַנגדויערנדיקן און רויקן פאַרגעניגן.

ס׳זענען פאַראַן מענטשן, וואָס מיינען, אַז זיי וועלן די בוך־ליבהאָבער פאַרשעמען מיטן פאָרוואורף, אַז זיי לייענען קיינ־מאָל נישט זייערע ביכער. איינער פון זיי האָט שוין אָבער דעריף געענטפערט און איז לחלוטין נישט געווען אין אַ פאַר־לעגנהייט: „און איר עסט אפשר פון אייערע אַלטע פאַיאַנס־כלים?" צי קאָן מען עפעס פאָרוואַרפן איינעם פאַר איבער־שטעלן און איבערלייגן ביכער אויף די פאָליצעס? דאָס דער־מאָנט, דעם אמת געזאָגט, די באַשעפטיקונגען פון קינדער, וואָס בויען אויף הייזער פון זאַמד אויפן ים־ברעג. זיי אַרבעטן אומ־זיסט, און אַלץ, וואָס זיי בויען אויף, ווערט אין אַ וויילע שפעטער צעשטערט. דאָס זעלבע קומט פאָר בלי ספק מיט ביכער און בילדער־קאָלעקציעס. אָבער באַשולדיקן אין דעם קאָן מען בלויז די נישט דויערעוודיקייט פון דער עקזיסטענץ און קורצקייט פון לעבן. דער ים צעשטערט די זאַמד־געביידעס, און דער עקזעקוטאָר מאַכט אַ תל פון קאָלעקציעס.

נישט געקוקט דעריף איז נישט פאַראַן עפעס בעסערס

צו טון, ווי בויען הייזער פון זאמד אין עלטער פון צען יאָר, אָדער זאמלען קאָלעקציעס, בעת מ'האָט דערגרייכט די זעכציקער יאָרן, קיין שפור וועט צומאָל נישט פארבלייבן פון אונזערע געביידעס, און די ליבע צו קליינינקייטן איז נישט ערגער, ווי יעטוועדע אנדערע ליבע.

* *

*

אפילו יוען מ'האָט זייער ווייניק געהאָט צו טון מיט געלערטע, באמערקט מען פונדעסטוועגן, אז זיי צייכענען זיך נישט אויס מיט קיין איבריקער נייגיריקייט. מיט אַ פּאָר יאָר צוריק האָב איך פארבראַכט אין אַ גרויסער אייראָפּעישער שטאָט, וואָס איר נאָמען וויל איך נישט דערמאָנען. כ'האָב דאָרט באזוכט די נאַטורוויסנשאַפטלעכע מוזייען אין דער געזעלשאַפט פון אַ מוזייקאָנסערוואַטאָר, וואָס האָט אין זייער אַ העפלעכן טאָן באַשריבן מיר די זאַמלונגען. ער האָט מיר אַלץ גענוי געשילדערט ביז צו דער פּליאָצענישער עפּאָכע.

בעת מיר זענען אָבער צוגעקומען צו די ערשטע שפּורן פון מענטש, האָט עם אויסגעדרייט דעם קאָפּ און אויף מיינע פראַגן האט ער מיר געענטפערט, אַז דאס איז נישט זיין ספּעציאַליטעט. איך האב פארשטאנען, אז איך בין געווען נישט דיסקרעט.

מ'דארף קיינמאל נישט אויספרעגן א געלערטן וועגן די סודות פון וועלטאל, וואס גייען נישט אריין אין זיין געביט. דאס האט נישט פאר אים לחלוטין קיין אינטערעס.

* *

*

די צייט פליסט אָן אויפהער און אויפן וועג פארוואנדעט זי אדער זי מאַכט אַ תל פון אונזערע פלאמעגדיקסטע און צערט־לעכסטע געפילן. זי שוואכט אפ די התפעלות, צונעמענדיק ביי איר איר באַטירלעכע שפייז: דעם סיורפריז און די פארחידושונג.

די צייט מאכט א תל פוז דער ליבע און פון אירע רייצנ־דיקע משוגעתן זי צעברעכט דעם גלויבן און די האפנונגען, זי רייסט אומברחמנותדיק אראפ די ערוה פון יעטוועדער אומ־שולדיקייט. א נס, וואס זי לאזט אונז כאטש איבער די בארמ־הארציקייט, יוארים אז נישט וואלטן מיר געווען פארשלאסן אין דער זקנה, ווי אין א קבר.

נאר אדאנק דער בארמהארציקייט לעבט נאך אין אונז דער אמתער פונק פון מענטשלעכקייט. הלוואי מיר זאלן זיך נישט פארוואנדלען אין שטיינער, ווי די גרויסע רשעים אין די אַלטע לעגענדעס און מיטן. לאמיר רחמנות האבן אויף די, וואס ווערן פארפאלגט און אויף די, וואס עס גייט זיי גוט אויף דער וועלט, ווארים עס שטייט געשריבן „א בראך איז צו די, וואס פרייען זיך!" לאמיר בעסער ליידן מיט די, וואס ליידן און זיך ווענדן צום אומגליקלעכן מיטן הארץ און מיט די ליפן, ווי א קריסט זאגט צו מאריען: „Fac me tecum plangere" (*

* *

*

לאמיר נישט גאר שטארק מורא האבן אנצוווארפן די קינסטלער פון אמאל אן אידעאל, וואס זיי האבן אים קיינמאל נישט געהאט. ס'איז נישט פאראן קיין באוווּנדערונג אן א גע־וויסער אילוזיע, און פארשטיין א מייסטערווערק איז אין תוך גענומען דאס זעלבע, וואס באשאפן אויפסניי אין זיך דאס

---

*) כ׳וויל קלאָגן צוזאַמען מיט דיר.

ווערק, די זעלבע ווערק ווערן פארשידן אפגעשפיגלט אין די נשמות, וואס פארטראכטן זיך איבער זיי. יעדער דור זוכט נייע עמאציעס אין די ווערק פון אלטע מייסטערס. דער פעיקסטער צוקוקער איז דער, וואס באקומט פארן פרייז פון א גליקלעכער אומזיניקייט, די ריינסטע און שטארקסטע עמאציע.

דערפון נעמט זיך, וואס די מענטשהייט בינדט זיך צו ליידנשאפטלעך צו אזעלכע ווערק פון דער קונסט אדער פון דער פאעזיע, וואס געוויסע טיילן פון זיי זענען נישט קלאר און קאנען פארשידן אינטערפרעטירט ווערן.

* *

מ׳זאָגט פאָראויס, מ׳וואַרט, מ׳זעט שוין אַפילו, ווי עס דערנענטערן זיך גרויסע סאָציאַלע ענדערונגען. דאָס איז דער אייביקער טעות פון די נבואה־זאָגער. די אומסטאַבילקייט איז בלי ספק די ערשטע באַדינגונג פון לעבן; אַלץ וואָס לעבט ענדערט זיך אָן אויפהער, עס ווערט אָבער דורך אונז נישט באַמערקט און קומט פאָר כמעט אָן אונזער וויסן.

יעדער פּראָגרעס, אַלץ איינס צי ער איז דער בעסטער, צי דער ערגסטער, איז אַ לאַנגזאַמער און אַ רעגלמעסיקער. עס וועלן קיינמאָל נישט פאָרקומען קיין גרויסע ענדערונגען, זיי זענען אויך קיינמאָל נישט געווען, אויב מ׳זאָל שוין רעדן וועגן געוואַלטיקע אָדער אומגעריכטע ענדערונגען. אַלע ענדערונגען אין עקאָנאָמישן לעבן קומען פאָר מיט אַ מילדער לאַנגזאַמקייט, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר די נאַטור-כוחות. די דערשיינונגען, אַלץ איינס, צי זיי זענען גוט אָדער שלעכט, זענען זיי אָבער שטענדיק דאָס, וואָס זיי האָבן געדאַרפט צו זיין.

אונזער סאָציאַלער מצב איז אַ פועל־יוצא פון די צושטאַנדן, וואָס זענען געווען פאַר אים, ווי ער איז אויך די סיבה פון דעם מצב, וואָס וועט קומען נאָך אים; ער קומט אַרויס פון די ערשטע, פונקט ווי די ווייטערע וועלן אַרויסקומען פון אים. און די דאָזיקע פאַרקייטלונג פאַרפעסטיקט אויף אַ לענגערע צייט עקזיסטענץ פון איין און דעם זעלבן טיפ; אַזאַ אָרדנונג פאַרזיכערט דעם רויקן לויף פון לעבן.

אמת איז, אַז די דאָזיקע אָרדנונג שטעלט נישט צופרידן נישט די, וואָס יאָגן זיך נאָך נייע ענדערונגען, ווי אויך נישט די, וואָס זייערע הערצער לעכצן נאָך באַרמהארציקייט. אַזא איז אָבער די אוניווערסאלע אָרדנונג און מ׳מוז זיך איר אונטערגעבן.

לאָמיר פאַרבאַהאלטן די התמדה פון הארץ און די נויט־ווענדיקע אילוזיעס; לאָמיר זיך אָפּגעבן דערמיט, וואָס ס׳קומט אונז פאַר גוט און נוצלעך, אָבער לאָמיר נישט האָפן אויף אַ וווּנ־דערן און אומגעריכטן דערפאָלג, לאָמיר זיך קיינמאָל נישט ריכטן אויף קיין נסים. לאָמיר בעסער צוגרייטן לויט אונזערע שוואַכע כוחות, די בעסטע אָדער די ערגסטע צוקונפט, וואָס מיר וועלן זי נישט אָנזעען פאַר די אויגן

* *

*

אין לעבן מוז מען זיך גאַנץ אָפט פאַרלאָזן אויפן צופאַל. דער צופאַל איז דאָך סוף כל סוף נישט קיין אַנדערער, ווי גאָט אַליין.

* *

*

די פילאָזאָפישע סיסטעמען זענען בלויז אינטערעסאַנט, ווי געוויסע פסיכישע מאָנומענטן, וואָס זענען אימשטאַנד צו אינ־פאָרמירן דעם געלערטן וועגן די פאַרשידענע פאַזן, וואָס דער מענטשלעכער שכל האָט דורגעמאַכט אין משך פון הונדערטער יאָרן. זיי האָבן אַ ווערט פאַר דער דערקענטניש פון מענטש,

זיי זענען אָבער בשום אופן נישט אימשטאַנד צו באַלערן אונז וועגן דעם, וואָס האָט נישט צו טון מיטן מענטש.

די פילאָזאָפישע סיסטעמען זענען, ווי יענע דינע פלאַטין־פעדים, וואָס מ'לייגט זיי אריין אין די גלעזער פון אַ טעלעס־קאָפּ, כדי צו צעטיילן זייער זעונגס־פעלד אויף גלייכע חלקים. די דאָזיקע פעדים קומען צונוץ ביי דער גענויער אָבסערווי־רונג פון די שטערן, זיי שטאַמען אָבער פון מענטש, אָבער נישט פון הימל. עס איז זייער גוט, ווען אַזעלכע פלאַטין־פעדים זענען פאראַן אין די טעלעסקאָפּן. מ'דאַרף אָבער נישט פאַר־געסן, אַז נישט קיין אַנדערער, ווי דער אָפּטיקער האָט זיי דאָרט אריינגעלייגט

* * *

בעת איך בין אלט געווען זיבצן יאָר, האָב איך אמאָל
באגעגנט אלפרעד דע וויני אין א לעזע־זאל אויף דער גאַס פון
די אַרקאַדן. כ'וועל קיינמאָל נישט פארגעסן, אז אויפן האַלז
האָט ער געטראָגן אַ קאָלנער מיט קיילעכדיקע ברעגן, און אַ
דיקן, שוואַרצן סאַטינענעם קראַוואַט, צוגעשפּיליעט מיט אַ קאַמעע.
אין דער האַנט האָט ער געהאַלטן אַ דין רערשטעקעלע מיט אַ
גאָלדן קעפּל.

איך בין דעמאָלט געווען גאָר יונג, פונדעסטוועגן איז ער
מיר נישט פאָרגעקומען נאָך אזוי צאַלט. זיין פּנים האָט געהאַט אַ
רויִקן און מילדן אויסדרוק. זיינע אויסבליאַקירטע האָר האָבן
נאָך אָבער נישט פארלוירן זייער זיידענע ווייכקייט און זענען איין
לאַנגע קרויזן אראָפּגעפאַלן אויף זיינע קיילעכדיקע באַקן. ער
האָט זיך געהאַלטן גלייך, געשפּרייזט מיט קליינע טריטלעך
און גערעדט מיט אַ נידריקער שטים. נאָך זיין אַוועקגיין, האָב
איך מיט אַ פרומער געריכטקייט גענומען בלעטערן דאָס בוך,
וואָס ער האָט צוריקגעבראַכט.

דאָס איז געווען אַ באַנד פון דער פּטיטאָ-קאָלעקציע.
אויב כ'האָב נישט קיין טעות, די מעמואַרן פון לאַ־גו...
כ'האָב דאָרט געפונען אַ לאַנג, שמאָל שטיקל פּאַפּיר, ווייזט
אויס פארגעסן. אויף וועלכן דער דיכטער האָט מיט זיין גרוי־
סער, לענגלעכער און שפּיציקער שריפט, וואָס האָט אַביסל

דערמאָנט דעם כאַראַקטער פון מאַדאַם דע סעווינִיע, אָנגעשריבן מיט אַ בלייַפעדער איין איינציק וואָרט : „בעלעראָפאָן”.

וואס דהאָט באַדייט דאָס דאָזיקע וואָרט, אַ נאמען פון אַ לעגענדאַרן העלד אָדער פון אַ היסטארישער שיף ? אפשר בעת ער האט אנגעשריבן דאס דאזיקע ווארט, האט ער געטראכט וועגן נאַפּאלעאנען, וואס האט דערגרייכט די גרענעצן פון קערפּערלעכער מאַכט ? אדער ער האט גאר געטראַכט : „דער מעלאַנכאלישער ריטער, וואס איז געריטן אויף דעם לעגענדאַרן פּעגאַז, האט נישט געקוקט דערויף, וואס די גריכן האבן וועגן אים פאַרציילט, קיינמאל נישט אומגעבראַכט די כימערע — דאס שרעקלעכע און רייצנדיקע פאַרזעעניש, נאך וועמען מיר יאגן זיך נאך בלינדערהייט, באַגאסן פון שווייס, אין איין אטעם, מיט אַן אויסגעטריקנטן גארגל און מיט פאַרבלוטיקטע פיס !”

* * *

דער פילאזאפישער אומעט האט זיך שוין נישט אייגמאל אויסגעדריקט מיט א מרה-שחורהדיקן גלאַנץ. פונקט ווי די גלויבנדע, וואס אין דער רגע בעת זיי דערגרייכן אַ הויכע מדרגה פון מאראלישער שיינקייט, זאגן זיי זיך אפּ מיט פרייד פון די וועלטלעכע תענוגים, אזוי איז אויך מיטן געלערטן, וואס בעת ער איבערצייגט זיך, אז אלץ ארום אונז איז נישט מער ווי אַן אילוזיע און אפנארעריי, שכורט ער זיך אן מיט פילאזאפישן אומעט און זוכט א פארגעסעניש אין די ארעמס פון רויקער פארצווייפלונג. דאס איז אַ טיפער און שיינער שמערץ, און די, וואס האבן אים איבערגעלעבט וועלן אים נישט פארטוישן אויף לייכטזיניקע פארוויילונגען און פוסטע האפנונגען פון המון.

אויב מיינע קעגנער וועלן זיך נישט רעכענען מיט דער עסטעטישער שיינקייט פון די דאזיקע געדאַנקען און האלטן, אז זיי זענען געפערלעך פארן מענטש און פאר דער מענטשהייט, וועלן זיי אפשר פונדעסטוועגן זיך אפהאלטן פון לייגן זיי אין חרם אריין, בעת מ׳וועט זיי אויפווייזן, אַז די לערע וועגן דער אוניווערסאלער אילוזיע און דער פארגעגנגלעכקייט פון די קעגנשטאנדן, איז געבוירן געווארן אין דער גאלדענער תקופה פון דער גריכישער פילאזאפיע צוזאמען מיט קסענאפאנעסן,

און ווערט קאנטינויִרט אין משך פון יארהונדערטער דורך
די אנגעזעענסטע, מילדסטע און רויקסטע מענער, ווי דעמאקריט,
עפיקור און גאסענדי.

*

כ׳קען אַ ביין-יעריק מיידל, וואס איז קלוגער פון די גרעסטע חכמים. מיט אַ ווײַלע צוריק האט זי צו מיר אזוי געזאגט:

— אין די ביכער זעט מען דאס, וואס מ׳קאן נישט זעען אין דער ווירקלעכקייט, ווארים עס איז צו ווייט, אדער עס איז שוין לאנג פארביי. אבער דאס, וואס מ׳זעט אין די ביכער, זעט מען שלעכט און טרויעריק. קליינע קינדער דאַרפן נישט לייענען קיין ביכער. ס׳איז פאַראַן אזוי פיל זאַכן, וואָס ס׳איז ווערט אָנצוקוקן, און מ׳זעט זיי קיינמאָל נישט פאר די אויגן: יעזשערעס, בערג, טייכן, שטעט און דערפער, ימען און שיפן, דער הימל און די שטערן!

איך בין פולשטענדיק מסכים מיט איר. אונזער לעבן דויערט אַ רגע, צו וואָס זאל מען אונז באַלעסטיקן מיט אַזוי פיל זאַכן? צו וואָס זיך אַזוי פיל לערנען, בעת מיר ווייסן, אַז מיר וועלן סיי ווי סיי קיינמאָל זיך אַלץ נישט דערוויסן? מיר גיבן זיך צופיל אָפּ מיט ביכער, און זייער ווייניק מיט דער נאַטור. און מיר זענען ענלעך צו יענעם שוטה פון פּליניוס דעם יונגערן, וואָס האָט שטודירט אַ גריכישן אָראַטאָר, בעת פאר זיינע אויגן האָט דער וועזוווו אַ תל געמאַכט פון פינף שטעט און זיי פארוואַנדלט אין אַ הויפן אַש.

*   *

*

צי איז פאַראַן אַן אָביעקטיווע געשיכטע ? און וואָס איז אַזוינס געשיכטע ? די געשריבענע שילדערונג פון פאַרגאַנגענע פאַסירונגען. אָבער וואָס איז דאָס אַזוינס אַ פאַסירונג ? צי האָט דאָס אַ שייכות מיט יעטוועדן פאַקט ? ניין ! דאָס איז נאָר שייך אַ וויכטיקן פאַקט.

ווי אַזוי קאָן אָבער דער היסטאָריקער אורטיילן, וואָסער פאַקט איז וויכטיק אָדער נישט וויכטיק ? ער גיט וועגן דעם אַרויס אַ סוביעקטיוון אורטייל, אין הסכם מיט זיין געשמאַק, כאַראַקטער און אידעען, מיט איין וואָרט, ער האַנדלט, ווי אַ קינסטלער, וואָרים די פאַקטן טיילן זיך נישט אויף היסטאָרישע און נישט היסטאָרישע.

יעדער פאַקט איז אויסערגעוויינלעך קאָמפּליצירט. צי איז דער היסטאָריקער אימשטאַנד פאַרצושטעלן די פאַקטן אין זייער קאָמפּליצירטקייט ? דאָס איז אוממעגלעך, ער וועט זיי שטענדיק פאָרשטעלן, אויסגעטון כמעט פון אַלע זייערע אייגנאַרטיקייטן, אָפּגעשניטענע, פאַרקריפּלטע, פולשטענדיק געענדערטע. וואָס שייך ווידער די אינערלעכע באַציונגען צווישן די פאַקטן. לאָמיר בעסער וועגן דעם אינגאַנצן נישט רעדן !

אויב דער אַזוי גערופענער היסטאָרישער פאַקט איז אַנטשטאַנען, -- וואָס איז גאַנץ מעגלעך און גאַנץ וואַרשיינלעך, — דורך איין אָדער פיל נישט היסטאָרישע און טאַקע דערפאַר

אומבאקאנטע פאקטן, ווי אזוי זשע וואלט דער היסטאריקער גע-
ווען בכוח אנצוצייכנען די אינערלעכע באציונג צווישן די פאקטן
און זייער אינערלעכע פארבינדונג ? אין דעם אלעם, וואס איך
האב אויבן געזאגט, נעם איך אן חוץ דעם, אז דער היסטא-
ריקער האט פאר זיינע אויגן געוויסע באווייזן, בעת אין דער
ווירקלעכקייט איז ער זיך טועה און באציט זיך מיט צוטרוי
צו דעם אדער צו יענעם עדות און דהאנדלט דערביי לויט
דעם ווי עס דיקטירט אים זיין אייגן געפיל. די געשיכטע איז
נישט קיין וויסנשאפט, זי איז א קונסט, נאר די פאנטאזיע פון
געשיכטע-שרייבער דעצידירט וועגן דעם ווערט פון דער אנ-
געשריבענער געשיכטע

„דאָס איז גרויסאַרטיק, וואָס פאַראַ גרויסאַרטיק פאַרברעכן!" — האָט אַנומלט אויסגערופן זש. זש. ווייס אויף די שפּאַלטן פון אַ גרויסער טעגלעכער צייטונג. דער דאָזיקער אויסרוף האָט אַרויסגערופן אַ סקאַנדאַל צווישן די געוויינלעכע לעזער. איך קאָן אַ געוויסן חשובן ריכטער, אַן אָרנטלעכער אַלטיטשקער, וואָס האָט אויפצומאָרגנס צוריקגעגעבן דאָס בלאַט דעם צייטונגס-פאַרשפּרייטער. ער האָט אַבאָנירט די צייטונג אין משך פון העכער דרייסיק יאָר, און ער איז שוין געווען אין די יאָרן, ווען מ'האָט דווקא נישט ליב צו ענדערן זיינע געוווינהייטן. און פונדעסטוועגן האָט ער זיך אפילו אַ רגע נישט געוואַקלט אָפּברענגען א קרבן דער פּראָפעסיאָנעלער מאָראַל.

אויב איך האָב נישט קיין טעות, האָט עס דער ענין פון פואַלדעס*) אָנגערעגט דעם ה' ווייס צו אַזאַ איידעלער התפּעלות. איך וויל נישט באַליידיקן קיינעמס געפילן. איך וואָלט עס נישט געקאָנט. צו דעם דאַרף מען האָבן אַ סך קוראַזש, וואָס איך פאַרמאָג אָבער נישט. פונדעסטוועגן בין איך מודה, אַז דער מייסטער איז געווען גערעכט, און אַז דאָס איז באמת אַ פּראַכט-פול, גרויסאַרטיק פאַרברעכן.

---

*) פואַלדעס — א פראַנצויזישער ריכטער דערמאָרדעט ביי אומקלאָרע אומשטענדן אין יאָר 1817. זיין פּראָצעס האָט בשעתו געפונען א געוואַלטיקן אָפּקלאַנג אין דער פראַנצויזישער עפנטלעכער מיינונג.
(באַמ. פון. איבערזעצער).

באַרימטע פראַצעסן זענען פאַר יעדן פון אונז אַ שטאַרקע צוציונגס־קראַפט. מ׳קאָן בלי גוזמא זאָגן, אַז די וועלט־דיכטונג האָט איינגעזאַפּט אין זיך מינדעסטנס אַ העלפט פונעם בלוט, וואָס איז פאַרגאָסן געוואָרן אויף דר׳ערד אין אַלע צייטן. מאַקבעט און שאַפּאַר, מיטן צוזאַמען עמאַבאַל, זענען די אַבסאָלוטע הערשער פון דער סצענע. די ליבע צו פאַרברעכערישע לעגענדעס ליגט שוין אינעם מענטשנס בלוט. פרעגט אַדרבא די קליינע קינדער: זיי אַלע וועלן אייך זאָגן, אַז ווען דער בלוטבאָרדיקער וואָלט נישט געווען דערמאָרדעט זיינע ווייבער, וואָלט זיין געשיכטע געווען ווייניקער אינטערעסאַנט. דער מענטשלעכער גייסט ווייזט אַרויס אַ פאַרחידושטע נייגיריקייט לגבי אַ געהיימנישפולן מאָרד.

ער ווערט פאַרחידושט, וואָרים דאָס פאַרברעכן איז פאַר זיך אַליין אַן אויסטערליש, געהיימנישפול און מוראַדיק געשעעניש; ער איז פאַראינטערעסירט, וואָרים ער געפינט אין אַלע פאַרברעכנס יענע אורקוואַלן פון דער מענטשלעכער נשמה: דעם הונגער און די ליבע, פון וועלכע מיר אַלע ציען אונזער חיונה, אַלץ איינס, צי מיר זענען גוט אָדער שלעכט. דער פאַרברעכער קומט אונז פאָר, ווי ער וואָלט געקומען פון ערגעץ ווייט. ער ברענגט מיט זיך מיט אַ מוראַדיק בילד פון יענע צייטן, ווען די מענטשהייט האָט נאָך געלעבט אין וועלדער און היילן.

דער זשעני פון די פרימיטיווע פעלקער וואַכט אויף אין אים. אין אים שלומערן נאָך די אינסטינקטן, וואָס מ׳האָט געהאַלטן, אַז זיי זענען שוין פון לאַנג דערשטיקט געוואָרן; ס׳איז פאַראַן אין אים דורכגעטריבנקייט, וואָס איז לחלוטין אומבאַקאַנט אונזער חכמה. ער ווערט אויפגעברויזט פון באַגערן, וואָס דרימלען נאָך אין אונז, ער איז נאָך אַלץ חיה און פונדעסטוועגן מענטש. דערפון טאַקע נעמט זיך די אַנטציקונג און גלייכצייטיק די אויפרעגונג, וואָס ער וועקט אין אונז.

דער ספּעקטאַקל פון פאַרברעכן איז דראַמאַטיש און גלייכצייטיק פילאָזאָפיש. ער איז אויך מאָלעריש: ער פאַרפירט מיט

זיינע משונהדיקע פערזאנען־גרופירונגען, מיט מוראדיקע שאטנס, וואס שלייכן זיך איבער ווענט, בעת אלץ איז איינגעזונקען אין שלאף, מיט טראגישע שמאטעס, מיטן אויסדרוק פון פנים, וואס זיין סוד רייצט און רעגט אונז אויף.

א פארברעכן, וואס ווערט באגאנגען אויפן דארף, קריכט גאר נידריק איבער דער מאמע־ערד, און עס שפייזט זי מיט בלוט אין משך פון פיל הונדערטער יארן. אזא פארברעכן פארט זיך גערן צוזאמען מיט די שווארצע, פינצטערע כוחות פון דער נאכט, מיט דער פריינדלעכער שטילשווייגעניש פון דער לבנה, מיטן פחד, וואס איז צעשפרייט אין דער נאטור, און מיטן אומעט פון פעלדער און טייכן.

א הינטערשטאטיש פארברעכן, באהאלטן אין פינצטערן המון, רייצט די נערוון מיטן דעמפיקן ריח פון קרעטשמעס און בראנפן, מיטן ריח פון פוילקייט און אומדערהערטע שענ־דונגס־פאלן. דאס פארברעכן אין דער בעסערער געזעלשאפט — איך מיין דא די בירגערלעכע געזעלשאפט, ווו עס איז א גאנץ זעלטענע דערשיינונג, — טראגט די זעלבע קליידער, וואס מיר, עס רעדט ווי מיר, און דווקא אונטער דער דאזיקער צווייידייטיקער און וולגארער מאסקע באשעפטיקט עס צום שטארקסטן אונזער פאנטאזיע.

דאס פאלק האט צום שטארקסטן ליב דאס פארברעכן אין שווארצן פראק.

*   *

*

דער רייץ פון דער געהיימניש ווירקט צום שטארקסטן אויף די מענטשלעכע נשמות. ס'איז נישט פאראן קיין שיינקייט אן וואלן, און דאס אומבאקאנטע ציט אונז אלעמאל צום שטארקסטן

צו. די מענטשלעכע עקזיסטענץ וואָלט געווען נישט איבער־צוטראָגן, ווען מיר וואָלטן נישט געהאט קיין חלומות.

דאָס בעסטע אין לעבן איז דאָס, וואָס עס ברענגט אונז ארויף אויף א געדאנק פון עטוואָס, וואָס איז לגמרי נישט בנמצא אין לעבן. די ווירקלעכקייט קומט אונז צונוץ אויף אויס־צוארבעטן זיך כאָטש א שטיקל אידעאל. דאָס איז אפשר דער גרעסטער נוצן, וואָס מיר האָבן פון לעבן.

* *

*

„דאָס איז א צייכן פון דער צייט". — חזרט מען איבער ביי יעדער געלעגנהייט. עס איז אָבער אין דער אמתן זייער שווער אויסצוגעפינען די אמתע סמנים פון דער צייט. דערצו איז נויטיק צו קענען די איצטיקע און פארגאנגענע צייטן, ווי אויך צו האָבן אן אלגעמיינע פילאָזאָפישע וועלט־אָנשויונג, וואָס קיינער פון אונז פארמאָגט עס אָבער נישט.

נישט איין מאָל איז מיר שוין אויסגעקומען אויפצוכאפן גע־וויסע אומבאדייטנדע פאקטן, וואָס קומען פאָר אין מיינע אויגן, און צו אנטפלעקן אין זיי זייער ווירקלעכע פיזיאָנאָמיע, אין וועלכע איך האָב מיט צופרידנקייט דערקענט דעם גייסט פון דער היינטיקער צייט. „דאָס דאָזיקע, - האָב איך מיר גע־טראכט, — האָט באדארפט פאָרצוקומען ביים היינטיקן טאָג און ס'האָט נישט געקאָנט געשעען אמאָל. אָט־אָ דאָס איז דער אמתער צייכן פון אונזער צייט". און פונדעסטוועגן האָב איך אין נייען אויף צען פאלן געפונען דעם זעלבן פאקט, אין די זעלבע אנאלאָגישע אומשטענדן, אין אלטע מעמוארן אָדער אין אלטע כראָניקעס.

עס איז אין אונז פאראן א געוויסער אורמענטשלעכער עלעמענט, וואָס ענדערט זיך א סך ווייניקער, ווי מיר שטעלן

זיך עס פאר. אין תוך גענומען שיידן מיר זיך זייער ווייניק אונטער פון אונזערע עלטער-זיידעס. כדי אונזערע געשמאקן און געפילן זאָלן זיך ענדערן איז נויטיק, אז ס'זאל פאָרקומען אן ענדערונג אין די ארגאנען, וואס פּראדוציר̈ן די דאזיקע געפילן. דאס איז אן ארבעט אויף הונדערטער יארן. עס זענען נויטיק הונדערטער און טויזנטער יארן, כדי עס זאלן זיך ענדערן כאטש אייניקע אונזערע כאראַקטער-אייגנשאפטן.

* *

*

מיר שליסן שוין מער נישט איין אונזער גלויבן אין דין אַלטע דאָגמעס. פאַר אונז איז די תורה נישט געגעבן געוואָר־דוּוקא אויפן בארג סני, ווי עס שטייט געשריבן אין דער היי־ליקער שריפט. דער הימל פון די טעאָלאָגן קומט אונז פאָר ווי ער וואָלט געווען באוווינט פון אַ מחנה פוסטע געשפּענסטער מיר. ווייסן, אז דאָס לעבן איז קורץ, און כדי עס צו פאַר־לענגערן, טשעפּען מיר צו צו אים דעם זכר פון די צייטן, וואָס זענען שוין פאַרביי.

מיר גלויבן שוין נישט מער אין דער אומשטערבלעכקייט פון מענטשלעכן מין; אַלס אַ טרייסט נאָך אונזער פאַרשטאָר־בענעם גלויבן איז אונז פאַרבליבן דער חלום וועגן אַן אַנדער אומשטערבלעכקייט, אַן אומדערגרייכבאַרער, צעשטויבטער אומ־שטערבלעכקייט; איר טעם קאָן מען נאָך שפּירן, איידער מ'דער־גרייכט זי. זי איז איבריקנס באַשערט נאָר איינצלנע יחידים,— דאָס איז די אומשטערבלעכקייט פון דער נשמה אין דעם מענטשלעכן זכרון.

* *

*

מיר האָבן גאָרנישט, וואס צו טון אויף דער וועלט, חוץ בלויז זיך מיאש צו זיין. איידעלע מענטשן ווייסן אבער אנצורופן די רעזיגנאַציע מיטן שיינעם נאמען פון צופרידנקייט. גרויסע גייסטער זענען זיך מיאש מיט א הייליקער שמחה. געקוועלט פון ספקות, ארומגערינגלט פון דער אַלגעמיינער שלעכטסקייט, אונטער אַ פינצטערן הימל, ווייסן זיי, ווי צו פארבאַהאַלטן אומבאַרירט די אַנטיקע טוגנט פון די גלויבנדע. זיי גלויבן, זיי ווילן גלויבן.

די רחמנות צום מענטשלעכן מין וואַרעמט אין צינדט אן זייער הארץ. דאס איז נאך אבער ווייניק. זיי פאַרבאהאלטן אין פרומקייט יענע טוגנט, וואס די קריסטלעכע טעאלאגיע האט געשעצט העכער פון אַלע טוגנטן, וואָרים זיי אַלע זענען אפּהענגיק פון איר, און מ׳קאן זיי מיט איר פארטרעטן: דאס איז דער בטחון.

לאמיר האבן בטחון, אויב שוין נישט אין דער מענטשהייט, וואס נישט געקוקט אויף אירע געוואלטיקע אנשטרענגונגען איז זי פונדעסטוועגן נישט בכוח געווען אויסצוואַרצלען דאס שלעכטע פון דער וועלט, איז כאטש לכל־הדעות אין יענע פאר אונז אומבאגרייפלעכע באשעפענישן, וואס וועלן אמאל געבוירן ווערן פון מענטש, פונקט ווי דער מענטש איז געבוירן געוואָרן פון דער חיה. לאמיר אפּגעבן כבוד צו די דאזיקע צוקונפטיקע גאונים. לאמיר האבן בטחון אין דער דאזיקער

אוניווערסאלער שרעק, וואס איר מאטעריעל געזעץ איז דאס געזעץ פון אייביקער פארענדערונג. מיר פילן, ווי עס וואקסט אין אונז די דאזיקע פרוכטבארע שרעק; זי פירט אונז צו אן אומפארמיידלעכן און געשטעלטן ציל.

* *

*

אַלטע לייט האלטן צו פיל פון זייערע אידעען און איבערצייגונגען. דערמיט לאזט זיך פארענטפערן, פארוואס די ווילדע פון די פידזשי-אינזלען דערהרגענען זייערע עלטערן, בעת זיי קומען אויף דער עלטער. אויף אזא אופן פאר־לייכטערן זיי דעם פראגרעס, בערך מיר פארשפעטיקן אים, גרינדנדיק אקאדעמיעס:

* *

*

די יסורים פון די דיכטער וענען איינגעפאסט אין א גילדערנער ראם. מ'דארף זיי צופיל נישט באדויערן; די וואס זינגען, ווייסן ווי אזוי צו פארכשופן זייער פארצווייפלונג. ס'איז נישט פאראן נאך אזא כשוף, וואס זאל זיך קענען פארגלייכן מיטן כשוף פון וואָרט. די דיכטער, פונקט ווי קליינע קינדער טרייסטן זיך מיט בילדער.

* *

*

דער מאַן באַגערט אין דער ליבע די פאַרבן און די קאָליר; ער בענקט נאָך בילדערישקייט. די פרויען שטרעבן בלויז נאָך איינדריקן. זיי ליבן בעסער פאַר אונז, זיי זענען בלינד אין דער ליבע. און אויב אייך קומט אויפן זינען דער טראַפּן בוימאייל אין פסיכעס לאָמפּ, וועל איך אייך זאָגן, אַז פסיכע איז לגמרי נישט קיין פרוי, פסיכע — דאָס איז די נשמה. און דאָס איז נישט איינס און דאָס זעלבע. פּינקט פאַרקערט.

פסיכע איז געווען נייגיריק צו זעען, און די פרויען זענען דורכגעדרונגען מיט איין נייגיריקייט: זיי ווילן פילן. פסיכע האָט געזוכט דאָס אומבאַקאַנטע. אויב די פרויען זוכן עפּעס, זוכן זיי אַלנפאַלס נישט דאָס אומבאַקאַנטע. זיי ווילן געפינען, נישט מער, פשוט געפינען דעם תוך פון זייערע חלומות אָדער זכרונות, דעם באַקעטן איינדרוק. ווען זיי וואָלט געהאַט אויגן צום זעען, אויף וואָס פאַרא אופן וואָלט מען דעמאָלט געקאָנט אויסטייטשן זייערע ליגנס?

* * *

צו עדוארד ראד

## וועגן פרויען־קלויסטערס.

עס איז באמת אַ ווייטאָק צו זעען, ווי אַ יונג מיידל זאָגט זיך אָפּ מיטן גוטן ווילן פון דער וועלט. דער קלויס־טער וואַרפט אָן אַ פּחד אויף די אַלע, וואָס טרעטן נישט אַריין אין אים. אינמיטן פערטן יאָרהונדערט נאָך קריסטוסנס געבורט, האָט אַ יונגע רוימערין מיטן נאָמען בלעסיללאַ, געפאַסט אין אַ מאָנאַסטיר אַזוי פיל תעניתים, אַז זי איז אינגיכן געשטאָרבן. דער אויפגערעגטער המון האָט באַגלייט איר ארון מיט ווילדע אויסגעשרייען: „לאָמיר ארויסטרייבן פון שטאָט די פאַרשאָלטענע מאָנאַכן! פאַרוואָס פאַרשטיינט מען זיי נישט? פאַרוואָס וואַרפט מען זיי נישט אין טייך אַריין?"

און בעת שאַטאָבריאַן האָט מיט פערצן הונדערט יאָר שפּעטער מיט אַזאַ התפּעלות זיך אויסגעדריקט וועגן די יונג־פרויען, וואָס „האָבן מקריב געוועזן זייער שיינקייט אויפן מזבח פון דער חרטה און געפּייניקט זייער קערפּער, וואָס זיינע תענוגים זענען אין דער אמתן יסורים" — האָט דער גלח מאָרעלע, אַן אַלטער פילאָזאָף זיך צוגעהערט מיט אומגעדולד צו די שבחים פון קלויסטער־לעבן און אויסגערופן: „אויב דאָס דאָזיקע איז נישט קיין פאַנאַטיזם, פאָדער איך אויף דעם מחבר, ער זאָל מיר אויפקלערן די דעפיניציע דערפון!"

וואָס-זשע לערנען אונז די דאָזיקע אומאויפהערלעכע מחלוקתן, אויב נישט דאָס, אַז די נאַטור שרעקט זיך פאַרן קלויסטער-לעבן און גלייכצייטיק האָט אָבער דאָס דאָזיקע לעבן אַן עקזיסטענץ-באַרעכטיקונג? דאָס פאָלק און די פילאָזאָפן ווילן דאָס נישט אַלעמאָל פאַרשטיין. דאָס זענען אָבער טיפע אמתן, וואָס גרענעצן מיט די גרעסטע מיסטעריען פון דער נאַטור.

דער קלויסטער איז גענומען געוואָרן מיט שטורעם און איז צעשטערט געוואָרן. זיינע פוסטע חורבות האָבן זיך ווי-דער פאַרפולט מיט מאָנאַכן. ס'זענען פאַראַן מענטשן, וואָס טרעטן אַריין אין קלויסטער, געשטויסן פון אינערלעכן דראַנג; דאָס זענען קלויסטערלעכע נשמות. פרעמד זענען זיי די מענטשן, זיי פאַרלאָזן דעריבער די וועלט און גיבן זיך איבער מיט פרייד דער שטילקייט און רויקייט.

אַ כך נשמות קומען אויף דער וועלט מידע; קיין שום זאַך אויף דער וועלט ציט נישט צו זייער אויפמערקזאַמקייט. זיי פירן אַ לאַנגווייליק לעבן, אָן שום באַגערן. מחמת דעם, וואָס זיי קאָנען נישט לעבן, ווי אויך נישט שטאַרבן, כאַפּן זיי זיך אָן אינם רעליגיעזן לעבן, וואָס הייסט באמת נישט גע-לעבט און נישט געשטאָרבן.

אַנדערע זענען געקומען צום קלויסטער מיט זייטיקע וועגן. זיי האָבן זיך נישט געריכט, אַז זייער וועג זאָל זיך ענדיקן אויף אַזאַ אופן. פאַרוואונדעטע אומשולד, פריצייטיקע אַנטוישונגען, געהיימנישפולער האַרציקער אומעט — האָבן זיי פאַרמיאוסט די וועלט. זייער לעבן וועט שוין נישט צייטיק ווערן; די קעלט האָט אָפּגעטויט אין זיי די בלום. זיי האָבן צו פרי דערפילט די שלעכטסקייט פון דער וועלט. זיי באַהאַלטן זיך פאַר דער וועלט, כדי אין דער שטיל אויסצוווייגען זייער צער. זיי ווילן, מ'זאָל זיי פאַרגעסן... אָדער אפשר האָבן זיי ליב זייערע יסורים, און זיי ווילן נישט אַז די מענטשן זאָלן האָבן צו זיי אַ צוטריט.

עס זענען ענדלעך אויך פאַראַן אַזעלכע נשמות, וואָס

צום קלויסטער ציט זיי אַן אינערלעכע מסירת-נפש; די דאָ-ויקע נשמות ווילן זיך אָפּגעבן אינגאַנצן, נאָך פיל מער און שטאַרקער, ווי אין דער ליבע. די לעצטע, ווינציק אין דער צאָל, זענען די אמתע כלות פון ישו הנוצרי.

די קירך שפּאָרט זיי נישט קיין זיסע נעמען. ווי ליליע, רויז, טייבעלע און שעפּסעלע: זי זאָגט זיי צו, דורכן מויל פון דער הייליקער יונגפרוי, די שטערנדיקע קרוין און דעם טראָן פון רוחניותדיקער ריינקייט. לאָמיר זיך אָבער היטן פון נאָכזאָגן זיי צופיל שבח.

אין די אַמאָליקע צייטן, בעת דער גלויבן איז נאָך ג'זווען געגוג שטאַרק, האָט מען זיך גאָרנישט אַזוי שטאַרק איבערגע-נומען מיט די מיסטישע מעשים טובים פון די נזירות. איך רעד שוין נישט וועגן פּשוטן פאָלק, וואָס פלעגט זיך אַלעמאָל באַציִען צו זיי מיט גרויס חשד און דערציילן וועגן זיי פאַר-שידענע פרייליכע מעשהלעך. איך מיין די וועלטלעכע גייסט-לעכקייט, וואָס האָט אויך געהאַט וועגן דעם אַ פאַרשידנאַרטיקע מיינונג. לאָמיר נישט פאַרגעסן, אַז די קלויסטער-פּאָעזיע עק-זיסטירט ערשט פון די צייטן פון שאַטאָבריאַן און מאָנטאַ-לאַמבער.

מ'דאַרף אויך נעמען אין באַטראַכט, אַז די קלויסטער-אָרדנס שיידן זיך שטאַרק אונטער סיי לויט דער צייט, סיי לויטן לאַנד, און מ'קאָן נישט וועגן זיי אורטיילן פון איין שטאַנדפּונקט. דער קלויסטער איז געווען אַ לאַנגע צייט אויפן מערב אַ פאַרמע, אַ שולע, אַ שפּיטאָל און אַ ביבליאָטעק. ס'זענען געווען קלויסטערס, וואָס האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט וויסנשאַפט-לעכע אַרבעטן, בעת אַנדערע האָבן פאַרשפּרייט עם-הארצות. ס'זענען געווען קלויסטערס, ווו ארבעט איז געווען אַן אידעאַל, און קלויסטערס, ווו מ'האט געהאדעוועט פוילקייט און ליידיק-גייערײַ.

מיט עטלעכע יאר צוריק האב איך באזוכט דעם קלויס-טער, וואס איז אינמיטן צוועלפטן יארהונדערט געגרינדעט גע-ווארן דורך דער הייליקער אָדיל, אַ טאכטער פון עלזאַסער

פירשט, און וואס זיין זכר לעבט נאך ביים היינטיקן טאָג אין האָרץ פון עלזאַסער פאָלק. די יונגע דרייסטע פירשטין האט געזוכט און געפונען די מיטלען, ווי צו פאַרמילדערן די שרעקלעכע נויט, אין וועלכער עס האבן דעמאלט געלעבט די אָרעמע פון פאָלק. מיט דער הילף פון אירע געניטע מיטאַרבעטערינס און אַ גרויסער צאָל דינערינס האט זי אויסגערייניקט און קולטיווירט דעם ארומיקן באָדן. זי האט געהאָדעוועט בהמות, און באַהאַלטן די תבואה פאַר די רויב-אַנפאַלן פון גזלנים. זי איז געווען פאָראויסזעעוודיק פאַר די נישט פאָראויסזעעוודיקע.

זי האָט אפּגעהאַלטן די פויערן פון שכרות, היצקעפּ האט זי אויסגעלערנט צו האלטן אין אַ צוים די ליידנשאפטן, און אלע — לעבן און באַלעבאַטעווען עקאָנאָמיש. צי קאָן מען געפינען כאטש די מינדעסטע ענלעכקייט צווישן יענע קרעפּטיקע און ריינע בתולות פון די בארבארישע צייטן און די מאנאַכינס פון לואי דעם פערצנטנס צייטן, וואס האבן זיך געמאַכט פעפערלעך אויפן פנים, בעת זיי זענען געגאַנגען צו דער מעסע און איבערגעלאָזט דעם ריח פון מאַרשאַל-פּאַרפומען אויף די ליפּן פון די גלחים, וואָס האָבן געקושט זייערע פינגער?

און אפילו אין יענע שרעקלעך-אויסגעלאַסענע צייטן, בעת דער אַדל האָט געהאַלטן פאַרשפּאַרט די צעבונטעוועטע טעכטער אין די קלויסטערס, האָט מען נאָך אויך אונטער די קראַטעס פון קלויסטערס געקענט באַגעגענען פרומע, גאָטספאָרכטיקע נשמות. איך בין צופעליק דערגאַנגען דעם סוד פון איינער אַזאַ נשמה. הלוואי זאָל זי מיר מוחל זיין!

דאָס איז געשען פאַראַיאָרן ביי לעגובען, אַ בוכהענדלער אויפן מאַלאַקע-בולוואַר. כ׳האָב ביי אים געפונען אַ ווידוי-ביכל צום געברויך פון נזירות. אויפן שער-בלאַט איז מיט אַ שיינער האַנטשריפט געווען אויסגעכתיבעט אַן אויפשריפט, פון וועלכער איך בין געוווירגעוואָרן, אַז אין יאָר 1779 האָט

דאָס בוך געהערט צו דער שוועסטער אַננע, אַ מאָנאַכין אין אָרדן פון הייליקן בערנאַרד.

דאָס בוך איז געווען ארויסגעגעבן אין דער פראנצויזישער שפּראַך און אויסגעצייכנט זיך דערמיט, וואָס יעדער חטא איז געווען אָפּגעדרוקט אויף אַ קליין בלעטל, צוגעטשעפּעט צום בוך מיט איין ברעג. אויב די נזירה האָט געוואָלט מאַכן אַ חשבון-הנפש, האָט זי נישט באַדאַרפט נישט קיין פּעדער, נישט קיין בליישטיפט כּדי צו פאַרצייכענען אירע לייכטע אָדער שווערע זינד. ס'איז גענוג געווען צו פאַרבייגן דעם ברעג פון בלעטל, ווו ס'איז געווען אָפּגעדרוקט דער חטא, וועלכן זי איז באַגאַנגען. מיט דער הילף פונם דאָזיקן בוך האָט די שוועסטער אַננע קיינמאָל נישט געקאָנט פאַרגעסן אירע חטאים, וואָס זי איז באַגאַנגען קעגן גאָט און קעגן דער קירך.

בעת איך האָב געפונען דאָס קליינע בוך ביי מיין פריינד לעגובען, האָב איך באמערקט, אז געוויסע זינד זענען דאָרט געווען פאַרצייכנט דורך איין איינציקן קנייטש. דאָס זענען געווען די אויסערגעוויינלעכע זינד פון דער שוועסטער אַננע, אַנדערע זענען געווען פארבויגן אַ סך מאָל, און די ברעגן פון די זייטלעך זענען געווען איינגאַנצן אויסגעריבן. דאָס זענען געווען די קליינע זינד פון דער שוועסטער אַננע.

צי קאָן מען וועגן דעם זיין מסופּק? פון יאָר 1790, בעת די מאָנאַכינס זענען ארויסגעטריבן געוואָרן פון לאַנד, האָט דאָס בוך צו קיינעם מער נישט געהערט. דאָס בוך איז נאָך געווען איבערגעפּולט מיט פרומע בילדלעך און תּפילות, וואָס די ריינע בתולה האָט אריינגעלייגט צווישן די זייטלעך.

אויף אַזאַ אופן איז מיר אַנטפּלעקט געוואָרן די נשמה פון דער שוועסטער אַננע. איך האָב דאָרט געפונען בלויז אומשולדיקע חטאימלעך, און איך בין פעסט איבערצייגט, אַז די שוועסטער אַננע זיצט ביים היינטיקן טאָג ביי דער רעכטער זייט פון אויבערשטן. קיינמאָל האָט נאָך אַ ריינער הארץ נישט געשלאָגן אונטערן ווייסן קלייד פון די בערנאַרדין-שוועסטערס.

איך שטעל מיר פאָר די דאָזיקע הייליקע יונגפרוי מיט

אַ קלאָרן בליק, עטװאָס אַ דיקלעכע, בעת זי שפּאַצירט מיט פּאַמעלעכע טריט צװישן די קרױט-בײטן אין קלױסטער-גאָרטן, און פאַרצײכנט רױיק מיט איר װײסן פינגער אירע אומבאַדײטנדע חטאים, װאָס זענען אַזױ אײנטאָניק, װי איר לעבן: פּוסטע רײד, צעטראָגנקײט בעת די תּפלות, לײכטע אומגעהאָרכזאַמקײטן און אַ צו שטאַרקע כּװנה בײם עסן. דער לעצטער פּרט רירט מיך ממש ביז צו טרערן. די שװעסטער אַנגע פלעגט מיט אַ באַזונדערער תּאװה עסן װאָרצלען, פאַרקאָכט אין װאַסער. זי איז קײנמאָל נישט באַהערשט געװאָרן פון טרױער, זי האָט קײנמאָל נישט געצװײפלט אין גאָטס חסד. אין איר װידױ-ביכל האָבן די דאָזיקע חטאים נישט קײן פאַרבױגענע ברעגן. זי האָט געהאַט דאָס האַרץ פון אַ מאָנאַכין. איר גורל איז געװען צוגעפּאַסט צו איר נאַטור. אָט-אָ דאָס איז דער סוד פון דער שװעסטער אַנגאַס חכמה.

איך װײס נישט, איך גלױב אָבער, אַז ס'איז פאַראַן בײם הײנטיקן טאָג אין די פּרױען-קלױסטערס אַ סך אַזעלכע שװעסטערס װי אַנגע. כ'װאָלט געקאָנט אַ סך זאַכן װאַרװאַרפן די מאָנאַכן; כ'װעל אפשר באַלד צוגעבן, אַז כ'האָב זײ נישט ליב. װאָס שײך אָבער די מאָנאַכינס, גלױב איך אַז די גרעסטע צאָל פון זײ פּונקט, װי די שװעסטער אַנגע, האָבן אַ רײנע, אומשולדיקע נשמה.

צו װאָס װאָלטן זײ באַדאַרפט אַרײַנצוטרעטן אין קלױסטער? בײם הײנטיקן טאָג צװינגט זײ שױן מער נישט דערצו די גאװה און די קאָרגשאַפט פון זײער פאַמיליע. זײ טוען אָן דעם קלױסטער-װעלאָן, װײל אַזאַ איז זײער װילן. זײ װאָלטן פאַרלאָזט דעם קלױסטער, אױב זײ װאָלטן געהאַט דערצו חשק און פונדעסטװעגן זעט איר, אַז זײ פאַרבלײַבן אין קלױסטער. די פילאָזאָפירנדיקע דראַגאָנען, װאָס האָבן בעת דער פראַנצױזישער רעװאָלוציע געשטורעמט די קראַטן פון די װאָדעװילן, האָבן שנעל גערופן צו הילף די נאַטור און חתונה געהאַט מיט די נזירות. די נאַטור איז אָבער אַ סך ברײטער, װי עס טראַכטן די פילאָזאָפירנדע דראַגאָנען; און איר ריזיקער שױס

קומען זיך צונויף די תאווה פון די חושים און דער שטרענגסטער אַסקעטיזם.

וואָס שייך ווידער דעם קלויסטער, דאַרף די דאָזיקע חיה זיין אַ ליבלעכע, אויב מ׳האָט זי ליב און אויב זי שלינגט איין אירע קרבנות מיט זייער אייגענעם, גוטן ווילן. דער קלויסטער האָט אַ געוויסן רייץ. די קירך מיט אירע געגילדעטע כלים און פאַפירענע רויזן, די הייליקע יונגפרוי, געמאָלט אין נאַטירלעכע קאָלירן, באַלויכטן פון אַ בלאַס, געהיימנישפול ליכט, ווי דער שיין פון דער לבנה, די געזאַנגען, דער ווייררויך און די שטים פון פריסטער — דערין שטעקט די צוציונגס־קראַפט פון קלויסטער. טיילמאָל באַקומט דער קלויסטער די איבערמאַכט איבער די תענוגים פון דער וועלט.

דאָס לעבן אין קלויסטער האָט זיין באַזונדערע נשמה און פאַרמאָגט אָן א שיער פּאָעזיע, וואָס איז צוגענגלעך בלויז פאַר געוויסער נאַטורן. אַ פרוי, וואָס האָט ליב צו זיצן אויף איין אָרט, באַשאַפן אויף צו פירן אַ רויקן לעבן, אַ הכנעהדיקע, אַ נחבאת לכלים, פילט זיך זייער גוט אין קלויסטער. די אַטמאָספער איז דאָרט אַן אָנגעיוארעמטע, אַביסל אַ דעמפּיקע; די פרומע בתולות שעפן פון איר די תענוגים פון אַ לאַנגזאַמער דערשטיקונג. מ׳פילט זיך דאָרט, ווי אין שלאָף. מ׳פאַרלירט די קראַפט צו דענקען. דאָס איז אַ גרויסע פאַרלייכטערונג. דערפאַר באַקומט מען אַ זיכערקייט. צי איז דאָס נישט אַ גלענצנד געשעפט פון שטאַנדפונקט פון פּראַקטישן לעבן?

איך האַלט זייער ווייניק פון די צונעמען, ווי די מיסטישע כלה פון קריסטוסן, די אויסדערוויילטע כלי, דאָס לויטערע טייבעלע. ביים היינטיקן טאָג איז נישט פאַראַן מער אין די קלויסטערס קיין מיסטישע עקזאַלטאַציע. מ׳שפּינט דאָרט לאַנגזאַם דעם פאָדים פון מעשים־טובים. אַלץ איז דאָ געוויינלעך און ערדיש, אַפילו די אויפפאַסונג פון דער גאָטהייט. מ׳פליט שוין נישט מער צום הימל. דער ספּיריטואַליזם מאַטעריאַליזירט זיך אין זיין חכמה, ווי ווייט ער קאָן, און ער קאָן אַ סך מער ווי מ׳שטעלט זיך עס אין אַלגעמיין פאָר. דער זין פון לעבן

איז דאָ צעטיילט געוואָרן אויף אַ ריי קליינטשיקע עניני־מלך, און זייער געגויע אויספירונג פאַרנעמט די גאַנצע צייט.

קיין שום זאַך איז נישט אימשטאַנד אויפצוטרייסלען זייער רויק לעבן. די פליכטן זענען דאָ גאַנץ פשוטע, אין דער ראָם פון כּללים. אַזאַ אַטמאָספער שטעלט צופרידן איבערגעשראָקענע, שטילע און געהאַרכזאַמע נשמות. אַזאַ לעבן טויט אָפּ די פאַנטאַזיע, אָבער נישט די חדוה פון האַרצן. מ'באַגעגנט דעריבער גאַנץ זעלטן דעם אויסדרוק פון טיפן אומעט אויפן געזיכט פון אַ מאָנאַכין.

אין איצטיקן מאָמענט וואָלט מען בחנם געזוכט אין די פראַנצויזישע קלויסטערס אַ צווייטע ווירגיניע דע לעיוואַ, אָדער אַ דזשוליאַ קאַראַטשיאָלאָ, נשמות צעבונטעוועטע, וואָס האָבן ווי פאַרשכורטע איינגעאָטעמט אין זיך דורך די קלויסטער־קראַטעס, דעם ריח פון דער נאַטור און פון דער אויסערלעכער וועלט. מ'וועט שוין מער נישט באַגעגענען אין די קלויסטערס אַ צווייטע הייליקע טערעסע, אָדער אַ הייליקע קאַטערינע פון סיען.

די העראָישע עפּאָכע פון די קלויסטערס איז שוין לאַנג פאַרביי, דאָס מיסטישע פייער איז אויסגעלאָשן. די סבות וואָס האָבן אַמאָל געצוווּנגען אַזוי פיל פרויען און מענער אריינצוטרעטן אין קלויסטער אריין, זענען שוין היינט לגמרי נישט בנמצא.

אין יענע אכזריותדיקע צייטן בעת דער מענטש איז קיינמאָל נישט געווען זיכער מיט די פּרוכטן פון זיין אַרבעט, און פון שלאָף פלעגן אים אומאויפהערלעך וועקן טויט־אויסגעשרייען ביים שיין פון שרפות, בעת דאָס לעבן איז געווען אַ קאָשמאַר — זענען די גאָר שטילע נשמות אַוועק חלומען וועגן הימל אין די קלויסטערס, וואָס האָבן ווי ריזיקע שיפן זיך געטראָגן איבער די אויפגעברויזטע כוואַליעס פון נויט און פון שנאה.

יענע צייטן זענען שוין לאַנג פאַרביי. דאָס לעבן אויף דער וועלט איז געוואָרן דערטרעגלעכער. דער מענטש האָט היינט שוין מער חשק צום לעבן. אָבער די, וואָס אין זייערע

אויגן איז עס נאָך אַלץ אכזריותדיק און נישט גענוג זיכער זענען אויף אזוי פיל פריי, אז זיי קענען זיך צוריקציען פון לעבן די ערשטע קאָנסטיטוירנדע פארזאמלונג נאָך דער פראנ־צויזישער רעוואלוציע איז באגאנגען א פעלער דערמיט, וואס זי האט פאראורטיילט די דאזיקע פרייהייט. און מיר זענען געווען גערעכט, בעת מיר האָבן זי דערלאזט אין פרינציפ.

איך האב דעם כבוד צו זיין באקאנט מיט דער פירערין פון א קלויסטער, וואס זיין צענטראלע געפינט זיך אין פאריז. דאס איז אן ארנטלעכע פרוי, וואס וועקט אין מיר אן אויפריכטיקן רעספעקט. זי האט מיר איבערגעגעבן וועגן די לעצטע רגעס פון איינער פון אירע מאנאכינס, וואס איך האב זי אמאל גע־קענט פאר אן אייביק לאכנדיקע און שיינע; לעצטנס איז זי אוועק אין קלויסטער אריין, כדי צו שטארבן דארט פון שווינדזוכט.

— זי איז געשטאָרבן ווי אַ הייליקע, — האָט זי צו מיר געזאָגט, — אין משך פון איר לאַנגדויערנדיקער קראַנקהייט פלעגט זי זיך יעדן טאָג אויפהויבן פון בעט, און צוויי יונגערע שוועסטערס פלעגן זי איבערטראָגן אין דער באַזיליקע. זי האָט דאָרט מתפלל געווען גאָך אינם טאָג פון איר אויסלייזונג. אַן אָנגעצונדן ליכט פאַרן בילד פון הייליקן יוסף האָט געטריפט אויפן דיל. זי האָט באַפוילן איינער פון די שוועסטערס אויס־צוגלייכן דאָס ליכט. דערנאָך האָט זי אַ טיפן זיפץ געטון, זי איז אַנידערגעפאַלן אויף די פלייצעס און האָט אָנגעהויבן צו גוססן. מ׳האָט אָנגעהויבן מיט איר צו זאגן ווידוי. זי איז קוים מיט די אויגן אימשטאַנד געווען אויסצודריקן די פרומע כוונה, מיט וועלכער זי האט אויפגענומען די הייליקע סאַקראַמענטן.

די דאזיקע קליינע דערציילונג איז מיר איבערגעגעבן גע־ווארן מיט אַ ווונדערבארער פשטות. דער טויט — דאס איז דאס וויכטיקסטע געשעעניש אין לעבן פון אַ מאנאכין. מ׳גרייט זיך אבער צו דעם צו אזוי לאנג, אז אין דער רגע פון טויט בלייבט גארנישט איבער צו טון. מ׳גלייכט אויס אַ ליכט, וואס טריפט אראפ אויפן דיל און מ׳הויכט אויס די נשמה. מ׳דארף באמת נישט מער, כדי האבן אויסגעפירט אלץ מיט די קלענסטע פרטים.

## אַ שמועס וועגן דער אָפּשטאַמונג פון אַלף־בית, וואָס איך האָב די נאַכט געפירט מיט אַ געוויסן שאָטן.

אין דער שטילקייט פון דער נאַכט האָב איך געשריבן, געשריבן זינט אַ לענגערער צייט. דער אַבאַזשור אויפן לאָמפּ האָט געוואָרפן אַ שיין אויף מיין שרייב־טיש, און איבערגעלאָזט אין שאָטן — שורות ביכער, אויסגעשטעלט אויף פּאָליצעס אויף אַלע פיר ווענט פון מיין אַרבעטס־קאַבינעט. אין אַש פון קאַמין האָבן נאָך געטליעט די לעצטע רובין־פונקען פון פייער. אַ געדיכטער, שטעכעדיקער רויך פון טיטון האָט זיך געטראָגן אין דער לופטן; פונם אש אינם אַש־בעכער האָט זיך געשלענגלט אין דער הויך אַ דינער, בלויער רויך פון לעצטן פּאַפּיראָס. און די פינצטערנישן, וואָס האָבן געהערשט אין צימער האָבן געהאַט אין זיך עטוואָס סודותדיקס, וואָרים מ'האָט גישט קלאָר געפילט אין זיי די נשמה פון די איינגעשלאָפענע ביכער.

מיין פעדער האָט זיך מיר יעדע רגע אַרויסגעגליטשט פון די פינגער און כ'האָב געטראַכט פון גאָר פאַרצייטיקע זאַכן, בעת מיטאַמאָל איז פון די שלענגלענדיקע רויך־קיילעכלעך פון מיין פּאַפּיראָס, ווי פונם קטורת פון אַ כישוף־גראָז, אַרויס אַ משונהדיקער, אויסטערלישער פאַרשוין: זיינע געקרייזלטע האָר, זיינע לענגלעכע, פונקלענדיקע אויגן, זיין קרומע, הויקערדיקע

נאָז, זײנע גראָבע ליפּן, די שוואַרצע באָרד, פּאַרקעמט אױפֿן אַסירישן שטײגער, זײנע געזיכטס־שטריכן פֿון בראָנז־קאָליר, דער אױסדרוק פֿון דורכגעטריבנקײט און אכזריותדיקער תאווה אױסגעקריצט אױף זײן פּנים, זײן גידריקע, פּעסטגעבױטע פֿיגור און רײכע קלײדער, — דאָס אַלץ האָט עדות געזאָגט, אַז ער איז אַן אזיאַט, װאָס די גריכן האָבן זײ גערופֿן מיטן נאָמען: באַרבאַרן.

אױפֿן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ בלױ מיצל, אין דער געשטאַלט פֿון אַ קאָפּ פֿון אַ פֿיש, באַזײט מיט שטערן. ער האָט געטראָגן קלײדער פֿון פּורפּור־שטאָף, אױסגעהאָפּטן מיט פֿיגורן פֿון פֿאַרשידענע חיות; אין אײן האַנט האָט ער געהאַלטן אַ רודער, און אין דער אַנדערער — טאָװלען.

זײן דערשײנונג האָט מיך לגמרי נישט צעמישט. עס איז אַ גאַנץ נאַטירלעכע זאַך, אַז שאָטנס זאָלן זיך באַװײזן אין ביבליאָטעק. װוּ־זשע דען זאָלן זיך באַװײזן די שאָטנס פֿון די געשטאָרבענע, אױב נישט צװישן די צײכנס, װוּ ס׳איז פֿאַרבאַהאַלטן דער אָנדענק װעגן זײ. כ׳האָב אײנגעלאַדן דעם פֿרעמדן זיך אַװעקצוזעצן. ער האָט אָבער נישט אָנגענומען מײן אײנלאַדונג.

— לאָזט געמאַך, כ׳בעט אײך, — האָט ער געזאָגט צו מיר, — און טוט װײטער אײער אַרבעט, װי כ׳װאָלט דאָ אין גאַנצן נישט געװען. כ׳בין געקומען זען, װאָס שרײבט איר עס אױעלכעס אױפֿן דאָזיקן שלעכטן פּאַפּיר? דאָס פֿאַרשאַפֿט מיר הנאה; אסור, אױב מיך אַרן עפּעס די געדאַנקען, װאָס איר זענט אימשטאַנד אױסצודריקן. דערפֿאַר אינטערעסירט מיך שױן זײער שטאַרק אײער כּתב. נישט געקוקט אױף די שנים, װאָס דער אלף־בית האָט דורכגעמאַכט אין משך פֿון אַכט און צװאַנציק יאָרהונדערטער, זענען פֿונדעסטװעגן די אותיות, װאָס גײען אַרױס פֿון אונטער אײער פֿעדער, נישט אינגאַנצן פֿרעמד מײן אױג.

איך דערקען דעם אות B, װאָס מ׳האָט אין מײנע צײטן גערופֿן בית, װאָס באַדײט אַ הױז. אָט איז דער אות

L, וואָס מיר האָבן גערופן ל מ ד, מחמת דעם, וואָס עס איז אין דער פאָרם פון אַ שפּיציקן ש־צקן. דער אות G שטאַמט פון אונזער ג מ ל, וואָס שטעלט פאָר מיט זיך דעם האַלז פון אַ קעמל, און דער אות A קומט ארויס פון אונזער א ל ף, וואָס איז געווען דער קאָפּ פון אן אָקס. וואָס שייך דעם אות D וואָס איך זע אָט דאָ, וואָלט ער פונקט אַזוי ווי דער ד ל ת, פון וואַנען זיין יחוס ציט זיך, פאָרגעשטעלט מיט זיך, דעם דרייקאַנטיקן אריינגאַנג פון אַ געצעלט, אויסגעשפּרייט אין דעם זאַמדיקן מדבר, ווען איר וואָלט נישט געהאַט פארקיילעכיקט די קאנטורן פון דאָזיקן צייכן, וואָס איז געווען דער סימבאל פון אַ פארצייטיק וואַנדערער-לעבן. איר האט געענדערט די פאָרם פון ד ל ת פונקט, ווי אלע אַנדערע אותיות פון מיין אלפאַבעט.

איך מאַך אייך אָבער נישט צוליב דעם קיין פארווורפן, איר האָט זיך מסתמא שטאַרק געאײַלט. די צייט איז טייער. צייט — דאס איז גאלד, זאמד, העלפאַנט-ביין און שטרויספעדערן. דאָס לעבן איז קורץ. מ'טאר נישט פארלירן קיין איין רגע, און נאר האַנדלען און וואנדלען, כדי אנצוזאַמלען גרויסע רייכטימער און האבן אַ גליקלעכע, רעספּעקטפולע עלטער.

— מיין הער, — האב איך מיך אנגערופן, — לויט אייער אויסזעען און רייד, דערקען איך אין אייך אַ פארצייטיקן פעניציאַנער.

ער האט מיר פראסט פשוט געענטפערט:

— איך בין קדמות, דער שאטן פון קדמות.

— אויף אזא אופן, — האב איך געזאגט, — עקזיסטירט איר נישט אין דער אמתן. איר זענט אַ מיטישע און אלעגארישע געשטאלט. ווארים ס'איז אוממעגלעך צו גלויבן אין אלץ, וואס די גריכן האבן וועגן אייך פארציילט. זיי פארציילן, אַז איר זאלט האבן אומגעבראכט ביים ארעזיאַנישן קוואַל, אַ דראַקאָן, וואס האט געשפּיגן מיט פלאַמען. איר זאלט אויך האבן אויסגעריסן ביים פאַרזעעניש די ציינער, זיי פארפלאנצט אין

דר׳ערד, פון וואנען זיי זענען דערנאך אויסגעוואקסן אין דער געשטאַלט פון מענטשן. דאס זענען מעשהלעך, און איר אליין, מיין הער, זענט אַ לעגענדאַרישע געשטאַלט.

— ס׳איז גאַנץ מעגלעך, אַז אין משך פון אַ סך יארן בין איך געוואָרן אַ לעגענדארישע געשטאַלט, און כ׳גלויב, אַז די גרויסע קינדער, וואס איר רופט זיי גריכן, האבן פון מיר געמאכט א לעגענדארע געשטאלט, מיך הייבט עס אבער גארנישט אן צו אַרן. כ׳האב מיך קיינמאל נישט אפגעשטעלט דערויף, וואס מען וועט טראכטן וועגן מיר נאך מיין טויט. מיינע שרעקן און האפנונגען זענען קיינמאל נישט ארויס מחוץ פון לעבן, וואס מ׳פארבראכט אויף דער וועלט, און דאס ערדישע לעבן איז אויך דאס איינציקע, וואס איך אנערקען ביים היינטיקן טאג.

ווארים דאס איז לחלוטין נישט קיין לעבן, ארומצופלאַטערן, ווי א פוסטער שאטן אינם שטויב פון ביבליאטעקן און צו באווייזן זיך צום ה׳ ערנסט רענאן אדער צו ה׳ פיליפ בערזשער. און דאָס דאָזיקע לעבן פון אַ שאָטן קומט מיר פאַר נאָך טרויעריקער, אויב מ׳וועט נעמען אין באַטראַכט, אַז אויף דער ערד האָב איך געפירט אַן אַקטיוו לעבן, אויסגעפילט מיט גאָר וויכטיקע ענינים. כ׳האָב מיך קיינמאָל נישט פאַרוויילט מיטן פאַרפלאַנצן די ציין פון אַ דראַקאָן אין די בעאָטישע פעלדער; כ׳מיין, אַז די פאַסטוכער פון ציטעראָן האָבן אויס שנאה און קנאה צו מיין עשירות און גבורה, אויסגעטראַכט אויף מיר אַזעלכע מעשהלעך.

מיין גאַנץ לעבן האָב איך געדרייזט איבער ימען. אין מיין שוואַרצער שיף, וואָס אויף איר שנאָבל איז געווען אויסגעמאָלט א רויטער, העסלעכער קאַרליק, דער שומר פון מיינע אוצרות, האָב איך, אַכטונג געבנדיק אויף די זיבן קאַבירן *),

---

*) געהיימנישפולע געטער, וואָס האָבן געהערשט איבער דער נאַטור. דער גלויבן אין די קאַבירן איז איבערגענומען געוואָרן דורך די גריכן פון די מזרח־פעלקער. (באַמ. פ. איבערזעצער).

וואָס שווימען איבערן הימל אין זייער לויכטנדיקער באַרישע, געריכטעט מיינע וועגן לויט דעם אומבאַוועגלעכן שטערן, וואָס די גריכן האָבן צו מיין אָנדענק אָנגערופן דער פעניציאַנישער שטערן, און כ׳האָב דורכגעריזט אַלע ימען און אויסגעוועזן אין אַלע לענדער. כ׳בין געפאָרן זוכן גאָלד אין קאָלכידע, שטאָל — אין קאַליביע, פערל — אין אופיר, זילבער — אין טאַרטעס־לאַנד; אין בעטיקע האָב איך געלאַדעוועט אייזן, בליי, ציננאָבער, האָניג, וואַקס און סמאָלע; איך האָב מיך דורכגעבראָכן דורך די גרענעצן פון דער וועלט און דורכן נעפּלדיקן אָקעאַן דערגרייכט ביז צו די מרה־שחורהדיקע ברעגעס פון ברעטאַנער אינזל, פון וואַנען איך האָב מיך צוריקגעקערט אַ זקן, מיט גרויע האָר, אנגעלאָדן מיט צינק, וואָס די עגיפּטער, גריכן און איטאַליער האָבן געקויפט ביי מיר פאַר גאָלד.

אין יענע צייטן איז דער ים־התיכון געווען מיין יעזשיע־רע. אויף זיינע ווילדע ברעגעס האָב איך געגרינדעט הונדער־טער קאַנטאָרן, און די באַרימטע שטאָט טעבן איז געווען בישט מער, ווי אַ פעסטונג, וווּ איך האָב באַהאַלטן מיין גאָלד. איך האָב בעת מיינע נסיעות באַגעגנט אין גריכנלאַנד ווילדע מענטשן, באַוואָפנט מיט הירשן־הערנער און צעריבענע שטיינער. כ׳האָב זיי געגעבן דעם בראָנז, און נאָר מיר האָבן זיי צו פאַרדאַנקען זייערע ידיעות אין אַלע מלאכות.

אין זיין בליק און אין זיינע רייד האָט זיך געפילט אַ קאַלטע שטרענגקייט, איך האָב אים דעריבער געענטפערט גאָר נישט פריינדלעך:

— אָ, יאָ! איר זענט געווען אַן אַקטיווער, ריירעוודיקער און אינטעליגענטער סוחר. איר האָט זיך אָבער אויף גאָרנישט אומגעקוקט, און ביי אַ געלעגנהייט האָט איר זיך אויפגעפירט, ווי אַן אמתער ים־גזלן. בעת איר פלעגט זיך ארויסזעצן אויפן גריכישן ברעג אדער ערגעץ אויף אַן אינזל, פלעגט איר מיט גרויס זאָרגעוודיקייט צעשפרייטן אויפן ברעג רייכע קליידער און שטאָפן. און אז די דאָרטיקע מיידלעך, צוגעצויגן פון אַן אומבאַזיגבאַרער קראַפט, זענען אָן דעם וויסן פון זייערע על־

טערן, געקומען אַ קוק טון אויף די באַגערטע זאַכן, זענען זיי אויפגעכאַפּט געוואָרן פון אייערע מאַטראָזן, און נישט געקוקט אויף זייערע אומזיסטע, האַרצרייסנדע געשרייען און געוויינען, האָט מען זיי, ציטערנדיקע און צוגעבונדענע, אריינגעוואָרפן אין די הינטערשטע טיילן פון שיף, אונטער דער אויפזיכט פון רויטן קאַרליק.

צי האָט איר דען נישט צוגעגנבעט די יונגע יאָ, די טאָכטער פון קיניג אינאַכאָס, כדי זי צו פאַרקויפן דעם עגיפּטישן מלך?

— דאָס איז גאַנץ מעגלעך. יענער קיניג אינאַכאָס איז געווען דער ראש פון א קליינעם ווילדן שבט. זיין טאָכטער האָט געהאַט אַ ווייסע הויט, און שיינע, איידעלע געזיכטשטריכן. די באַציונגען צווישן ווילדע און ציוויליזירטע מענטשן זענען אין אלע צייטן געווען די זעלבע.

— דאָס איז אמת. אייערע פעניציאַנער זענען אָבער באַגאַנגען אומדערהערטע גנבות. זיי האָבן גאָרנישט געהאַט קיין מורא אויסצולײדיקן די סאַרקאָפאַגן און קברים פון די עגיפּטישע מלכים, און מיט די געגזלטע אוצרות באַפּוצן זייערע בית־עלמינס אין געבאַל.

— מיין הער, אויפריכטיק גענומען, צי פּאַסט עס צו מאַכן פאָרווורפן אַן אלטן מאַן, וואס אפילו טאָפּאָקלעס האָט אים שוין גערופן דער פארצייטיקער קדמות? עס איז קוים פאַרביי פינף מינוט, ווי מיר שמועסן צוזאַמען אין אייער קאַבינעט, און איר פארגעסט, אַז איך בין עלטער פון אייך מיט גאַנצע אכט און צוואנציק יארהונדערטער. נעמט אין באטראכט, מיין טייערער הער, אַז איך בין אַן אלטער כנען־איינוווינער, און ס'האָט נישט קיין זין צו פארשאפן אים עגמת־נפש צוליב עפּעס א פּאָר עגיפּטישע מומיעס און אייניקע טעכטער פון ווילדע מענטשן, צוגעגנבעט אין עגיפּטן אדער אין גריכנלאַנד.

„באַוואונדערט בעסער די קראַפט פון מיין אינטעליגענץ און די שיינקייט פון מיין אינדוסטריע. איך האָב אייך דערציילט וועגן מיינע שיפן, איך וואָלט אייך געקאָנט פארציילן

וועגן מיינע קאַראַוואַנען, וואָס האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אין דעם תימן־מדבר נאָך ווייַרויך און מירראַ, קיין חרן — נאָך איידל־שטיינער און שמעקנדיקע וואָרצלען, קיין כוש — נאָך העלפאַנט-ביין און עבנהאָלץ.

מיין טעטיקייט האָט זיך אָבער נישט באַגרענעצט בלויז מיט פירן אַ טויש-האַנדל. איך בין געווען אַ געשיקטער בעל-מלאכה, בעת די גאַנצע ארומיקע וועלט האָט געדרימלט אין אַ ווילדן צושטאַנד. איך האָב באַאַרבעט מעטאַלן און גלאָז, געפאַרבט די טייערסטע קליידער־שטאָפן, געשליפט די איידלסטע שטיינער און איינגעאיבט מיין זשעני אין יענער פייער־קונסט, וואָס איז אזוי וווּנדערבאַר, אַז זי קומט פאָר, ווי כשוף. גיט אַ קוק אויף די בעכערס, וואָס איך האָב אויסגעהאַקט, און באַוווּנדערט דעם פיינעם, איידעלן געשמאַק פון אַלטן גאָלדשמיד פון כנען!

נישט קיין קלענערע ווונדער האב איך באַוויזן אויפצוטון אין דער לאַנדווירטשאַפט. דעם שמאָלן פּאַס ערד צווישן לבנון און דעם ים, האב איך פארוואַנדלט אין אַ גן־עדן. ביים הײַנטיקן טאָג געפינט מען נאָך דאָרט די ציסטערנעס, וואָס איך האָב געהאַט געגראָבן. איינער פון אייערע גרויסע מייסטערס האָט זיך געהאַט אויסגעדריקט: „נאָר דער איינוווינער פון כנען איז פעיק געווען צו בויען וויין-קעלטערס, וואָס זאָלן דויערן אייביק”.

באמיט אייך בעסער צו באַקענען מיטן אלטן קדמות. מיט מיין הילף זענען אלע פעלקער, וואס האבן געוווינט ביי די ברעגעס פון מיטללענדישן ים איבערגעגאַנגען פון דער שטיינערנער צו דער בראָנזענער תקופה. איך האב אויסגעלערנט די גריכן דעם סוד פון די קינסטלערישע מלאכות. פאר תבואה, וויין און פאר חיהשע פעלן האב איך זיי געגעבן וווּנדערבאַר געשניצטע בעכערס, ווו ס'זענען געווען אויסגעמאָלט טייבעלעך, וואָס קושן זיך, און ליימענע געטשן, וואָס זיי האָבן פון דעמאָלט אָן נאָכגעמאַכט און געפורעמט לויט זייער איינענעם געשמאַק. לסוף האָב איך זיי געגעבן דעם אלפאבעט

אָן זיין היכף וואָלטן זיי נישט געוועץ אימשטאַנד צו פאַר־
אייביקן, ווי אויך נישט צו פרעציזירן זייערע געדאַנקען, וואָס
איר ווערט פון זיי אַזוי שטאַרק נתפּעל.

אָט, וואָס ס׳האָט אויפגעטון דער אַלטער קדמות. ער האָט
דאָס אַלץ געטון נישט אויס ליבע צום מענטשלעכן מין, נישט
צוליב דער שטרעבונג צו אַ פּוסטן כבוד, נאָר פּשוט אויס ליבע
צו רווחים, רעכנענדיק זיך אויסשליסלעך מיט ממשותדיקע און
זיכערע פּראָפיטן. ער האָט דאָס געטון, כדי רייך צו ווערן, און
בעת ער וועט קומען אויף די עלטערע יאָרן, צו טרינקען ווייַן
פון גילדערנע בעכערס אויף זילבערנע טישן, אַרומגערינגלט
פון ווייס־לייביקע פרויען, וואָס האָבן געטאַנצט תאווהדיקע טענץ
און געשפּילט אויף האַרפעס.

וואָרים דער אַלטער קדמות גלויבט נישט נישט אין דאָס
גוטע, און נישט אין דער טוגנט. ער ווייס, אַז די מענטשן
זענען שלעכט, און אַז די געטער, וואָס זענען מעכטיקער פון
זיי זענען נאָך אַ סך ערגער פון זיי. ער האָט מורא פאַר זיי ;
ער פּרוּווט דעריבער זיי אײַנצונעמען מיט בלוטיקע קרבנות.
ער האָט זיי לגמרי נישט ליב. ער האָט ליב בלויז זיך אַליין.
איך בין אַזעלכער, ווי איר זעט מיך איצט פאַר אייערע אויגן.

נעמט אָבער אין באַטראַכט, אַז ווען איך וואָלט זיך נישט
געוועזן געיאָגט נאָך פאַרשידענע תענוגים, ווען וואָלט איך מיך קיינ־
מאָל נישט געמיט רייך צו ווערן, וואָלט איך נישט גע־
שאַפן די קונסט, וואָס דערפרייט אייער האַרץ נאָך ביים היינ־
טיקן טאָג. און סוף כל סוף, מיין טייערער הער, מחמת דעם,
וואָס איר האָט נישט אויף אַזוי פיל שכל כדי צו ווערן סוחר,
זײַנט איר געוואָרן אַ שרייבער און שרייבט, ווי למשל די גריכן,
טאָ דאַרפט איר דאָך מיך פאַרערן מיט גאָט צוגלייך, מיך, דעם
באַשעפער פון אַלפאַבעט. וואָרים איך בין זיין באַשעפער.

איר שטויסט זיך מסתמא אָן, אַז איך האָב אים געשאַפן
בלויז צוליב דער באַקוועמקייט פון מיין געשעפט, און כ׳האָב
צוסאָל נישט געחלומט, אַז אין די שפּעטערע צייטן וועלן די
ליטעראַרישע פעלקער מאַכן פון אים אַזאַ געברויך. איך האָב

מיך געגוויטיקט אין אַ פּשוטן און שנעלן פאַרצייכנונגס-סיסטעם. איך וואָלט אים מיט פאַרגעניגן איבערגעגעבן פון מיינע שכנים, פּונקט ווי איך פּלעג עס טון אַלעמאָל, ווען ס׳איז מיר געווען נויטיק.

איך רעד מיר נישט איין קיין אָריגינאַליטעט, מיין שפּראַך איז די שפּראַך פון די סעמיטן, מיין סקולפּטור איז טיילווייז באַאיינפלוסט פון די עגיפּטער, ווי אויך פון די באַבילאָניער. ווען איך וואָלט געהאַט אונטער דער האַנט אַ גוטע שריפט, וואָלט איך מיך לחלוטין נישט אוגטערגענומען צו באַשאַפן עפּעס נייעס אויף דעם געביט.

אָבער נישט די היעראָגליפן פון די פעלקער, וואָס איר רופט זיי ביים היינטיקן טאָג, הגם איר קענט זיי נישט, העטיטן אָדער חתים, נישט די הייליקע שריפט פון די מצרים, האָבן זיך נישט געפּאַסט צו מיינע צוועקן. די דאָזיקע אַלפאַבעטן זענען געווען זייער קאָמפּליצירט, אַ סך מער צוגעפּאַסט פאַר די טעמפּל-מויערן און קברים, ווי פאַר די טאָוולען פון אַ סוחר. נישט געקוקט דערויף, וואָס ער איז געווען פאַרקירצט און איינפאַכער, האָט אָבער פונדעסטוועגן דער כתב פון די עגיפּטישע שרייבער פאַרבאַהאַלטן די שווערקייט, צעקראָכנקייט און אומזיכערקייט פון זיין אורטיפּ. אין גאַנצן גענומען איז דער סיסטעם געווען דורכאויס שלעכט, דער פאַראייגפאַכטער היעראָגליף איז פאָרט געבליבן היעראָגליף, וואָס באַדייט: נישט גענוג קלאָר. איר ווייסט דאָך מסתמא ווי אַזוי די מצרים האָבן סיי אין זייערע היעראָגליפן, סיי אין זייער פאַרקירצטער שריפט, פאַרטוישט די צייכנס, וואָס האָבן פאָרגעשטעלט געוויסע אידייען, מיט צייכנס, וואָס האָבן פאָרגעשטעלט געוויסע קלאַנגען.

דורך אַ גניאַלן איינפאַל האָב איך פון אָן אַ שיער צייכנס אויסגעקליבן צוויי און צוואַנציק און פון זיי געשאַפן די צוויי און צוואַנציק אותיות פון מיין אַלפאַבעט. אותיות אָדער צייכנס, וואָס יעדער פון זיי האָט אַנטשפּראָכן איין איינציקן קלאַנג, האָבן אַדאַנק דער לייכטער און געשווינדער אַסאָציאַציע געגעבן

די מעגלעכקייט געטריי אויסצודריקן אַלע קלאַנגען, צי איז דאָס נישט קיין געניאַלער איינפאַל?

— יאָ, בלי ספק, דאָס איז באמת געווען אַ גלענצנדער איינפאַל, אפשר נאָך מער, ווי איר שטעלט זיך עס אַליין פאָר. און מיר זענען אייך באמת זייער דאַנקבאַר פאַר אייער אומשעצבאַרער מתנה. וואָרים אָן דעם אַלפאַבעט וואָלט נישט געווען קיין געניויע פאַרצייכנונג פון געשפרעך, קיין סטיל, קיין איידעלע געדאַנקען, קיין אַבסטראַקציעס, קיין פילאָזאָפישע סובטילקייט. עס וואָלט געווען דער זעלבער אַבסורד זיך פאָרצושטעלן, אַז פאַסקאַל זאָל אָנשרייבן זיינע „פּראָווינציאַלן" אין קייל־כתב, אָדער אַז דער אָלימפּישער זעאוס זאָל האָבן אויסגעהאקט געוואָרן פון אַ פאָקע.

געשאפן לכתחלה מיט דער כוונה צו פירן האנדלס־ביכער, איז דער פעניציאַנישער אלפאבעט געוואָרן אין דער גאנצער יועלט אַן אומבאַדינגטער און גלענצנדער אינסטרומענט פון געדאנק, און די געשיכטע פון זיינע ענדערונגען איז ענג פאַרבונדן מיט דער אנטוויקלונג פון מענטשלעכן גייסט. אייער ווערק איז אומענדלעך שיין און ווערטפול, הגם עס איז אומפולקאָם. וואָרים איר האָט אינגאנצן פאַרגעסן די אַליין־קלאַנגען און ערשט די גריכן האָבן זיי אויסגעפונען. וואָרים אויף זייער גורל איז אויסגעפאלן צופירן יעדע זאַך צו פולקאָמקייט.

— וואָס שייך די אַליין־קלאַנגען, מוז איך מיך מודה זיין, אַז איך האָב געהאט אַ שלעכטע געוואוינהייט ארויסצורעדן זיי נישט דייטלעך און פאַרטוישן איינס אויף דאָס אנדערע. איר האָט עס מסתמא באמערקט היינט אָונט: דער אלטער קדמות רעדט אביסל אונטער דער צונג.

— איך בין אים מוחל דאָס דאָזיקע, איך וואָלט אים כמעט מוחל געווען דאָס אויפבאַפן די יונגפרוי יאָ, וואָרים סוף כל סוף איז דאָך איר פאָטער געווען נישט מער, ווי אַ ראש פון ווילדע, וואָס האָט אָנשטאָט אַ סצעפטער געהאט אַ הערשןהאָרן, אויסגעשניצט מיט אַ שארפן קיזלשטיין. איך וואָלט אים

אפילו מוחל געווען, וואָס ער האָט אויסגעלערנט די אָרעמע און אָרנטלעכע בעאַציער די הפקרדיקע טעגן פון די באַכאַנטן. איך וואָלט אים אַלץ מוחל געווען, מחמת דעם, וואָס ער האָט געשאָנקען די גריכן און דער גאַנצער וועלט דעם ווערטפולסטן טאַליזמאַן, די צוויי און צוואַנציק אותיות פון פעניציאַנישן אַלפאַבעט.

פון די דאָזיקע צוויי און צוואַנציק אותיות קומען ארויס די אַלפאַבעטן פון אַלע שפּראַכן. ס'איז נישט פאַראַן קיין געדאַנק, וואָס זאָל נישט ווערן אויסגעדריקט און פאַרבאַהאַלטן אין די דאָזיקע אותיות.

פון אייער אַלפאַבעט, געטלעכער קדמות, שטאַמען די גריכישע און איטאַלישע שריפטן, וואָס האָבן געגעבן די התחלה פון אַלע אייראָפּעישע שריפטן. פון אייער אַלפאַבעט שטאַמען אַלע סעמיטישע שריפטן, אָנגעהויבן פון דער אַראַמישער און העברעישער, און געענדיקט מיט דער סירישער און אַראַבישער שריפט. און דער זעלבער פעניציאַנישער אַלפאַבעט איז דער פאָטער פון הימיאַריטישן און עטיאָפּישן און פון אַלע אַלפאַבעטן אין מיטל-אַזיע, פון דער זענד און פעלהווי-שריפט, און אפילו פון אינדישן אַלפאַבעט, וואָס פון אים קומען ארויס די דעוואַנאַגאַרי-שריפט און אַלע אַלפאַבעטן פון דרום-אַזיע.

וואָס פאַרא גליק! וואָס פאַראַ אוניווערסאַלער סוקצעס! אין איצטיקן אויגנבליק איז אויף דער גאַנצער אויבערפלאַך פון דער ערד נישט פאַראַן קיין איין אַלפאַבעט, וואָס זאָל נישט שטאַמען פון דער קאַדמישער שריפט. ווער עס שרייבט אויף דער וועלט אַ וואָרט, דאַרף ער דערפאַר צו דאַנקען די אַלטע כנען-סוחרים. ביים דאָזיקן געדאַנק בין איך געצייגט אַרויסצוּווייזן אייך דעם גרעסטן כבוד, אָ האַר מייַנער קדמות, און איך ווייס נישט, ווי אַזוי אויסצודריקן אייך מיין דאַנק פאַרן כבוד, וואָס איר האָט מיר אַרויסגעוויזן, איר בעל-קדמות, באַשעפער פון אַלפאַבעט, פאַרברענגענדיק מיט מיר אין מיין קאַבינעט אַ קליינעם טייל פון דער נאַכט.

— מיין טייערער, האַלט אין אייער ענטוזיאַזם. איך בין

באמת צופרידן פון מיין קליינער דערפינדונג. איך האָב אָבער בשום אופן נישט געהאַט בדעה דיך צו חנפענען. נאָך מיין טויט, זינט איך בין געוואָרן אַ פוסטער שאָטן, איז מיר שרעקלעך לאַנגווייליק און אומעטיק, וואָרים כ׳קאָן שוין מער נישט פארקויפן קיין צינק, נישט קיין גאלדזאמד, נישט קיין העלפאַנט-ביין. און אויף דער ערד, ווו הער סטאנלי *) פרווט צו גיין אין מיינע וועגן באגרענעץ איך מיך בלויז דערמיט, וואָס איך פיר פון צייט צו צייט שמועסן מיט געלערטע און וויסנ-שאפט-ליבהאָבער, וואָס האָבן אן אינטערעס פאר מיין פערזאָן. איך הער שוין אָבער דאָס קרייען פון האָן, זייט-זשע מיר גע-זונט און זעט רייך צו ווערן: די איינציק ווירקלעכע גיטער אויף דער וועלט זעגען עשירות און מאכט.

ביי די רייד איז ער נעלם געוואָרן. דאָס פייער איז אויסגעגאנגען, די באכט-קעלט האָט מיך אינגאנצן דורכגענומען און דער קאָפּ האָט מיר שטארק וויי געטון.

---

*) סטאנלי — בארימטער אפריקע-רייזנדער און פאָרשער פון אפריקאנישן קאָנטינענט אין נײַנצנטן יאָרהונדערט.
(באַמ. פון איבערזעצער)

איך בין לגמרי נישט מסכים מיט די אומפריינדלעכע געפילן פון די קאַבאַרעט-זינגער לגבי די פרויען, וואָס דאָקטאָריזירן זיך. אויב אַ פרוי פילט זיך באַרופן צו דער וויסנשאַפט, טאָ וואָס פארא רעכט האָבן מיר איר פארצוואַרפן, אַז זי האָט ניטש אויסגעקליבן איר ריכטיקן וועג? צי קאָן מען האָבן אַ טענה צו דער איידעלער מילדע און קלוגער סאָפיע זשערמען,*) וואָס האָט אנשטאָט די דאגות פון אַ פאַמיליען-לעבן און הויז-באַלעבאַטישקייט, ליבער געוואָלט זיך אָפּגעבן צו שטילע באַטראַכטונגען אויפן געביט פון אלגעברע און מעטאפיזיק?

צי טאר די וויסנשאַפט, פונקט ווי די רעליגיע, נישט האָבן אירע בתולות און מאָנאַכינס? אויב עס האָט נישט קיין זין צו בילדן אלע פרויען, צי איז דערפאר שכלדיקער צו פארבאָטן אַלע פרויען צו פארנעמען זיך מיט הויכע, שפעקולאַטיווע געדאַנקען? און צי איז דען נישט די וויסנשאפט, אפילו פון פראקטישן שטאנדפונקט, אין געוויסע פאלן אַ ווערטפולע הילפס-קוועלע פאַר דער פרוי?

צי דערפאר, וואָס ס'איז היינט פאראן מער לערערינס, ווי ס'איז נויטיק, דאַרפן מיר פאראורטיילן די יונגע מיידלעך, וואָס גיבן זיך אפּ דער פעדאַגאָגיק, נישט געקוקט אויף דער

---

*) סאָפיע זשערמען—באַרימטע פראַנצויזישע מאַטעמאַטיקערין, געלעבט אין נײַנצנטן יאָרהונדערט. (באַמ. פּ. איבערזעצער).

אכזריותדיקער אומזיניקייט פון די פראַגראַמען און דער אום־געלומפערטער גערעכטיקייט פון די קאָנקורסן? אויב מ'האָט אַלעמאָל אַנערקענט, אַז די פרויען זענען אויסערגעוויינלעך געשיקט ביי דער אויפזיכט איבער קראַנקע, אויב זיי האָבן אונז אין אַלע צייטן געטרייסט און געהיילט אונזערע וווּנדן, אויב זיי האָבן באַזאָרגט די געזעלשאַפט מיט קראַנקן־שוועס־טערס און הייבאַמען, טאָ פאַרוואָס זאָל מען נישט לויבן די פרויען, וואָס שטעלן זיך נישט צופרידן מיט דער נויטווענדי־קער פראַקטיק, פירן צו זייערע מעדיצינישע שטודיען ביז צום דאָקטאָראַט, און פאַרדינען אויף אַזאַ אופן אויך מער רעספעקט און כבוד?

מ'טאָר זיך נישט לאָזן באַהערשן פון אַ שנאה צו די איבערגעטריבן - עלעגאַנטע און פעדאַנטישע פרויען. א פאַקט איז, אַז ס'איז נישט פאַראַן קיין עקלדיקערע זאַך, ווי אַ פרוי אַ פעדאַנט. וואָס שייך ווידער די גוזמאדיק עלעגאַנטע פרויען, וואָלט סען דאָ באַדאַרפט אונטערשיידן. די פאָזע איז נישט אלעמאָל מיאוס, און אַ געוויסער אופן פון שיין־רעדנעריי ברענגט קיינמאָל נישט קיין שאָדן דער פרוי.

אויב מאַדאַם לאַפאַיעט איז אַ געקינצלטע אין איר עלע־גאַנץ (אין אירע צייטן האָט מען זי פאַר אַזעלכע געהאַלטן), הער איך אויף פיינד צו האָבן אַלע פרויען פון דאָזיקן מין. יעדע גוזמא דאַרף פאַראורטיילט צו ווערן, סיי די גוזמא אין רייבן טעפלעך, ווי אויך די גוזמא ביים שרייבן, און עס וואָלט גאָרנישט אנגענעם געווען צו וווינען אין דער פון פרודאָן *) אויסגעחלומטער געזעלשאַפט, ווו אַלע פרויען וואָלטן זיך פאַרנומען מיט קאָכן אָדער מיט פאַריכטן צעריסענע וועש.

איך בין מסכים דערמיט, אַז אַ פרוי פאַרלירט אַ סך פון איר באַטירלעכקייט און גראַציעזקייט, בעת זי שרייבט אָן אַ בוך, ווי ווען זי וואָלט געשפּילט אין טעאַטער. אָבער אַ פרוי, וואָס

*) פרודאָן — פראַנצויזישער סאָציאַליסט־אוטאָפּיסט, אָנהענגער פון דער אנאַרכיסטישער טעאָריע. (באַמ. פ. איבערז.)

קאָן שרייבן. וואָלט באַגאַנגען אַ פעלער, ווען זי וואָלט נישט געשריבן, נאַטירלעך אויב דאָס דאָזיקע וואָלט איר נישט געשטערט אין לעבן. איך רעד שוין נישט וועגן דעם, אַז דער טינטער וואָלט מיט דער צייט געקאָנט ווערן איר פריינד, בעת עס וואָלט איר אויסגעקומען זיך צו אַנטשליסן אויף יענעם ווייטיקלעכן שריט, וואָס פירט אינם מלכות פון זכרונות.

זיכער איז אָבער, אַז אויב די פרויען שרייבן נישט בעסער פון די מענער, שרייבן זיי אָבער אַנדערש און טראָגן איבער אויפן פּאַפּיר אַ טייל פון זייער געטלעכן חן. וואָס מיר אַנבאַלאַנגט, בין איך זייער דאַנקבאַר דער מאַדאַם קיילי און מאַדאַם דע סטאַל-דעלאָניי פאַר זייערע אומשטערבלעכע שמירערייען.

עס וואָלט געווען גאָרנישט קיין פילאָזאָפישער געדאַנק זיך פאָרצושטעלן, אַז די וויסנשאַפט דרינגט אריין אינם מאָראַלישן סיסטעם פון אַ פרוי אָדער אַ מיידל, ווי אַ פרעמדער קערפּער, ווי אַ צערשטערישער עלעמענט פון אַן אומבאַרעכנטער קראַפט. אָבער אויב די שטרעבונג צו בילדן יונגע מיידלעך איז אַ פאַרשטענדלעכע און אַ נאַטירלעכע, איז אָבער זיכער, אַז מ'האָט זיך צו איר נישט געהעריק גענומען. מ'הייבט דאָס אָן צום גליק צו פאַרשטיין.

די וויסנשאַפט פאַרבינדט דעם מענטש מיט דער נאַטור. פונקט ווי מיר, דאַרפן אויך די פרויען צו האָבן אַביסל ידיעות. דער אופן, ווי אַזוי מ'האָט זיי געוואָלט בילדן, ווייט פון פאַרמערן זייערע באַציִונגען מיטן וועלטאַל, האָט זיי אָפּגעגרענעצט און אַוועקגעשטעלט מחוץ פון דער נאַטור. מ'האָט זיי געלערנט ווערטער, אָבער נישט דעם עצם העניין פון די זאַכן, מ'האָט זיי אריינגעבראָקט אין קאָפּ אַריין אָן אַ שיעור לאַנגע טערמינען פון געשיכטע, געאָגראַפיע און זאָאָלאָגיע, וואָס האָבן נישט פאַר זיי די מינדעסטע באַדייטונג. די דאָזיקע אומשולדיקע באַשעפענישן האָבן געמוזט טראָגן אויף זייערע פּלייצעס זייער אייגענעם יאָך, נאָך מער, דעם יאָך פון אומגעלומפּערטע שול-

פראָגראַמען, וואָס די דעמאָקראַטישע גאווה און דער בורזשואַזער פּאַטריאָטיזם האָבן אויפגעבויט, ווי דעם בבל-טורעם פון פּעדאַנטעריע.

מ׳איז ארויסגעגאַנגען פונם אַבסורדאַלן שטאַנדפּונקט, אַז אַ פאָלק איז געלערנט און קלוג, בעת אַלע קענען איינס און דאָס זעלבע, פּונקט ווי די פאַרשידנאַרטיקייט פון די פּראָפעסיעס וואָלט נישט גורם געווען אַ דיפערענצירונג פון די מוחות. פּונקט ווי עס וואָלט געווען נוצלעך, אַז אַ סוחר זאָל וויסן דאָס זעלבע, וואָס אַ דאָקטאָר! דער דאָזיקער געדאַנק האָט גורם געווען אַ סך אַנדערע פעלערן, ער האָט נעמלעך געבוירן אַ צווייטע אידעע, וואָס איז פיל ערגער פון אים.

מ׳האָט זיך איינגערעדט, אַז די יסודות פון די ספּעציעלע וויסנשאַפטן קומען צונוץ די פערזאָנען, וואָס האָבן פון פּאָר-אויס נישט קיין שום שייכות מיט די דאָזיקע וויסנשאַפטן, נישט אין דער פּראַקטיק, נישט אין דער טעאָריע. מ׳האָט זיך איינגערעדט, אַז די טערמינאָלאָגיע למשל פון כעמיע אָדער פון אַנאַטאָמיע האָט פאַר זיך אַליין אַן אייגענעם ווערט, און אַז ס׳איז נויטיק זי צו קענען, אומאָפּהענגיק פונם נוצן, וואָס עס מאַכן פון איר די כירורגן און כעמיקער.

די דאָזיקע איבערגלויבעניש איז פּונקט אַזוי אומזיניק, ווי די איבערגלויבעניש פון די אַלטע סקאַנדינאַוויער, וואָס האָבן געשריבן אין דער רונישער שריפט און זיך פאָרגעשטעלט, אַז ווערטער האָבן פאַר זיך אַליין אַ געוואַלטיקע מאַכט. און ס׳איז גענוג זיי אַרויסצוזאָגן, אַז די זון זאָל אויסגעלאָשן ווערן און די גאַנצע ערד זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין שטויב.

עס כאַפּט אָן באמת אַ רחמנות, בעת מ׳גיט אַ טראַכט וועגן די פּעדאַגאָגן, וואָס לערנען די קינדער ווערטער פון אַ שפּראַך, וואָס זיי וועלן קיינמאָל נישט הערן און נישט באַנוצן. די דאָזיקע מלמדים האַלטן, אַז אויף אַזאַ אופן לערנען זיי די קינדער די גרונט-יסודות פון דער וויסנשאַפט און די יונגע מיידלעך — צו האָבן וועגן אַלעם אַ קלאָרן באַגריף. ווער זעט דען אָבער נישט, אַז אין דער אמתן מאַכן זיי טעמפּ וויי-

ערע מוחות, און אויב מ׳וואָלט געוואלט אריינבראָקן אַ פּאָר גע־דאַנקען אין די דאָזיקע שוואַכע און נאָכגיביקע קעפּלעך, וואָלט מען באַדאַרפט זיך באַנוצן מיט אַ גאַנץ אַנדערן סיסטעם.

ווייזט אין עטלעכע ווערטער גרויסע פּראָבלעמען פון דער וויסנשאַפט, צייכנט אָן די רעזולטאַטן זייערע מיט דער הילף פון אַ פּאָר שטאַרקע, עטוואָס זאָגנדיקע ביישפּילן. באַמיט אייך צו פּאַראַלגעמיינערן, זייט פילאָזאָפן, און זעט צו באַהאַלטן אייער פילאָזאָפיע, אַזוי אַז די, צו וועלכע איר ווענדעט זיך מיט אייערע רייד זאָלן אייך אָננעמען פאַר פּשוטע, נישט געקינצלטע מענטשן.

מיידט אויס דעם וויסנשאַפטלעכן זשאַרגאָן, דריקט אייך אויס אין אַ פּשוטער, פּאָפּולערער שפּראַך און גיט איבער אייערע צוהערער אַ פּאָר פאַקטן, וואָס זאָלןווירקן אויף דער פאַנטאַזיע און צופרידנשטעלן דעם שׂכל.

זאָלן אייערע רייד זיין פּראָסט, וואָגיק און דערהויבן. באַמיט אייך נישט צו לערנען עמיצן צו פיל זאַכן מיטאַמאָל. זעט בלויז צו וועקן די נייגיריקייט. אַנטוויקלט די מענטשלעכע מוחות, זעט אָבער, אַז זיי זאָלן זיך נישט צופיל איבערעסן מיט וויסן. וואַרפט אריין אין זיי איין פונק, פון זיך אליין וועלן זיי זיך אָנצינדן מיט אַ פלאַם דאָרט, ווו זיי זענען אימשטאַנד זיך אָנצוצינדן.

און אויב דער פונק וועט זיך אויסלעשן, אויב געוויסע מוחות וועלן פּערבלייבן טעמפּ, וועט איר לכל־הפּחות נישט טראָגן די שולד דערפאַר. שטענדיק וועלן זיין עמי־הארצים צווישן אונז. מ׳דאַרף זיך באַציען מיט רעספּעקט צו יעדן און איבער־לאָזן אין אַ צושטאַנד פון עם הארצות די מענטשן, וואָס זענען דערצו באַשטימט. דאָס דאָזיקע איז באַזונדערס וויכטיק אין שייכות מיט אונזערע טעכטער, וואָס פאַרברענגען מערסטנטייל די צייט ביי באַשעפטיקונגען, וואָס פאָדערן גאַנץ אַנדערע זאַכן, ווי אַלגעמיינע און טעכנישע ידיעות. איך וואָלט געוואָלט, אַז די בילדונג פון די מיידלעך זאָל קודם כל זיין אַ דיסקרעטע און זיך געפינען אונטער אַ זאָרגעוודיקער השגחה.

## וועגן נסים.

מען דאַרף נישט זאָגן: ס'איז נישט פאַראַן קיין נס, ווייל מ'האָט אים נישט אויפגעוויזן. די פרומע לייט וואָלטן זיך אַלעמאָל געקאָנט פאַררופן אויף אַ פאָלקאַמערן אמת. דער אמת איז, אַז מ'וועט קיינמאָל נישט קענען פעסטשטעלן קיין נס, נישט היינט, נישט מאָרגן, וואָרים פעסטשטעלן אַ נס, וואָלט געהייסן אַרויסציען פון אים צו פרי די געהעריקע קאָנסעקווענצן.

אַ טיפער אינסטינקט זאָגט אונז, אַז אַלץ וואָס די נאַטור שליסט איין אין איר שויס, איז אין הסכם מיט אירע געזעצן, אַלץ איינס, צי זיי זענען באַקאַנט אָדער געהיימנישפול. ווען ס'זאָל אָבער אַפילו אויסקומען צו דערשטיקן אונזערע פאַרגע-פילן, וואָלטן מיר קיינמאָל נישט געקענט זאָגן: „דאָס דאָזיקע איז געשען מחוץ פון די גרענעצן פון דער נאַטור". אונזערע פאַרשונגען וועלן אונז קיינמאָל נישט פאַרפירן אַזוי ווייט.

און אויב דער תוך פון נס באַשטייט אין דעם, וואָס ער לאָזט זיך נישט אויפפאַסן דורך דער דערקענטעניש, וועט יעדע דאָגמע, וואָס באַשטעטיקט זיין עקזיסטענץ, אַרויסרופן אַן אומ-גרייפבאַרן עדות, וואָס וועט זיך כסדר אַרויסגליטשן פון אונ-זערע הענט ביזן סוף וועלט.

דער נס איז אַ קינדערשע קאָנצעפּציע, וואָס האַלט נישט אויס די מינדעסטע קריטיק, זינט דער מענטשלעכער גייסט

הייבט אָן צו האָבן אַ סיסטעמאַטישע פאַרשטעלונג װעגן דער נאַטור. די גריכישע פילאָזאָפיע האָט לחלוטין נישט דערלאָזט דעם געדאַנק װעגן אַ נס. היפּאָקראַטעס פלעגט זאָגן, בעת ער האָט גערעדט װעגן עפּילעפּסיע: „מ׳רופט זי געטלעכע קראַנקהייט; אלע קראַנקהייטן זענען אָבער געטלעך און קומען ארויס פון די געטער". ער האָט גערעדט, װי ס׳פּאַסט פאַר אַ נאַטוראַליסטישן פילאָזאָף. דער מענטשלעכער שכל איז ביים הייַנטיקן טאָג אַ סך װייניקער אַנטשלאָסן. כ׳װער אַלעמאָל אויפגערעגט, בעת כ׳הער זאָגן: „מיר גלויבן נישט אין נסים, װאָרים קיין איינער איז נישט דערװיזן געװאָרן".

בעת איך בין אין אויגוסט געװען אין לורד *), האָב איך באַזוכט א הייל, װוּ אָן אַ שיעור שטאָלצן זענען געװען אויסגעהאָנגען, אַלס צייכן פון רפואה. מיין באגלייטער האָט מיר מיטן פינגער געװיזן די דאָזיקע הייל-כּראַפּעען און אריינגעשעפּטשעט מיר אין אויער אריין:

— איין הילצערנער פוס װאָלט געװען א סך פּאַסיקער אויף דעם אָרט.

דאָס איז די שטים פון געזונטן פאַרשטאַנד; אָבער פון פילאָזאָפישן שטאַנדפּונקט װאָלט אַ הילצערנער פוס נישט געהאַט קיין גרעסערע באַדייטונג פון א שטאָלץ-ביין. אויב מ׳װאָלט אויפגעפאָדערט אַן אָבסערװאַטאָר מיט א װירקלעך פילאָזאָפישן גייסט פעסטצושטעלן, אַז אַן אָפּגעשניטענער מענטשלעכער פוס איז מאָמענטאַל צונויפגעװאָקסן געװאָרן ערגעץ איז אַ געלענק, װאָלט ער קיינמאָל נישט געזאגט: „דאס איז א נס!". ער װאלט געזאגט:

„די אבסערװאַציע, ביז איצט איין און איינציק, הייסט אונז גלויבן, אַז די געװעבן פון א מענטשלעכן פוס האָבן

---

לורד — א שטאָט אין פראַנקרייך, װוּ מ׳איז עולה-רגל פון גאַנצן לאַנד. דאָרט איז פאראן א קירך, װוּ לויט דער לעגענדע, זענען אויסגעהיילט געװאָרן א סך אומהיילבאַרע קראַנקע.

(באמ. פ. איבערזעצער).

אין נאך נישט געגוי באַשטימטע באַדינגונגען, די אייגנשאַפט זיך ווידער צעגויפצוזאַקסן, פונקט ווי דאס געשעעט מיט די קנייפצהאַנגען פון א האמער, מיט די פיסלעך פון אַ קרעבס און מיטן ווידל פון אן עקדיש, בלויז מיט דעם אונטערשיד, וואס ביים מענטשלעכן פוס איז דער דאזיקער פראצעס פארגעקומען א סך געשווינדער. מיר שטייען אלזא פאר אַ נאטור־דערשיינונג, וואס איז אין א כלומרשטער סתירה צו די פיל אנדערע נאַטור־דערשיינונגען. די דאזיקע סתירה איז א רעזולטאַט פון אונזער אומוויסנקייט און ס׳איז קלאר, אז די פיזיאלאגיע פון די חיות דארף אויפסניי באארבעט ווערן, אדער בעסער געזאגט זי איז נאך אינגאנצן נישט געשאַפן געווארן.

„עס איז אינגאנצן פארביי העכער צוויי הונדערט יאָר, זינט מיר האָבן א באגריף וועגן דער בלוט־צירקולאַציע. ס׳איז אינגאנצן הונדערט יאָר, זינט מיר וויסן, וואָס דאס איז אזעלכעס אָטעמען”.

איך בין מודה, אז די דאָזיקע רייד וואלטן זיך אויסגעצייכנט מיט א שטרענגער אנטשלאסנקייט. דער געלערנטער טאָר זיך אבער נישט וואונדערן. לאמיר איבריקנס צוגעבן, אז קיינער פון זיי איז קיינמאָל נישט אויסגעשטעלט געוואָרן אויף אזא נסיון און ביז איצט איז נישטאָ וואס מורא צו האבן פאר אזא מין נסים.

די וואונדערבארע אויסהיילונגען, וואס זענען פעסטגעשטעלט געווארן דורך די דאקטוירים, זענען אלע אין הסכם מיט די געזעצן פון דער פיזיאלאגיע. ביזן היינטיקן טאג האבן די קברים פון הייליקע, די וואונדערבארע קוואלן און היילן געווירקט בלויז אויף אזעלכע קראנקע, וועלכע האבן געליטן אויף חולאתן, וואס עס איז מעגלעך געווען אויסצוהיילן, אדער אויף אזעלכע קרענק, וואו מ׳האט געקאנט פאראויסזעען א צייטווייליקע פארבעסערונג. ווען מיר וואלטן אפילו געזעען, ווי א מת שטייט אויף תחית־המתים, וואלט דער נס דערהיזן געווארן נאר דעמאלט, ווען מיר וואלטן געוווסט, וואס עס איז טויט און וואס עס איז לעבן, און דאס דאזיקע וועלן מיר קיינמאל נישט וויסן.

מ׳גיט אונז אזא דעפיניציע פון נס: די פארלייקענונג פון די נאטור-געזעצן. מיר קענען זיי אבער נישט, ווי אזוי זשע וואלטן מיר געקאנט וויסן, אז א געוויסע דערשיינונג איז סותר די נאטור-געזעצן?

— מיר קענען אבער געוויסע נאטור-געזעצן?

— יא, מיר האבן אויפגעכאפט געוויסע פארבינדונגען צווישן די דערשיינונגען. אזוי אבער, ווי מיר זענען נישט בכח צו באגרייפן אלע נאטור-געזעצן, קענען מיר קיין איינס נישט אויפפאסן, ווארים זיי אלע זענען אינערלעך צווישן זיך פאר-בונדן.

— פונדעסטוועגן וואלטן מיר נאך געקאנט פעסטשטעלן אַ נס אין די קאַוזאַליטעט-גרופן, וואס מיר זענען שוין ביז איצט יא אימשטאנד געווען אויפצופאסן.

— מיר וואלטן דאס נישט געקאנט טון מיט א פילאזאָ-פישער זיכערקייט. איבריקנס, די קאַוזאַליטעט-גרופן, וואס קומען אונז פאר געבוי פעסטגעשטעלט און אויסגעפארשט, זענען כמעט נישט אונטערגעווארפן דער ווירקונג פון נסים. דער נס נעמט למשל גאָרנישט אונטער קעגן דער הימלישער מעכאניק. ער האט נישט די מינדעסטע השפעה אויפן גאנג פון די שטערן, און ס׳האט זיך נאך קיינמאל נישט געטראפן, ער זאל צוציילן אדער פאַרשפעטיקן דעם טערמין פון אַ ליקוי-חמה, וואָס איז באַרעכנט געוואָרן דורך די אסטראָנאמען, דערפאַר אָבער קומט דער נס זייער גערן פאָר אין די פינצטערנישן פון דער אינער-לעכער פאַטאלאָגיע און באַזונדערס טרעט ער ארויס אין נערוון-קראַנקהייטן. לאָמיר אבער נישט צונויפמישן די פראַגע פון דערשיינונגען מיט דער פראַגע פון פרינציפן.

אין פרינציפ איז דער געלערנטער נישט בכוח פעסטצו-שטעלן אן איבערנאטירלעכע דערשיינונג. אזאַ פעסטשטעלונג וואָלט מעגלעך געווען בלויז דעמאָלט, ווען ער וואלט געהאט אן אַבסאָלוטע און פולשטענדיקע קענטניש פון די נאטור-גע-זעצן. ער באזיצט אבער נישט די דאָזיקע קענטניש, ער וועט קיינמאָל נישט דערגרייכן צו אזא שטופע, ווארים קיין שום

מענטש אויף דער וועלט איז עס נישט אימשטאַנד געווען צו דערגרייכן. אויב עס האנדלט זיך וועגן א וואונדער־באַרער אויסהיילונג פון א בליגדן, וואלט איך נישט געגלויבט אפילו דעם פעיקסטן פון אנזערע אויגן־דאָקטוירים, ווי כ׳וואָלט נישט געהאט דעם מינדעסטן גרונט צו גלויבן דעם הייליקן מתתיה און דעם הייליקן מאַרק, וואס זענען נישט געווען קיין אויגן־דאקטוירים. דער נס איז לויט זיין אייגענער דעפיניציע נישט דערלאָזבאר און ער לאזט זיך בשום אופן נישט דער־קענען.

די געלערנטע קענען אין קיין שום פאל נישט באשטע־טיקן, אז א געוויסער פאקט איז אין א סתירה צו דער אוני־ווערסאלער אָרדנונג, דאס הייסט צו דעם געזעלצכן אומבאקאנטן. אפילו גאט אליין וואָלט עס אויך נישט אימשטאנד געווען צו טון, אפשר בלויז אין דעם פאל, ווען ער וואָלט פעסטגעשטעלט א פונאנדערגרענעצונג צווישן די אלגעמיינע און באזונדערע אויסשטראלונגען פון זיין טעטיקייט, ווען ער וואלט מודה גע־ווען, אז ער מוז פון צייט צו צייט דורכפירן געוויסע פאריב־טונגען אין זיין ווערק, און ווען ער וואלט קענען זיין ווילן זיך מודה געווען, אז די דאָזיקע שווערע, אומגעלומפערטע מאשין, וואס ער האט אויפגעבויט, גוויטיקט זיך יעדע רגע אין דער פעסטער האנט פון איר באשעפער, כדי זי זאל כאָטש ווי עס איז זיך קענען באוועגן.

פאַרקערט, די וויסנשאַפט איז בכוח אריינצונעמען אינם סכום פון פאָזיטיווע פאקטן, די אלע דערשיינונגען, וואס בייגן זיך עטוואס אָפּ פון איר אין א צייט.

פון צייט צו צייט געלינגט איר מיט דער הילף פון די געזעצן פון דער פיזיק, אויסצוטייטשן געוויסע דערשיינונגען, וואָס מ׳האט א לאנגע צייט געהאלטן פאר וואונדערבאַר.

מ׳האט למשל פעסטגעשטעלט די אויסהיילונג פון פאַרא־ליטיקער אויפן קבר פון דיאַקאן פארי און אויף אנדערע היי־ליקע ערטער. די דאָזיקע פאקטן פארחידושן אונז נישט מער,

זינט מיר ווייסן, אז די היסטאָריע מאַכט כּסדר שטאַרקער דעם איינ-דרוק פון אַ פּאַראַליזש פון רוקן-מאַרך.

דער בייער שטערן, וואָס האָט זיך באַוויזן פאַר די אויגן פון די געהיימנישפולע פּערזאָנען, — אין דער עוואַנגעליע ווערן זיי אָנגערופן מאַגן *), — (לאָמיר אפילו אָננעמען, אַז דאָס דאָזיקע איז היסטאָריש פעסטגעשטעלט), איז געווען אַ נס אין די אויגן פון די מיטלאַלטער-אַסטראָלאָגן, וואָס האָבן גע-גלויבט, אַז דער הימלישער פירמאַמענט, צוגענאָגלט מיט שטערן, קאָן אויף קיין פאַל נישט געענדערט ווערן. אַלץ איינס אָבער, צי דער שטערן פון די מאַגן איז געווען רעאַל אָדער פיקטיוו, איז ער אָבער אין אונזערע אויגן לחלוטין נישט וווּנדערבאַר, ווײַל מיר ווייסן דאָך, אַז אויפן הימל ווערן גאַנצע וועלטן אומאויפהערלעך געבוירן און פאַרשוווּנדן. מיר האָבן דאָך געזען אין יאָר 1866, ווי אין צפון-טייל פון הימל האָט אויפגעפלאַמט אַ שטערן, ווי ער האָט געפלאַקערט אין משך פון אַ גאַנצן חודש און איז דערנאָך אויסגעלאָשן געוואָרן.

דער דאָזיקער שטערן האָט לחלוטין נישט אָנגעזאָגט דאָס אָנ-קומען פון משיחן; ער האָט בלויז עדות געזאָגט, אַז ערגעץ-וווּ אינעם אין-סוף פון הימלישן חלל האָט אַ מוראדיקע שׂרפה געמאַכט אַ תל פון אַ גאַנצער וועלט אין משך פון אייניקע טעג, אָדער ריכטיקער וועט זיין, ווען מיר וועלן זאָגן, אַז די קאַטאַסטראָפע איז שוין לאַנג פאָרגעקומען, ווײַל דער שטראַל, וואָס האָט אונז געבראַכט די ידיעה וועגן דער שרעק-לעכער הימל-קאַטאַסטראָפע, איז געווען אין וועג גאַנצע פינף הונדערט יאָר, און אפשר נאָך לענגער.

עס איז באַקאַנט דער נס אין באָלסענע, וואָס איז פאַר-אייביקט געוואָרן אין ראַפאַעלס אַ סטאַנזע. אַן אומגלויביקער גלח האָט אָפּגעריכט די מעסע; בעת ער האָט איבערגעבראָכן די האָסטיע צו דער קאָמוניע, האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זי איז געווען באַגאָסן מיט בלוט. נאָך מיט צען יאָר צוריק האָבן

*) מאַג — באַדייט דאָס זעלבע, וואָס מכשף. (באַמ. פ. איבערז.)

די אַקאַדעמיעס געהאַט גרויסע שוועריקייטן ביים אויסטייטשן די דאָזיקע אויסטערלישע דערשיינונג. קיינעם וועט אפילו נישט איינפאַלן אָפּצולייקענען דאָס דאָזיקע, זינט דער אַנטדעקונג פון אַ מיקראָסקאָפּיש-קליין שוועמעלע, וואָס זיינע קאָלאָניעס, געהאָדעוועט אין מעל אָדער אין טייג, זעען אויס ווי פאַרגליווערט בלוט.

דער געלערנטער, וואָס האָט דאָס אַנטדעקט, האָט ריכטיק אָנגענומען, אַז דערפון האָבן זיך גענומען די רויטע פלעקן פון דער באָלסען-האָסטיע, און ער האָט אָנגערופן דאָס שוועמל „Micrococcus prodigiosus“

אַלעמאָל וועט זיין אַ שוועמל, אַ שטערן, אָדער אַ חולאת, וואָס די מענטשלעכע וויסנשאַפט וועט זיי נישט באַגרייפן, און טאַקע דערפאַר וועט מען אין נאָמען פון דער אייביקער עם-הארצות אַלעמאָל דאַרפן פאַרלייקענען יעטווועדן נס און וועגן די גרעסטע נסים, ווי די האָסטיע פון באָלסענע, דער שטערן פון די מאַגן, אָדער די אויסהיילונג פון פאַראַליטיקער, וועט מען דאַרפן זאָגן:

— דאָס איז נישט בנמצא, אָדער עס איז יאָ בנמצא, און אויב עס עקזיסטירט טאַקע, קומט עס פאָר אין די גרענעצן פון דער נאַטור, און דעריבער איז עס נאַטירלעך.

# דער קאָרטן־פּאַלאַץ.

דער פּאַקט, אז מ׳קאָן אלץ באווייזן מיט דער הילף פון שכל צווינגט צו זיין זייער פּאָרזיכטיק אויפן געביט פון דער עסטעטיק. זענען פון עלעאס האָט אויפגעוויזן, אז אַ פייל וואָס פליט איז אומבאַוועגלעך. מ׳וואלט אויפן זעלבן אופן געקאָנט באַווייזן פונקט דעם הפוך. הגם דעם אמת זאגנדיק וואלט דאס שוין געווען אסך שווערער. בעת אַ זאַך איז זעלבסטפארשטענדלעך איז דער שכל איבריק, און מ׳קאָן זאָגן, אז אלץ קאן מען אויפווייזן, חוץ דעם, וואס מיר פילן פאר נאטירלעך.

דער פאקט, אז מ׳קאן זיך פלפולען וויפיל מען וויל אין א קאמפליצירטן ענין, באווייזט בלויז, אז דער מוח, וואס האט עס געטון איז דערפאָרן. די מענטשן מוזן באמת אין א געוויסער מאס האבן דעם פאָרגעפיל פון דעם גרויסן אמת, בפרט ווען זיי האנדלען נישט קיינמאל לויטן פארשטאנד. זיי ווערן געפירט פונם אינסטינקט און געפיל. זיי גיבן זיך אונטער זייערע ליידנשאפטן, דער ליבע, שנאה און קודם־כל דער אויסלייזנדיקער שרעק.

זיי ציט מער צו רעליגיע, ווי צו פילאזאפיע, און אויב זיי נעמען צו הילף דעם שכל, איז עס נאר מיטן צוועק צו בארעכטיקן אין זייערע אייגענע אויגן זייערע שלעכטע נייגונגען און שלעכטע מעשים. דאס איז אפשר לעכערלעך, מ׳קאן עס אבער מוחל זיין.

בכלל גיט זיך זיי איין צום בעסטן אין די אינסטינקטיווסטע האנדלונגען, און אויף זיי טאקע האט די נאטור פארפעסטיקט דעם קיום המין און זיין אייביקייט. די פילאזאפישע סיסטעמען האבן צו פארדאנקען זייער דערפאלג נאר דער גאונות פון זייערע באשעפער. מ׳וועט אבער קיינמאל נישט באַגעגענען אין קיינעם פון זיי די סמנים פון אמת, וואָס זאלן אים דערהויבן איבער אַן אַנדערן סיסטעם. אין דער מאָראַל זענען אַלע אָנשוויונגען באַגרינדעט, און אויב אסך פון זיי קומען צווישן זיך צו אַ הסכם, נעמט עס זיך דערפון, וואָס די מאראליסטן האָבן מערסטנטייל זיך באַמיט צו לעבן בשלום מיט די ווולגארע געפילן און אלגעמיינע אינסטינקטן.

אויב זיי וואָלטן געהאנדלט לויטן ריינעם שכל וואלטן זיי אויף פאַרשידענע וועגן צוגעקומען צו די משונהדיקסטע רעזולטאטן, ווי מ׳זעט דאָס למשל ביי געוויסע רעליגיעזע סעקטעס, וואָס זייערע גרינדער האָבן זיך אָפגעזונדערט פון דער וועלט און פון די מענטשן, און מיט ביטול זיך באַצויגן צו דער נישט געקינצלטער מענטשלעכער הסכמה. משמעות, יענע געלערנטע אָנהענגערין פון קינס סעקטע, האט גאנץ לאגיש געדענקט, פאר וואס זי האט געהאלטן די יצירה פאר דורך און דורך שלעכט! זי האט געהייסן אירע תלמידים באַליידיקן די פיזישע און מאָראַלע געזעצן פון דער וועלט און נאָכטון דעם ביישפיל פון די פארברעכער, ווי קין און יהודה איש-קריות. זי האט לאָגיש געדענקט און טאקע דערפאַר איז איר מאראל געווען א שרעקלעכע. אלע רעליגיעס אַנטהאלטן אין זיך דעם אויסלייזנדיקן און הייליקן אמת, אז דער מענטש האט א בעסערן און זיכערערן וועג-פירער פון שכל, און ער דארף זיך אלעמאָל צוהערן צו דער שטים פון זיין האַרץ.

אין דער עסטעטיק, דאָס הייסט אין די וואָלקנדיקע ספערן, קאָן מען זיך חקרענען מער און בעסער, ווי אין יעטוועדן אַנדערן געביט. דווקא אויף דעם געביט דאַרף מען יך צו יעדער זאַך באַציען מיט אַ סך אומצוטרוי. דאָ מוז

מען פאַר אַלץ מורא האָבן: פאַר דער גלייכגילטיקייט, ווי פאַר דער ליידנשאַפטלעכקייט, פאַרן וויסן, ווי פאַר דער עם־הארצות, פאַר דער קונסט, גייסטיקייט, סובטילקייט און פאַר דער אומשולד, וואָס איז אַ סך געפערלעכער, ווי דורכגעטריבנקייט.

אין ענינים פון עסטעטיק דאַרפסטו מורא האָבן פאַר סאָפיזמאַטן, באַזונדערס דעמאָלט, ווען זיי וועלן צוציען דאָס אויג מיט זייער שיינקייט, און צווישן זיי זענען פאַראַן אַ סך, וואָס זייער שיינקייט איז באמת ווערט באַוווּנדערט צו ווערן. זאָלסט זיי נישט גלייבן, אפילו ווען זיי ווערן ארויסגעזאָגט דורך אַ מאַטעמאַטישן גייסט, וואָס איז גלענצנד און דערהויבן און דאָך אַזוי דעליקאַט, אַז דער גאַנצער מעכאַניזם איז פעיק צו פונקציאָנירן נאָר אין אַ פוסטן חלל, און ס'איז גענוג דאָס מינדעסטע קערנדל זאַמד, ער זאָל קאַליע ווערן. אַ שוידער כאַפּט ארום, בעת מ'פאַרטראַכט זיך, ווי ווייט אַזאַ זאַמד־קערנדל קאָן פאַרפלאָנטערן אַ מאַטעמאַטישן גייסט. גיט נאָר אַ טראַכט וועגן פּאַסקאַלן.

די עסטעטיק שטיצט זיך נישט אויף קיין פעסטן באָדן. דאָס איז אַ לופט־שלאָס. זי שטיצט זיך כלומרשט אויף דער עטיק. ס'איז אָבער נישט פאַראַן קיין עטיק. ס'איז נישט פאַראַן קיין סאָציאָלאָגיע, ס'איז אויך נישט פאַראַן קיין ביאָלאָגיע. די קלאַסיפיקאַציע פון די וויסנשאַפטן האָט עקזיסטירט בלויז אין קאָפּ פון אויגוסט קאָנט, וואָס זיין ווערק איז נביאות.

אַז די ביאָלאָגיע וועט זיך קאָנסטיטוּירן אַלס וויסנשאַפט, דאָס הייסט אין עטלעכע מיליאָן יאָר אַרום, וועט מען דעמאָלט אפשר קענען אויפבויען א וויסנשאַפטלעכן סיסטעם פון סאציאָלאגיע. ביז דאס וועט געשעען וועלן נאָך פאַרביי אַ סך הונדערטער יארן; ערשט דעמאלט וועט מען קענען שאפן א וויסנשאפטלעכע עסטעטיק אויף סאלידע יסודות. אין יענער צייט וועט אבער אונזער פלאנעט זיין גאר אלט און ער וועט דערגרייכן דעם סוף פון זיינע יארן. די זון, וואס אירע

פלעקן באַזמרויקן אונז מיט רעכט, וועט באַווייזן דער ערד א טונקל-רויט פּנים, באַדעקט ביז צו דער העלפט מיט סאַדזע. און די לעצטע מענטשן, פאַרגראָבן ערגעץ טיף אין אונטער-ערדישע היילן, וועלן נישט האָבן קיין קאָפּ אויף צו פאַרנע-מען זיך מיטן תמצית פון שיינקייט און וועלן מוזן אונטער-האַלטן אין די פינצטערנישן די רעשטלעך פון אפשטאַרבנדיקן פייער, איידער זיי וועלן איינגעשלונגען ווערן פון די אַרומיקע אייז-בערג.

כדי צו שאַפן די יסודות פון דער קריטיק רעדט מען וועגן דער טראַדיציע און דער אַלגעמיינער אָנערקענונג. אַזעל-כע איז אָבער נישט בנמצא. אמת איז, אַז די כמעט אַלגע-מיינע מיינונג פאַוואָריזירט און טיילט אויס געוויסע ווערק. דאָס קומט אָבער פאַר אַ דאַנק אַ פאַראורטייל, און אויף קיין שום פאַל נישט אַ דאַנק אַ געוויסן אויסוואַל אָדער אַ ספּאָנטאַ-נישער אָנערקענונג. די ווערק, וואָס ווערן פון אַלעמען באַ-וווּנדערט, ווערן פון קיינעם נישט אַנאַליזירט. מ'נעמט זיי אויף, ווי אַ ווערטפּולע משא, וואָס מ'גיט איבער צו אַנדערע, נישט אומקוקנדיק זיך צומאָל אויף איר.

צי גלויבסט איר באמת, אַז די אָנערקענונג פון די גרי-כישע, לאַטייניש און אפילו פון די פראַנצויזישע קלאַסיקער איז פריי פון יעטוועדן פאַראורטייל? צי האַלט איר אַז דער געשמאַק, וואָס הייסט אונז אויסקלויבן איין ווערק און אַן אַנדערס אָוועקמאַכן מיט דער האַנט, איז פריי און אומאָפּהענ-גיק? צי איז ער פון פאָראויס נישט באַשטימט און אָנגעוואָרפן דורך אַ ריי סבות, וואָס האָבן גאָרנישט קיין שייכות מיטן אינהאַלט פון ווערק, און די וויכטיקסטע פון זיי איז דער נאָכמאַכונג-אינסטינקט, אַזוי מעכטיק סיי ביים מענטש, סיי ביי דער חיה? דער דאָזיקער אינסטינקט איז אונז נויטיק, כדי מיר זאָלן אין לעבן נישט דאַרפן אַזוי פיל צו בלאָנזשען; ער איז בנמצא אין אונזער יעטוועדער האַנדלונג און ער באַ-הערשט אונזער עסטעטישן חוש. אָן דעם דאָזיקן אינסטינקט

וואָלטן אונזערע אנשויוּנגען אויפן געביט פון קונסט געווען א סך פאַרשידנאַרטיקער, ווי זיי זענען ביז איצט.

אַ ווערק, וואָס האָט צוליב וואָס פאַראַ סבה עס זאָל נישט זיין, געהאט לכתחלה קוים אייניקע פאַרערער, באקומט מיט דער צייט גאר אַ גרויסע צאָל אָנהענגער. בלויז די ערשטע שטימען זענען פריי; אַלע איבריקע זענען נאָר געהאכזאם צו די ערשטע פאַרערער. זיי פארמאגן נישט, נישט קיין אויסברוך-קראַפט, נישט קיין ווערט, וואגיקייט און כאראקטער. בלויז זייער צאָל דעצידירט וועגן רום.

אלץ איז אפהענגיק פון א גאנץ נישטיקער התחלה. מ׳זעט למשל, ווי ווערק, וואס מ׳האט זיי אויפגענומען מיט פאראכ-טונג אין זייער געבוירן-טאג, האבן זייער וויניק שאנסן אמאל געפעלן צו ווערן, און פארקערט, ס׳זענען פאראן ווערק, וואס זענען באלד פון אנהייב אן בארימט געווארן און פארבאהאלטן זייער שם גאר א לאנגע צייט, אפילו דעמאלט, בעת מ׳הייבט זיי שוין גארנישט אן צו פארשטיין. אז אלגעמיינע אנערקענונג איז א פשוטער רעזולטאט פון א פאראורטייל, באווייזט צום בעסטן דער פאקט, אז די ווערט פארשווונדן צוזאמען מיטן פאראורטייל. מ׳וואלט געקענט ברענגען א סך ענלעכע ביישפילן. איך וועל בלויז ברענגען איינעם.

מיט קנאפע פופצן יאר צוריק האבן די מיליטערישע עקזאמינאטארן אויף אן עקזאמען פאר פרייוויליקע קאנדי-דאטן אויפן אייניעריקן מיליטערישן קורס, אויפגעגעבן אלס דיקטאט א געוויסע שטעלע, און דערביי נישט אנגעגעבן דעם נאמען פון מחבר; דער דאזיקער ציטאט, פארעפנטלעכט אין אַ ריי צייטונגען איז א לאנגע צייט געווען אַ דאנקבארע טעמע פאר פארשידענע לצים אין ארויסגערופן א פריילעכקייט צווישן די אינטעליגענטערע לעזער.

— פון וואנען, — האט מען געפרעגט, — האבן די מי-ליטערישע עקזאמינאטארן אויסגעזוכט אזעלכע משונהדיקע און לעכערלעכע פראזן?

און פונדעסטוועגן האָבן זיי דעם ציטאַט ארויסגענומען פון גאָר אַ שיין בוך. דאָס איז געווען אַ ציטאַט פון מישלע, און גראָד פון זיין בעסט ווערק. די הערן אָפיצירן האָבן אויסגעקליבן אלס טעקסט פאר זייער דיקטאַט יענע גלענצנדע שילדערונג פון פראנקרייך, וואָס דער גרויסער שריפטשטעלער פארענדיקט מיט איר דעם ערשטן באַנד פון זיין געשיכטע. דער דאָזיקער ציטאַט געהערט דווקא צו די אָנגעזעענסטע פון ווערק.

„אין דער ברייט צייכנען זיך אויס די גרענעצן פון פראנקרייך מיט זייערע גרויסע רייכטימער. אויפן צפון ליגן די פעטע און פרוכטבארע טאלן פון בעלגיע און פלאַנדריע, דורכגעשניטן מיט פעלדער, פאַרזייט מיט פלאַקס, ריבן, האָפּן און ביטערן וויין א. א. וו. א. א. וו.

כ׳האָב געזעען, ווי ליטעראַטור-מבינים האָבן חוזק גע-מאַכט פון דאָזיקן סטיל און געגלויבט, אַז דאָס איז דער סטיל פון אַן אַלטן קאַפּיטאַן. דער חוזק-מאַכער, וואָס האָט צום שטאַרקסטן אָפּגעלאַכט, איז דווקא געווען אַ גרויסער אָנהענגער פון מישלע. די ציטירטע שטעלע איז באמת וואונדערבאַר, נאָר כדי זי זאָל איינשטימיק באוואונדערט ווערן, דארף מען זי בלויז חתמענען. דאָס זעלבע געשעעט מיט יעדן זייטל, וואָס איז אנגעשריבן געוואָרן דורך א מענטש.

דערפאר ווערט מען בלינד נתפעל פון דעם, וואָס אַ גרוי-סער מענטש רעקאָמענדירט. וויקטאָר קוזען האָט געפונען ביי פּאַסקאַלן דערהויבענע געדאַנקען, וואָס האָבן אין דער אמתן זיך ארויסגעוויזן אַלס פעלערן פון דעם איבערשרייבער. ער פלעגט למשל נתפעל ווערן פון געוויסע „אַפּגרונט-טיפע פאַר-קירצונגען", אַ רעזולטאַט פון נאַכלעסיקער און שלעכטער לעק-טור. מ׳קאָן זיך בשום אופן נישט פאָרשטעלן, אַז וויקטאָר קוזען זאָל נתפעל ווערן פון „אַפּגרונט-טיפע פאַרקירצונגען" ביי אַ שרייבער פון זיין צייט. אַ ווערק פון אַ געוויסן ווערט ליקאַ איז גינסטיק אָנגענומען געוואָרן דורך דער פראַנצויזישער אקאַ-

דעמיע אונטער די נעמען פון פאַסקאַל און דעקאַרט. אַסיאַגען האט מען געשטעלט אין איין ריי מיט האָמערן, בעת מ׳האָט געגלויבט, אַז ער האָט געלעבט מיט עטלעכע הונדערט יאָר צוריק. מ׳באַציט זיך צו אים מיט ביטול, זינט מען ווייס, אַז ער איז נישט קיין אנדערער, ווי מאַק-פערסאָן.

בעת מענטשן באַזונדערן געמיינזאַם איין און די זעלבע זאַך, און יעדער גיט איר צו אויף זיין שטייגער אַ באַזונדערן פשט, דעמאָלט ווערט די איינשטימיקייט פאַרוואַנדלט אין אַ מחלוקה. אין איין און דעם זעלבן בוך ווערן געלויבט צוויי סתירהדיקע זאַכן, וואָס קענען נישט צונויפגעפּאָרט ווערן אין איינעם.

ס׳וואָלט געווען באמת זייער אַן אינטערעסאַנטע אַרבעט אָנצושרייבן די געשיכטע, ווי אַזוי עס האָט זיך געענדערט די קריטיק פון אַ ווערק, וואָס די מענטשהייט האָט זיך דערמיט זייער שטאַרק באַשעפטיקט, ווי למשל: „האַמלעט", „די געט-לעכע קאָמעדיע" אָדער „איליאַס". ביים היינטיקן טאָג אַנטציקט אונז „איליאַס" מיט איר באַרבאַרישן און פּרימיטיוון כאַראַקטער, וואָס מיר ווילן דווקא אין איר געפינען.

אין זיבצנטן יאָרהונדערט האָט מען געלויבט האָמערן, דערפאַר וואָס ער האָט זיך גענוי געהאַלטן לויט די כללים פון אַן עפּאָפּיי.

— זייט זיכער, —פלעגט בואַלאָ*) זאָגן,—אַז אויב האָמער האָט באַנוצט דאָס וואָרט הונט, איז עס דערפאַר, וואָס דאָס דאָזיקע וואָרט קלינגט איידל אין דער גריכישער שפּראַך.

אַזעלכע אָנשויונגען קומען אונז פאַר לעכערלעך. ס׳קאָן אויך זיין, אַז אין צוויי הונדערט יאָר אַרום וועלן אפשר אונ-זערע אָנשויונגען אויך אויסגעלאַכט ווערן, וואָרים סוף כל סוף קאָן מען דאָך נישט פאַררעכענען אַלס אייביקן אמת אַזאַ מיי-נונג, אַז האָמער איז געווען אַ באַרבאַר און אַז דער באַרבאַ-

---

*) בואַלאָ — פראַנצויזישער דיכטער און ליטעראַטור-קרי-טיקער, געלעבט אין זיבצנטן יאָרהונדערט. (באַמ. פ. איבערזעצער)

ריזם פארדינט, מ׳זאָל זיך מיט אים אנטציקן. אויפן געביט פון ליטעראטור איז נישט פאראן קיין איין אָנשויונג, וואָס מ׳וואָלט זי נישט געקאָנט באקעמפן מיט א פולשטענדיק פארקערטער מיינונג. ווער וועט דען אימשטאנד זיין צו מאכן א סוף צו די אמפערנישן פון די פלייט-שפּילער?

צי דארף מען דעריבער זיך מער נישט פארנעמען מיט עסטעטיק און קריטיק? דאָס וויל איך נישט זאָגן. מ׳דארף אָבער וויסן, אז זיי זענען קונסט, און מ׳דארף ארייגלייגן אין זיי א סך ליידנשאפט און ליבע, וואָרים אָן זיי איז קיין קונסט נישט פאראן.

## די עלײזייער פעלדער

(װעגן דער אומשטערבלעכקייט פון דער נשמה).

איך בין מיטאמאָל איבערגעטראָגן געװאָרן אין אן אומ-געהייערן חושך, װוּ עס האָבן זיך ארומגעשלייכט אומבאקאנטע געשטאלטן, װאָס האָבן מיך דורכגענומען מיט פחד. ביסלעכווייז האָבן זיך אָבער מײנע אויגן צוגעװוינט צו דער ארומיקער פינצטערניש און איך האָב אונטערגעשיידט ביים ברעג פון א טייך, װאָס זײנע װאסערן האָבן שװער און מרה-שחורהדיק גע-פלאָסן, דעם מוראדיקן שאטן פון א מענטש, אנגעטון אין אן אזיאטיש היטל, מיט א רודער אויף די פלייצעס.

איך האב דערקענט דעם דורכגעטריבענעם אוליסעס. פון זײנע אפגעצערטע באקן איז אראפגעהאנגען אן אפגעקראכענע בארד. כ'האב געהערט, װי ער האט געקרעכצט מיט א פאר-לאשענער שטים:

— כ'בין הונגעריק. מײנע אויגן זענען שוין אפגעשװאכט און מײן נשמה איז געגליכן צו א שװערן זייל רויך, װאס בלאנזשעט ארום אין די פינצטערנישן. װער װעט מיר געבן צו טרינקען שװארץ בלוט, אז איך זאל װידער זײן אימשטאנד זיך צו דערמאנען מײנע רויט-געפארבטע שיפן, מײן געטריי װייב און מײן מאמע?

אז איך האב דערהערט די דאזיקע רייד, האב איך פאר-

שטאנען, אז איך בין איבערגעטראגן געווארן אין גהינום אריין. כ׳האב מיך באמיט צו געפינען א וועג אין די פינצטערנישן און זיך געלאזט גיין לויט די באשרייבונגען פון די דיכטער; איך בין ארויף אויף א לאנקע, וווּ ס׳האט זיך געמיניעט א שוואכע, מילדע ליכטיקייט. נאך א האלבער שעה גאנג, האב איך באגעגנט אויף א פעלד פון אספאדעלן-גראז פארזאמלטע שאטנס, וואס האָבן געשמועסט צווישן זיך.

עס זענען דארט געווען פארזאמלט נשמות פון אלע צייטן און אלע לענדער. און איך האב צווישן זיי דערקענט גרויסע פילאזאפן, אויסגעמישט מיט פשוטע, ווילדע מענטשן. באהאלטן אינם שאטן פון א מירטן-בוים, האב איך מיך צוגעהערט צו זייער שמועס. לכתחלה דאב איך געהערט, ווי פיראן מיטן מילדן פנים, די הענט אנגעשפארט אויף זיין שפאדל, ענלעך צו א גוט-מוטיקן גערטנער, האט א פרעג געטון:

— וואָס איז דאָס אַזעלכעס נשמה?

די שאָטנס, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט האָבן געענטפערט כמעט אלע צוזאַמען.

דער געלערטער פּלאַטאָן האָט זיך אויסגעדריקט אויף אַן איידעלן אופן:

— די נשמה איז דרייפאַכיק. מיר פאַרמאָגן זייער אַ מגושמדיקע נשמה אין בויך, אַ חושימדיקע נשמה אין דער ברוסט און אַ שכלדיקע נשמה אין קאָפּ. די נשמה איז אומשטערבלעך, די פרויען האָבן נישט מער, ווי צוויי נשמות, ס׳פעלט זיי די שכלדיקע נשמה.

אים האָט געענטפערט איינער פון די גלחים, וואָס האָבן אַנטיילגענומען אין סינאָד אין מאַקאָן:

— פּלאַטאָן, איר רעדט, ווי אַ געצנדינער. דער סינאָד פון מאַקאָן האָט אין יאָר 585 מיט אַ מערהייט שטימען אָנערקענט, אַז די פרוי האָט יאָ אַן אומשטערבלעכע נשמה. די פרוי איז איבריקנס אַ מענטש, וואָרים ישו הנוצרי, געבוירן פון אַ יונגפרוי, ווערט אָנגערופן אין דער עוואַנגעליע: בן-אלהים.

אַריסטאָטעלעס האָט אַ הויב געטון מיט די פלייצעס און

געענטפערט פלאַטאָנען מיט אַ שטים, אין וועלכער עס האָט גע־קלונגען אַ רעספּעקטפולע אַנטשלאָסנקייט:

— וואָס שייך מיר, אָ פלאַטאָן, האַלט איך, אַז דער מענטש און די חיות פאַרמאָגן גאַנצע פינף נשמות; 1) אַ דערנערנדיקע, 2) אַן עמפּפינדלעכע, 3) אַ ווירקנדיקע, 4) אַ באַגערנדיקע און 5) א שכלדיקע. די נשמה איז די פאָרם פון קערפּער. שטאַרבט די נשמה, ווערט צוזאַמען מיט איר אויך אַ תל פונם קערפּער.

איין מיינונג האָט סותר געווען דעם אנדערנס מיינונג.

## אָריגענעס

די נשמה איז מאַטעריעל און פורעמדיק.

## דער הייליקער אויגוסטין

די נשמה איז אומקערפּערלעך און אומשטערבלעך.

## העגעל

די נשמה איז אַ וואַרשיינלעכער פענאָמען.

## שאָפּענהויער

די נשמה איז אַ צייטווייליקע דערשיינונג פון ווילן.

## אַ פּאָליציאַנער

די נשמה איז אַן אָטעם, און בעת כ'האָב דערפילט, ווי כ'לאָז ארויס מיין לעצטן אָטעם, האָב איך מיר פאַרשטאָפּט די נאָזלעכער כדי צו פאַרהאַלטן מיין נשמה אין קערפּער. איך האָב אָבער נישט געהאַט קיין כוח פעסט צוצודריקן. און איך בין געשטאָרבן.

## אַ פלאָרידיאַנערין

איך בין געשטאָרבן אין קינפּעט. מ'האָב אַרויפגעלייגט אויף מיינע ליפּן דאָס הענטל פון מיין קליין נפהלע, כדי עס

װאָל פֿאַרהאַלטן דעם לעצטן הויך פֿון זײַן מאַמע. ס׳איז שוין אָבער געװען צו שפּעט. מײַן נשמה האָט זיך אַרויסגעגליטשט צװישן די פֿינגער פֿון מײַן אָרעם, אומשולדיק קינד.

## דעקאַרט

איך האָב קלאָר באַװיזן, אַז די נשמה איז אַ רוחניות. אויב מ׳װיל װיסן, װאָס עס געשעעט מיט איר, פֿאַררוף איך מיך אויף ה׳ דיגבי, װאָס האָט װעגן דעם אָנגעשריבן אַ ספּעציעלע אָפּהאַנדלונג.

## לאַמעטרי

װוּ איז ער, דער ה׳ דיגבי? זאָל מען אים אַ הער־ברענגען!

## מינאָס

מײַנע הערן, איך הייס אים שוין אויסזוכן איבערן גאַנצן גיהינום.

## אַלבערט דער גרויסער

ס׳זענען פֿאַראַן דרײַסיק ראיות קעגן דער אומשטערב־לעכקייט פֿון דער נשמה און זעקס און דרײַסיק פֿאַר, אויף אַזאַ אופֿן איז פֿאַראַן אַ מערהייט פֿון זעקס אַרגומענטן פֿאַר דער אומשטערבלעכקייט פֿון דער נשמה.

## אַן אינדיאַנער

דער גייסט פֿון העלדישן פֿירער שטאַרבט נישט קיינמאָל, װי אויך נישט זײַן האַק און פֿײַפֿקע.

## משה מימון

ס׳שטייט געשריבן אין דער תורה: „דער שלעכטער װעט פֿאַרטיליקט װערן און ס׳װעט פֿון אים נישט בלײַבן קיין שריד ופליט״.

## דער הייליקער אויגוסטין

איר האָט אַ טעות, ר׳ מימון. ס׳שטייט געשריבן: „די פארשאָלטענע וועלן זיך בראָטן אין אייביקן גיהינום־פייער".

## אָריגיענעס

יאָ, ר׳ משה מימון איז זיך טועה, דער שלעכטער וועט נישט ווערן פארטיליקט, ער וועט בלויז פארמינערט ווערן; ער וועט ווערן גאָר קליין און מ׳וועט אים קוים אָנזעען. אָט וואָס ס׳דערוואַרט די פאַרמשפּטטע רשעים. און די הייליקע נשמות וועלן זוכה זיין צו פאַרטיפן זיך אין גאָט.

## זשאַן סקאָט

דורכן טויט קערן זיך אום די עקזיסטענצן צו גאָט, פונקט ווי אַ קלאַנג, וואָס פארלירט זיך אין דער לופטן.

## באָסועּ

אָריגענעס און זשאַן סקאָט באַנוצן זיך מיט אויסדריקן, וואָס זענען דורכגעדרונגען מיטן סם פון אפיקורסות. דאָס וואָס ס׳ווערט געזאָגט אין די הייליקע ספרים וועגן די יסורים אין גיהינום, דאַרף פאַרשטאַנען ווערן אין אַ געגויעצן און בוכשטעבלעכן זין. שטענדיק לעבעדיק און שטענדיק שטאַרבנדיק, אומשטערבלעך פאר זייער אייגענער רעה, צו שטאַרק, כדי צו שטאַרבן, און צו שוואַך כדי זיך צוגעוויינען צו די יסורים, — וועלן די רשעים אייביק קרעכצן אויף זייער פייערדיק געלע־גער און געמאַטערט ווערן פון שרעקלעכע און אומהיילבאַרע יסורים.

## דער הייליקער אויגוסטין

יאָ, די דאָזיקע אמתן דאַרפן פארשטאַנען ווערן אין בוכשטעבלעכן זין. דווקא דער גוף פון די רשעים וועט ליידן

אייביקע יסורים. אַפילו קינדער, וואָס זענען געשטאָרבן אַ טאָג פון זייער געבוירן ווערן אָדער אין דער מאַמעס בויך, וועלן אויך נישט אויסגעשלאָסן ווערן פון די דאָזיקע ליידן. אַזוי וויל די געטלעכע גערעכטיקייט. אויב ס'איז שווער צו גלויבן, אַז דער קערפּער ווערט קיינמאָל נישט פאַרצערט פון די פלאַמען, איז עס בלויז אַ פועל־יוצא פון עם־הארצות, וואָרים מ'ווייסט נישט, אַז ס'זענען פאַראַן קערפּערס, וואָס ווערן נישט פאַרצערט פון פייער. צו דעם מין געהער למשל דער פאַזאַן.

אַזאַ פאַל איז מיט מיר אַליין געשעען אין דער שטאָט היפּאָן, ווו מיין קוכער האט צוגעגרייט פאר מיר דעם דאָזיקן פויגל און מיר דערלאנגט צום טיש אַ האַלבן צוף. מיט פופצן טעג שפּעטער האָב איך געפאָדערט די צווייטע העלפט, וואָס איז פולשטענדיק גוט געווען צו עסן. דערפון איז געדרונגען, אַז דאָס פייער האָט דעם צוף גוט קאָנסערווירט, פונקט ווי עס וועט קאָנסערווירן די קערפּערס פון די רשעים.

## סומאַנגאַלאַ

אַלץ, וואָס איך האָב דאָ געהערט, איז ארומגערינגלט מיט די פינצטערנישן פון מערב. אמת איז, אז נשמות גייען דורך פאַרשידענע גלגולים, ביז זיי דערגרייכן דעם גליקלעכן מצב פון נירוואַנע, וואָס מאַכט אַ סוף צו אַלע יסורים. גאָטאַמאַ בודדאַ האָט דורכגעמאַכט פינף הונדערט און צוואַנציק גלגולים, ביז ער איז געוואָרן בודדאַ; ער איז געווען קיניג, שקלאַף, מאַלפּע, העלפאַנט, ראָב, טשערעפּאַכע, פלאַטאַן און ד. גל.

## קהלת

די מענטשן שטאַרבן פונקט ווי די חיות, און זייער גורל איז איין און דער זעלבער. דער מענטש שטאַרבט מיטן זעלבן טויט, וואָס אַ חיה. סיי די מענטשן, סיי די חיות אָטעמען

מיט דער זעלבער לופט, און דער מענטש האָט גאָרנישט אַזעלכעס, וואָס די חיה זאָל עס נישט פאַרמאָגן.

## טאַציט

אַזעלכע רייד זענען פאַרשטענדלעך ביי אַ ייד, וואָס האָט אַ קנעכטישע פּסיכאָלאָגיע. וואָס שייך מיר, וועל איך ענטפערן, ווי עס פּאַסט פאַר אַ רוימער: די נשמה פון גרויסע בירגער גייט קיינמאָל נישט פאַרלוירן — אָט אין וואָס מען דאַרף גלויבן. מ׳באַליידיקט אָבער דעם מאַיעסטעט פון די געטער, אויב מ׳נעמט אָן, אַז זיי זענען מזכה מיט אומשטערבלעכקייט די נשמות פון שקלאַוון און קנעכט.

## ציצעראָן

זון מיינער, ליידער איז אַלץ, וואָס מ׳פאַרציילט וועגן גיהינום אַן אויסגעטראַכטע מעשה. איך אַליין פרעג מיך, צי מיר איז באַשערט געווען זוכה זיין צו אַן אַנדער אומשטערבלעכקייט, ווי די, וואָס דרינגט אַרויס פון מיין קאָנסולאַט, וואָס וועט דאָך שטענדיק דויערן.

## סאָקראַטעס

אויב עס האַנדלט זיך וועגן מיר, גלויב איך יאָ אין דער אומשטערבלעכקייט פון דער נשמה. די האָפענונג, וואָס דער מענטש טרייסט זיך אַליין מיט איר, קאָן אונז גאַנץ לייכט אַנטוישן.

## וויקטאָר קוזען

טייערער סאָקראַטעס, די אומשטערבלעכקייט פון דער נשמה, וואָס איך האָב ווי געהעריק באַוויזן, איז קודם כל אַ מאָראַלישע נויטווענדיקייט, וואָרים די טוגנט איז אַ דאַנקבאַרע טעמע פאַר דער רעטאָריק. און אויב די נשמה איז נישט אומשטערבלעך

ווען דאָך די טוגנט נישט באַקומען קיין שכר. און גאָט וואָלט נישט געווען גאָט, ווען ער וואָלט זיך נישט אומגעקוקט אויף די טעמעס פון טיינע פראַנצויזיש אָפּהאַנדלונגען.

## סענעקאַ

אַזוי רעדט אַ תלמיד-חכם? נעם אין באַטראַכט, פילאָזאָף פון די גאַליער, אַז דער שכר ליגט שוין אינעם תוך פון דער מצוה, און דער ווירדיקסטער שכר פאַר אַ מצוה איז די מצוה אַליין.

## פּלאַטאָן

פונדעסטוועגן איז פאַראַן אַ שטראָף און אַ שכר פון גאָט. נאָכן טויט ווערט די נשמה פון אַ רשע מגולגל אינעם גוף פון אַ געמיינער חיה, פון אַ פערד, היפּאָפּאָטאַם אָדער פון אַ פרוי. די נשמה פון אַ צדיק פאַראייניקט זיך מיט די געטער.

## פּאַפּיניאַן

פּלאַטאָן האַלט, אַז אויף יענער וועלט פאַריכט די געטלעכע גערעכטיקייט די מענטשלעכע יוסטיץ. פאַרקערט, ס'איז געוווּנטשן, אַז יחידים, באַשטראָפט אויף דער ערד פאַר אַ נישט באַגאַנגענעם חטא דורך ערדישע ריכטער, וואָס גיבן אַרויס פעלערהאַפטע אורטיילן, זאָלן אויף יענער וועלט אויך ליידן פון דער זעלבער שטראָף. די מענטשלעכע יוסטיץ איז דווקא פאַראינטערעסירט אין דעם, און עס וואָלט געווען דער גרעסטער חטא צו באַהויפּטן, אַז אירע באַשלוסן קאָנען בטל ווערן דורך דער געטלעכער חכמה.

## אַן עסקימאָס

גאָט באַצייט זיך גוט צו די רייכע און שלעכט צו די אָרעמע. דאָס איז דערפאַר, וואָס ער האָט ליב די רייכע און

פיינד די אָרעמע. און מחמת דעם, וואָס ער האָט ליב די רייכע, נעמט ער זיי אַריין אין גן-עדן, און מחמת דעם, וואָס ער האָט פיינד די אָרעמעלייט, באַשטראָפט ער זיי מיט גיהינום.

## כינעזישער בודיסט

זייט וויסן, אַז יעדער מענטש האָט צוויי נשמות, איינע אַ גוטע, וואָס וועט זיך פאַראייניקן מיט גאָט, די אַנדערע אַ שלעכטע, וואָס וועט פאַרטיליקט ווערן.

## דער זקן פון טאַרענט

אָ חכמים, ענטפערט דעם זקן, וואָס האָט ליב דאָס גאָרטן-לעבן: צי האָבן די חיות אַ נשמה?

## דעקאַרט און מאַלבראַנש

אומבאַדינגט ניין. דאָס זענען מאַשינען.

## אַריסטאָטעלעס

דאָס זענען באַלעבטע באַשעפעניש און זיי האָבן פונקט ווי אונז אַ נשמה.

## עפּיקור

אָ, אַריסטאָטעלעס, צום גליק, איז זייער נשמה, ווי אונזערע אַ שטערבלעכע. טייערע שאָטנס, וואַרט געדולדיק אין די דאָזיקע גאָרטנס אויף דער צייט, ווען צוזאַמען מיט דער מוראַדיקער לעבנס-לוסט, וועט איר פּטור ווערן פון לעבן און פון אַלע זיינע ליידן און יסורים. לעבט אין דער פרידלעכער רויקייט, וואָס ווערט פון קיין שום זאַך נישט געשטערט.

## פּירראָן

וואָס איז דאָס אַזעלכעס לעבן?

## קלאָד בענאַרד

לעבן איז טויט.

— וואָס איז טויט? — האָט פּיראָן ווייטער געפרעגט.

קיינער האָט אים נישט געענטפערט, און די מחנה שאָטנס האָבן זיך דערווייטערט אָן גערויש, ווי אַ וואָלקן, געטריבן פון ווינט.

איך האָב געמיינט, אַז איך בין איינער אליין אויף דער לאָנקע, בעת איך האָב מיטאַמאָל באַגעגנט מעניפּען. איך האָב אים דערקענט נאָך דעם פריילעכן, צינישן אויסדרוק פון זיין געזיכט.

— פון וואַנען נעמט זיך עס, אָ מעניפּע, — האָב איך צו אים געזאָגט, — וואָס די דאָזיקע געשטאָרבענע רעדן וועגן טויט פונקט ווי זיי וואָלטן אים נישט געקענט. און פאַרוואָס האָבן זיי אַזאַ שוואַכע אַנונג וועגן גורל פון די שטערבלעכע, פונקט ווי זיי וואָלטן נאָך אַלץ געלעבט אויף דער ערד?

— דאָס נעמט זיך בלי ספק דערפון, — האָט מיר מעניפּע געענטפערט, — וואָס אין אַ געוויסער מאָס זענען זיי נאָך אַלץ מענטשלעך און שטערבלעך. אַז זיי וועלן דערגרייכן דעם מצב פון אומשטערבלעכקייט, וועלן זיי אויפהערן צו רעדן און טראַכטן. דעמאָלט וועלן זיי ווערן ענלעך צו די געטער

* *

דעם הער הארץ דע לאנדא

# אריסט און פאליפיל

## אדער וועגן דער מעטאפיזישער שפראך

### אריסט

גוט מארגן, פאליפיל, וואס איז דאס פארא בוך, אין וועלכן דו האסט זיך אזוי שטארק פארטיפט?

### פאליפיל

דאס איז א פילאזאפיש האנטבוך, טייערער אריסט, איינס פון יענע קליינע ווערק, וואס לייגן דיר ארויס אויף דער האנט די אוניווערסאלע חכמה. דאס בוך באהאנדלט אלע סיסטעמען, אנהויבנדיק פון די עלעאטן ביז צו די לעצטע עקלעקטיקער, און עס פארענדיקט ביים ה' לאשעליע.

איך האב לכתחלה איבערגעלייענט די אינהאלטס־פארצייכניש. דערנאך האב איך אויפגעעפנט דאס בוך מער ווייניק אינמיטן, און כ'האב געפונען אזא זאץ: די נשמה פארמאגט גאט אין אזא מאס, אין וועלכער זי באטייליקט זיך אינם אבסאלוט.

אַ ר י ס ט

ס'דאַרף אָננעמען, אַז דער דאָזיקער געדאַנק איז אַ טייל פֿון אַ סאָלידער אַרגומענטאַציע. ס'וואָלט נישט געהאַט דעם מינדעסטן זין אים צו באַטראַכטן אַבסטראַקט, באַזונדער.

פּ אָ ל י פ י ל

איך האָב מיך טאַקע דעריבער נישט אָפּגעשטעלט אויף זיין באַדייטונג. כ'האָב נישט געפּרוּווט באַצופֿאַרשן, ווי ווייט ריכטיק עס איז דער דאָזיקער געדאַנק. איך בין בלויז אויפֿמערקזאַם געוואָרן אויף דער בוכשטעבלעכער פֿאָרם פֿון דאָזיקן געדאַנק, וואָס צייכנט זיך בלי ספֿק מיט גאָרנישט אויס, און פֿאַר אַזאַ מבֿין, ווי דו, שטעלט ער נישט פֿאָר מיט זיך קיין שום אויסערגעוויינלעכעס און משונהדיקס. ווי עס זאָל נישט זיין, קאָן מען לכל־הדעות זאָגן, אַז דער געדאַנק איז אַ מעטאַפיזישער. און וועגן דעם טאַקע האָב איך געטראַכט, בעת דו ביסט אָנגעקומען.

אַ ר י ס ט

צי קאָנסטו מיר איבערגעבן דיינע געדאַנקען, וואָס איך האָב אַזוי אומגעשיקט איבערגעריסן?

פּ אָ ל י פ י ל

דאָס זענען געווען נישט מער, ווי חלומות. איך האָב געטראַכט, אַז די מעטאַפיזיקער, בעת זיי שאַפֿן זייער שפּראַך, זענען ענלעך צו שלייפֿערס, וואָס וואָלטן אָנשטאָט מעסערס און שערן, געשליפֿן אויף זייער ראָד מעדאַלן און מטבעות, כדי אָפּצורייבן אויף זיי די אויפֿשריפֿט, די ציפֿערן און צייכנונג. ווען זיי האָבן דערפֿירט דערצו, אַז אויף די אָפּגעריבענע פֿינף פֿראַנק־מטבעות דערקענט מען שוין נישט מער, נישט וויקטאָריאַ

נישט ווילהעלמען, נישט די רעפובליק, דעמאָלט זאָגן זיי:
— די דאָזיקע מטבעות האבן אין זיך נישט קיין ענגלי-שעס, נישט קיין פראַנצויזישעס, נישט קיין דייטשעס; מיר האָבן זיי ארויסגעצויגן סיי פון דער צייט, סיי פונם רוים; זיי האבן שוין נישט מער דעם ווערט פון פינף פראַנק; זיי האָבן איצט אַן אומשעצבארן ווערט און אַן אומענדלעכן אומזאַץ".
זיי זענען גערעכט, אויב זיי זאָגן אזוי. אַדאַנק דער דאָזיקער אַרבעט, זענען די ווערטער פון פיזיקאַלישן געביט איבער-געטראָגן געוואָרן אינם געביט פון דער מעטאַפיזיק. מ'זעט באַלד, וואָס זיי פארלירן דערביי; מ'באמערקט אָבער נישט, וואָס זיי פאַרדינען דערביי.

## אַריסט

זאָג מיר אָבער, ווי אזוי ווערסטו געפינען פון ערשטן בליק דאָס, וואָס עס פארזיכערט אין דער צוקונפט נוצן אָדער שאָדן?

## פּאָליפיל

איך בין מודה, אַריסט, אַז אין דעם פאַל דאַרפן מיר זיך נישט באַנוצן מיט יענער וואָג, אויף וועלכער דער לאָמבאַר-דישער פּראָצענטניק פון פּאָנט-אָ-שאַנזש פלעגט וועגן זיינע אַניעלן און דוקאַטן. קודם-כל דאַרף מען נעמען אין באַטראַכט, אַז דער גייסטיקער שלייפער האָט זייער לאַנג געשלייפט די ווערטער ב אַ ז י צ ן און אַ נ ט ו י ל נ ע מ ע ן, וואָס זענען פאַראַן אינם זאַץ פון קליינעם פילאָזאָפישן האַנטבוך, ווו זיי פונקלען אַרויס מיט זייער פרימיטיווער אומריינקייט.

## אַריסט

גאַנץ ריכטיק, פּאָליפיל, מ'האָט נישט איבערגעלאָזט אין זיי קיין שום צופעליקייט.

אויף דעם זעלבן אופן האָט מען אויסגעשליפט דאָס וואָרט **אבסאָלוט**, וואָס פאַרענדיקט דעם זאַץ. בעת דו ביסט אריינגעקומען, האָב איך גראָד געמאַכט צוויי באַמערקונגען וועגן דעם וואָרט **אבסאָלוט**: די ערשטע באַמערקונג איז, אַז די מעטאפיזיקער האָבן אין אַלע צייטן אַרויסגעוויזן אַ ספּעציעלע נייגונג צו נעגאַטיווע טערמינען, ווי דער **אין-יש**, דאָס **ניט-משותדיקע**, דאָס **ניט-באַוווסטזיניקע**. זיי פילן זיך קיינמאָל נישט אַזוי גוט, ווי בעת זיי רעדן וועגן דעם **אין-סוף** און דאָס **אומבאַשטימטע**, אָדער בעת זיי באַרירן די פראַגע פון דאָס **אומבאַקאַנטע**. איך האָב גענומען די ערשטע בעסטע דריי זייטלעך פון העגעלס „פענאָמענאָלאָגיע" און כ'האָב אויף זעקס און צוואַנציק וואָגיקע פילאָזאָפישע טערמינען, איבערגעציילט גאַנצע ניינצן נעגאַטיווע און זיבן פּאָזיטיווע טערמינען, איך וויל דערמיט זאָגן זיבן אַזעלכע טערמינען, וואָס זייער זין איז באַלד לכתחלה נישט אויסגעשטראָכן געוואָרן דורך אייניקע פּרעפיקסן מיט אַ נעגאַטיווער באַדייטונג.

איך וויל נישט דערמיט זאָגן, אַז די דאָזיקע פּראָפּאָרציע איז פאַראַן אין דעם גאַנצן ווערק. איך ווייס גאָרנישט דערפון. אָבער דער דאָזיקער ביישפּיל אילוסטרירט זייער בולט אַ באַמערקונג, וואָס איר געניויקייט קאָן גאַנץ לייכט קאָנטראָלירט ווערן. אויף וויפיל עס איז מיר געלונגען צו באַמערקן, איז די דערפאַרונג פון די מעטאַפיזיקער, אָדער בעסער געזאָגט פון די „מעטאַטאַפיזיקער", טאַקע אַזעלכע. וואָרים צי דאַרף מען עס נישט באַוואונדערן, וואָס אייער וויסנשאַפט האָט אַ נעגאַטיוון נאָמען, גענומען פון דער רייען-אָרדנונג פון אַריסטאָטעלעס ווערק, און איר אַליין טיטולירט זיך: די, וואָס קומען נאָך די פיזיקער.

איך בין מיר משער, אַז דו פאַרשטייסט דאָס אויף אַזאַ אופן, אַז יענע זענען גאָר הויך, און פאַרנעמען אַן אָרט נאָך

זיי איז דאָס זעלבע, וואָס אויפהייבן זיך העכער. דערמיט אַליין זענט איר אויך מודה, אַז איר זענט מחוץ פון דער נאַטור.

## אַ ר י ס ט

כ׳בעט דיך, טייערער פּאָליפיל, האַלט דיך בײַ איין טע־מע. אויב דו וועסט כסדר איבערשפּרינגען פון איין טעמע אויף דער אַנדערער, וועט מיר זייער שווער זיין דיר נאָכצופאָלגן.

## פּ אָ ל י פ י ל

איך האַלט מיך גערן בײַ דער טעמע, וואָס ציט צו די טילאַטאָרן פון אידעען צו די טערמינען, וועלכע דריקן אויס די פאַרלייקענונג פון אַ באַהויפּטונג. איך בין דערמיט מסכים, אַז דער דאָזיקער אויסוואַל איז לחלוטין נישט אויסטערליש און פאַנטאַסטיש. דאָס איז בײַ די מעטאַפיזיקער לחלוטין נישט קיין דעגענעראַציע, קיין פאַרקריפּלונג פון געדאַנק אָדער גאַר אַ מאַניע: דאָס דאָזיקע אַנטשפּרעכט די נאַטירלעכע באַדערפנישן פון אַבסטראַקטע נשמות. די פאַרשידענע אַ פּ, אוי ס, אום ווירקן אַ סך ענערגישער, ווי די שלייפער־מאַשין. מיט איין מאָל מעקן זיי אייך אויס די וואַגיקסטע אויסדרוקן, טיילמאָל, דעם אמת זאָגנדיק, קערן זיי אייך אום די זעלבע אויסדרוקן, אָבער מיט אַ פאַרקערטן זין.

אָפט טרעפט זיך, אַז זיי ווערן באַשאָנקען מיט אַ גע־היימנישפולער און געהייליקטער קראַפט, ווי מ׳זעט דאָס למשל אין וואָרט אַ ב ס אָ ל ו ט, וואָס באַדייט פיל מער, ווי דאָס וואָרט ס אָ ל ו ט ו ס. אַ ב ס אָ ל ו ט ו ס איז די פּאַטריצישע פאַרברייטערונג פון ס אָ ל ו ט ו ס, און איז אַ באַווייז פון לאַטײַ־נישן מאַיעסטעט.

אַט־אָ דאָס איז מיין ערשטע באַמערקונג. די צווייטע באַ־מערקונג איז, וואָס אַזעלכע געלערטע, ווי למשל דו, אַריסט, באַמיען זיך קודם כל נאָך מער צו פאַרקריפּלען די טערמינען, וואָס האָבן נאָך מיט אַ לאַנגער צייט פאַר זיי פאַרלוירן זייער

״ורשפרינגלעכע באדייטונג.״ מ׳דארף מודה זיין, אז אפילו אונז פשוטע מענטשן פון א גאנץ יאָר, קומט אפט אויס צו שלייפן די ווערטער און ביסלעכווייז זיי צו פארקריפלען. דעמאלט זענען מיר אומבאוויסטזיניק מעטאפיזיקער.

### א ר י ס ט

מיט דיינע רייד, פאליפיל, קאן מען מסכים זיין בלויז אונטערן באדינג, ווען דו וועסט שפעטער נישט פרווון צו באווייזן, אז די מעטאפיזישע האנדלונגען זענען נישט ביים מענטשן א נאטירלעכע, פארשטענדלעכע און נויטווענדיקע נייגונג. רעד אבער ווייטער.

### פ אָ ל י פ י ל

איך האָב באמערקט, פאָליפיל, אַז אַ סך אויסדריקן, וואָס גייען איבער פון מויל צו מויל אין משך פון פיל דורות, ווערן, מיט דער צייט אויסגעשליפן און נעמען אַרויף אויף זיך דאָס, וואָס ס׳ווערט אָנגערופן אין דער קינסטלערישער שפּראַך, — אַ געוויסע נעפּלדיקייט. פונדעסטוועגן זאָלסטו אָבער נישט מיינען אַז איך פאַראורטייל די מעטאַפיזיקער צוליב דעם, וואָס זיי שלייפן גערן אויס אַזעלכע ווערטער, וואָס האָבן שוין פון פריער פארלוירן זייער וואָגיקייט און קלאָרקייט. אויף אַזאַ אופן שפּאָרן זיי זיך איין אַ העלפט אַרבעט.

אָפטמאָל נעמען זיי זיך צו ווערטער, וואָס אַ דאנק זייער לאָגגן און אַלגעמיינעם געברויך, האָבן זיי אין משך פון טויזנטער יאָרן פארלוירן יעטוועדן דייטלעכן שפור. דער זאַץ פון פילאָזאָפישן האַנטבוך אַנטהאַלט גאַנצע צוויי ווערטער פון דעם מין.

### אַ ר י ס ט

איך בין זיכער, אַז דו מיינסט אַודאי די ווערטער ג אָ ט און נ ש מ ה.

## פּאָליפיל

דאָס זענען זיי טאַקע, אַריסט. די דאזיקעביידע ווער-טער, אויסגעשליפן אין משך פון הונדערטער יאָרן, האָבן שוין פארלוירן יעטוועדן שפור פון זייער אַמאָליקער געשטאַלט. נאָך פאר דער מעטאַפיזיק זענען זיי שוין געווען פולשטענדיק מע-טאַפיזיש. זאָג אליין, צי ווער אַ מענטש, וואס האָט לויט זיין פראָפעסיע צו טון מיט אבסטראַקציעס, ארויסלאָזן פון דער האַנט אזעלכע ווערטער, וואס זענען פשוט ווי געשאַפן פאר זיין געברויך, וואָרים אומבאַקאַנטע מחנות מענטשן האָבן זיי, דעם אמת געזאָגט, אומבאַוווסטזיניק באַארבעט, אָבער מיט אַ געוויסן פילאָזאָפישן אינסטינקט.

ענדלעך, אויב די פילאָזאָפן גלויבן, אז זיי טראכטן אויס עטוואס, וואס איז נאך ביז איצט נישט אויסגעטראכט געוואָרן און שאפן עטוואָס, וואס איז נאך ביז איצט לחלוטין נישט גע-שאפן געוואָרן, זענען עס סוף כל סוף בלויז ווערטער. זיי קו-מען ארויס פון אונטער דעם סטעמפּל גלאַט, ווי אַ זשעטאָן-נישט געקוקט אָבער דערויף האט מען צו זייער פאבריקאציע באדארפט צו באנוצן דעם אלטן געוויינלעכן מעטאַל. און אי-בער דעם, ווי איבער דעם איבריקן, לוינט זיך צו פארטראכטן.

## אַריסט

אויב איך האָב דיך גוט פארשטאנען, פּאָליפיל, האָסטו איצט געזאָגט, אז די מעטאַפיזיקער באַנוצן זיך מיט אַ שפּראַך, וואָס באשטייט אָדער פון אויסדריקן, אויסגעבאָרגט ביי דער פאָלקס-שפּראַך פון דעם, וואָס צייכנט זיך אויס אין איר מיט אַ גאָר אַבסטראַקטן, גאָר נעגאַטיוון און גאר אלגעמיינעם כאַ-ראקטער, אָדער פון אזעלכע, וואס זענען קינסטלעך געשאפן געווארן פון די עלעמענטן, אויסגעבארגט פון דער המון-שפּראַך. וואס ווילסטו דערפון ארויסדרינגען?

פ א ל י פ י ל

דו מוזט דאך אבער קודם כל מסכים זיין מיט מיר, אז אמאל זענען אלע ווערטער פון דער מענטשלעכער שפראך געשאפן געווארן אין א מאטעריעלער געשטאלט און זיי האבן פארגעשטעלט מיט זיך א בילד, צוגענגלעך פאר די חושים. ס׳איז נישט פאראן קיין איין טערמין, וואס זאל אמאל נישט האבן באצייכנט אן אביעקט, וואס געהערט צו דער דאזיקער וועלט פון פארמען און קאלירן, קלאנגען און ריחות און אלערליי אילוזיעס, ווו אונזערע חושים ווערן אומברחמנותדיק אפגענארט.

די ערשטע מאראלע באגריפן האט מען אויסגעדריקט דעמאלט, בעת מ׳האט דעם וועג אנגערופן „גלייך", און א סטעזשקע — „געדרייט". דעם מענטשנס ווערטערבוך איז געבוירן געווארן צוזאמען מיט זיינע חושים און די דאזיקע חושימדיקייט זיינע איז אזוי שטארק צוזאמענגעקניפט מיט זיין נאטור, אז מיר געפינען זי אויך אין די אויסדריקן, וואס האבן מיט דער צייט באקומען אין דעם אלגעמיינעם באוווסטזיין א גייסטיקע אומקלארקייט, און אפילו אין די טערמינען, וואס זענען ספעציעל פאבריצירט געווארן דורך די מעטאפיזיקער מיטן צוועק אויסצודריקן די אבסטראקציע ביז צו איר העכסטער קראפט.

אפילו די דאזיקע טערמינען זענען נישט אימשטאנד אויסצומיידן דעם פאטאלן מאטעריאליזם פון אונזער ווערטערבוך; ס׳זענען נאך שטענדיק פאראן געוויסע דיגע פעדים, וואס פארבינדן זיי מיט דער פארצייטיקער בילדלעכקייט פון מענטשלעכן ווארט.

א ר י ס ט

דערמיט בין איך מסכים.

פ א ל י פ י ל

די דאזיקע אלע ווערטער, סיי ווען זיי זענען פארקריפלט

געוואָרן אַדאַנק דעם לאַנגן געברויך, סיי ווען זיי זענען אויסגעגלעט, אָדער גאָר אויסגעהאַקט געוואָרן פֿאַר אַ געוויסער גייסטיקער קאָנסטרוקציע, זיי אַלע קענען מיר זיך פֿאָרשטעלן אין זייער פּרימיטיווער פֿאָרם. די כעמיקער זענען אימשטאַנד מיט דער הילף פֿון געוויסע כעמישע מיטלען ווידער אַרויסצורופֿן די אָפּגעריבענע טינט-פֿלעקן אויף אַלטע פּאַרמעטן און פּאַפּירוסן. אַדאַנק די דאָזיקע כעמישע מיטלען זענען מיר אימשטאַנד איבערצולייענען די פּאַלימפּסעסטן.

אויב מ'זאָל זיך באַנוצן מיט אַן אַנאַלאָגישער פּראָצעדור ביי די ווערק פֿון די מעטאַפֿיזיקער, אויב מ'זאָל באַלויכטן ווי געהעריק די פּרימיטיווע און קאָנקרעטע באַדייטונג, וואָס איז פֿאַרבאָרגן אונטער דער אַבסטראַקטער און נייער באַדייטונג, וואָלט מען דעמאָלט געפֿונען גאָר משונהדיקע געדאַנקען, און אָפּטמאָל אַזעלכע, פֿון וועלכע מיר וואָלטן געקאָנט אַ סך לערנען.

לאָמיר טאַקע פּראָבירן, אויב דו, אַריסט, האָסט חשק דערצו, אויפֿצוקערן די ווערטער דאָס אַמאָליקע לעבן, זייער פֿריערדיקע פֿאָרם און קאָליר, וואָס פֿון זיי באַשטייט דער זאַץ אין מיין קליינעם פֿילאָזאָפֿישן האַנטבוך.

די נשמה פֿאַרמאָגט גאָט אין אַזאַ מאָס, אין וועלכער זי נעמט אַנטייל אין אַבסאָלוט.

אין אונזער פּרווו וועט אונז די פֿאַרגלייכונגס-גראַמאַטיק אָפּגעבן דעם זעלבן נוצן, וואָס די כעמישע רעאַקציע ביים איבערלייענען אַלטע כתב-ידן. זי וועט אונז געבן די מעגלעכקייט אויסצוגעפֿינען דעם אמתן זין פֿון די פּאָר צענדליק מעטאַפֿיזישע ווערטער, נאַטירלעך נישט אין סאַמע אָנהייב פֿון דער שפּראַך, וואָס פֿאַרלירט זיך אין די פֿינצטערנישן פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט, אָבער לכל-הפּחות אין אַ שפּעטערער עפּאָכע, וואָס איז דאָך נישט באַלויכטן געוואָרן פֿון דער געשיכטע.

נשמה, גאָט, מאָס, פֿאַרמאָגן, אַנטייל-נעמען, — די דאָזיקע אויסדריקן קאָנען צוגעפֿירט ווערן ביז צו זייער אור-אָרישער באַדייטונג. דאָס וואָרט אַבסאָלוט לאָזט זיך צעגלידערן אויף זיינע פֿריערדיקע עלעמענטן. איצט

גיב אַ קוק, וואָס מיר באַקומען, בעת מיר קערן אום די דאָ־
זיקע ווערטער זייער יונג און קלאָר פּנים (אַ פעלער איז דאָ
לחלוטין נישט אויסגעשלאָסן). אַן אָטעם האָט זיך
אַרויפגעזעצט אויף דעם, וואָס פונקלט, אין
דער מאָס, אין וועלכער ער האָט אַ חלק אין
דעם, וואָס איז אינגאַנצן אויפגעבונדן.

אַריסט

צי רעכנסטו, פּאָליפיל, אַז מ׳קאָן דערפון אַרויסצי־
ערנסטע קאָנסעקווענצן?

פּאָליפיל

דערפון קאָן מען לכל-הפחות אַרויסדרינגען איין זאַך,
אַז די מעטאַפיזיקער בויען אויף זייערע סיסטעמען פון פאַר־
קריפּלטע רעשטלעך צייכנס, וואָס די ווילדע מענטשן האָבן זיי
באַנוצט כדי אויסצודריקן זייערע פריידן, באַגערן און שרעקן.

אַריסט

אין דעם פאַל וואַרפן זיי זיך אונטער די נויטווענדיקע
פאָדערונגען פון דער מענטשלעכער שפּראַך.

פּאָליפיל

איך וועל מיך נישט אָפּשטעלן דערויף, צי די דאָזיקע
געמיינזאַמע פאַטאַלקייט גיט זיי אַ גרונט צו דערנידריקונג אָדער
צו שטאָלצירן, איך טראַכט אָבער וועגן די אויסערגעוויינלעכע
פּאַסירונגען, וואָס די דאָזיקע טערמינען האָבן געמוזט דורכ־
מאַכן אין זייער וואַנדערונג פון באַזונדערקייט צו אַלגעמיינקייט,
און פון קאָנקרעטן צום אַבסטראַקטן; ווי אַזוי למשל האָט דער
אויסדרוק נשמה, וואָס איז געווען דער הייסער אָטעם פון גוף,
געקאָנט פאַרענדערן זיין אמתן תוך, אַז מ׳זאָל קענען היינט

זאָגן: „די חיה האָט נישט קיין נשמה". געגוי גערעדט באדייט דאָך דאס: „דאָס, וואָס אָטעמט, האט נישט קיין אָטעם". און ווי האָט מען געקאָנט געבן לויט דער ריי נאָך דעם זעלבן נאָמען עפּעס אַ מעטעאָר, אַ פּעטיש, אַ געטש און דער אור־סבה פון דער וועלט. מיך שרעקן ממש איבער די משונהדיקע פּאַסירונגען פון די דאָזיקע אָרעמע קלאַנגען.

ווען מיר וואָלטן געפּרווט זיי געגוי צו פארזייטשן, וואָלטן מיר דערמיט געמאַכט די התחלה פאר דער נאטור־געשיכטע פון די מעטאַפיזישע אידעען. צו דעם צוועק וואלט מען באדארפט באטראכטן לויט דער ריי נאָך די ענדערונגען, וואס עס האָבן דורכגעמאַכט אזעלכע אויסדריקן, ווי נ ש מ ה אָדער ג ײ ס ט, און נאָכזוכן, אויף וואס פארא אופן עס האָבן זיך ביסלעכווייז געשאַפן זייערע איצטיקע באדייטונגען. אויף אזא אופן וואָלטן מיר געוואָרפן א מוראדיק ליכט אויף דער ווירקלעכער ממשותדיקייט, וואָס די דאָזיקע ווערטער דריקן אויס.

## אַ ר י ס ט

די רעדסט, פּאָליפיל, פּונקט, ווי די באַגריפן, וואס זענען פארבונדן מיט א געוויס וואָרט, אָפּהענגיק פון אים, וואָלטן געבוירן געוואָרן, זיך געענדערט און געשטאָרבן צוזאַמען מיטן דאָזיקן וואָרט. און מחמת דעם, וואָס אַ געוויסער אויסדרוק, ווי למשל ג אָ ט, נ ש מ ה, אָדער ג ײ ס ט האָט אין פארשידענע צייטן אויסגעדריקט פארשידענע באגריפן, ווילסטו איצט אויסגעפינען אין דאָזיקן אויסדרוק דאָס לעבן און טויט פון די דאָזיקע אידעען. דו מאַכסט ענדלעך אָפּהענגיק דעם פילאָזאָפישן געדאַנק פון דער שפּראַך און פון אַלע אירע שוואַכקייטן, מיט וועלכע זי באַנוצט זיך. דיין אונטערנעמונג איז אויף אזוי ווייט אומלאָגיש, אַז נאר אונטער דער מאַסקע פון נישט דערזאָגטע ווערטער האסטו זיך דערוועגט מודה צו זיין אין דעם.

### פּאָליפיל

מיין שרעק נעמט זיך בלויז דערפון, וואָס איך ווייס נישט, ווי ווייט עס גרייכן די שוועריקייטן, וועלכע איך האָב באַרירט. יעדער אויסדרוק איז אַ בילד, אַ צייכן פון אַן אילוזיע. נישט מער. און ווען איך וואָלט געהאַט די זיכערקייט, אַז די אַבּ־סטראַקציע ווערט אויסגעדריקט מיט דער הילף פון אָפּגעריבענע און פאַרקריפּלטע פּאַרצייטיקע פּאָרשטעלונגען און מגושמ־דיקע אילוזיעס, וואָלט די אַבסטראַקציע אויפגעהערט באַלד צו עקזיסטירן פאַר מיר. איך וואָלט מער נישט געזען, ווי רעשט־לעך פאַרקוילטע ממשותדיקייטן, און אָנשטאָט אַ ריינער אידעע וואָלט איך דערזעען בלויז סובטילע שטויבלעך פון פעטישן, קמעות און אָפּגעטער, וואָס מ׳האָט אַמאָל געהאַט צעבראָכן.

### אַריסט

צי האָסטו אָבער נישט געזאָגט איצט, אַז די מעטאַפיזישע שפּראַך איז אויסגעשליפן און אויסגעגלעט געוואָרן, ווי אויף אַ שלייף־שטיין? צי ווילסטו דערמיט נישט זאָגן, אַז די טער־מינען זענען געוואָרן צעשטויבט און אַבסטראַקט? און וואָס איז אַזעלכעס דער דאָזיקער שלייף־שטיין, וועגן וועלכן דו רעדסט, אויב נישט אַ דעפיניציע, וואָס מ׳האָט אים אַרויפגע־צוווּנגען?

דו פאַרגעסט איצט, אַז אין יעדער מעטאַפיזישער דאָק־טרין זענען די טערמינען גענוי דעפינירט און אַבסטראַקט א־דאַנק דער דעפיניציע, אַזוי אַז עס בלייבט שוין נישט איבער אין זיי גאָרנישט פון יענעם קאָנקרעטן תוך, וואָס זיי האָבן פאַרבאַהאַלטן פון די אַמאָליקע צייטן.

### פּאָליפיל

יאָ, דו דעפינירסט ווערטער מיט דער הילף פון אַנדערע ווערטער, צי דורך דעם הערן זיי אויף צו זיין מענטשלעכע

ווערטער, דאָס הייסט אוראלטע אויסגעשרייען פון תאווה אָדער פון שרעק, ארויסגעוואָרפן דורך אומגליקלעכע באַשעפעגישן פניב אל פנים מיט די שאָטנס און דער ליכטיקייט, וואָס האט זיי פארשטעלט די וועלט.

פונקט, ווי אונזערע אורא לטע אבות פון די וועלדער און היילן, אזוי זענען אויך מיר איינגעשלאָסן אין די גרענעצן פון אונזערע חושים, וואָס באגרענעצן אונז דעם וועלטאַל. עס קומט אונז פאָר, ווי אתונזערע אויגן וואלטן אים אנטדעקט, און אין דער אמתן גיבן זיי אונז בלויז אונזער אייגענעם אָפּשיין און נאָך ביים היינטיקן טאָג, בעת מיר ווילן אויסדריקן אונזערע עמאָציעס, האבן מיר גאָרנישט, חוץ דער שטים פון ווילדן מענטש, מיט זיין עטוואָס בעסער אַרטיקולירט שטאַמלען און זיין מילד ברומען. אַריסט, אָט-אָ דאס איז די גאַנצע מענטשלעכע שפּראַך.

## אַ ר י ס ט

אויב דו באַציסט זיך מיט ביטול צו דער שפּראַך פון פילאָזאָף, דאַרפסטו זי אויך פאראַכטן ביי אַנדערע מענטשן. די געלערטע, וואָס פארנעמען זיך מיט עקזאַקטע וויסנשאַפטן, באַנוצן זיך מיט אַ געוויסער צאָל ווערטער, וואָס האָבן זיך אויך געפורעמט פון די ערשטע מענטשלעכע שטאַמלעניש, און פונדעסטוועגן קאָן מען נישט זאָגן, אַז זיי פעלט גענויקייט.

די מאַטעמאטיקער, וואס אָפּערירן פונקט ווי מיר מיט אַבסטראַקציעס, באנוצן זיך מיט אַ שפּראַך, וואַס וואלט ווי אונזער שפּראַך געקאָנט צוגעפירט ווערן צום קאָנקרעטן, וואָרים דאָס איז דאך אויך אַ מענטשלעכע שפּראַך. עס וואלט דיר אנגעקומען זייער לייכט, ווען דו, פאליפיל, וואלסט למשל געוואלט מאַטעריאַליזירן אַ געוויסע געאמעטרישע אַקסיאָמע אדער אַן אַלגעבראַישע פארמולע. דו וואלסט אבער דערמיט נישט צוגענומען ביי זיי דאס אידעאַלע, וואס זיי פארמאגן. פארקערט, גיב דו וואלסט ביי זיי צוגענומען דאס דאזיקע, וואלסטו דערמיט באוויזן, אז ס'איז דארט ארייגעפירט געווארן פון פריער.

בלי ספק, אבער נישט דער פיזיקער און נישט דער געאָ־מעטער זענען אין דער זעלבער לאַגע, וואָס דער מעטאַפיזיקער. אין די פיזיקאַלישע און מאַטעמאַטישע וויסנשאַפטן איז די גע־נויקייט פון דער טערמינאָלאָגיע אויסשליסלעך אָפּהענגיק פון דער באַציִונג צווישן טערמין און דעם אָביעקט אדער פענאָמען, וואָס ווערט באַצייכנט דורכן דאזיקן טערמין. דאס איז אַ קרי־טעריע, וואָס פּרט קיינמאל נישט אריין אין אַ טעות.

מחמת דעם, וואָס דער טערמין און דער אָביעקט זענען אין דער זעלבער מאָס צוגעבונדן פאר אונזערע חושים, פּאַסן מיר גאר לייכט צו איינעם צום אַנדערן. דער עטימאָלאָגישער זין, דער איגערלעכער ווערט פון טערמין האט דא נישט קיין שום באַדייטונג. די באַצייכנונג פון ווארט איז דא גענוי דעפי־נירט דורכן זעלבן קאָנקרעטן אָביעקט, וואָס עס שטעלט פאר מיט זיך, כדי יעטוועדע אַנדערע גענויקייט זאל זיך נישט ארויסווייזן אלס איבריק.

ווען וואָלט למשל אייגעפאלן נאך מער צו פּרעציזירן די באַגריפן, וואָס פ׳רופן אין אונז ארויס די טערמינען זוי־ערקייט און באַזע אין דער באדייטונג, אין וועלכער זיי ווערן באַנוצט דורכן כעמיקער? אט פאַרוואָס עס וואלט נישט געהאַט קיין שום זין צו פאָרשן די געשיכטע פון די טערמינען, וואָס זענען געווארן אַ באַשטאַנדטייל פון דער וויסנשאפטלעכער טערמינאָלאָגיע. אַ כעמישער טערמין, איינמאל פאר אלע מאל פעסטגעשטעלט, וועט אונז שוין מער נישט אַנטפּלעקן די אַוואַנ־טורעס, וואָס ער האט דורכגעמאכט אין די צייטן פון זיין צעווילדעוועטער יוגנט, בעת ער האט זיך ארומגעשלעפּט איבער וועלדער און בערגער. ער האט זיך אויפגעהערט צו אַמוזירן.

זיין אביעקט און ער אליין קאָנען ארומגענומען ווערן מיט איין בליק און גאנץ לייכט קאָנפראָנטירט ווערן. דו האסט אויך דערמאָנט דעם מאַטעמאַטיקער. דער מאַטעמאַטיקער אָפּע־רירט בלי־ספק מיט אַבסטראַקציעס. אבער די דאזיקע אַבסטראַק־

ציעס, גאַנץ אַנדערע, ווי די מעטאַפיזישע, זענען צוגענגלעך פאַר אונזערע חושים און קענען אויסגעמאָסטן ווערן; זיי שאַפן די פיזיקאַלישע פילאָזאָפיע, דערפון איז געדרונגען, אז די מאַטעמאַטישע אמתן, הגם זיי אליין פאר זיך זענען נישט צוטריטלעך פאר אונזערע חושים, קאנען זיי גאנץ לייכט פארגלייכט ווערן מיט דער נאטור, וואס אנטפלעקט זיי קיינמאל נישט אינגאנצן, זי גיט אבער צו דערקענען, אז זיי אלע זענען אין איר פארבארגן. זייער אויסדרוק איז נישט בנמצא אין דער שפראַך; דערפאר איז ער בנמצא אין דער נאַטור פון די זאכן; ער איז בנמצא אין די קאַטעגאריעס פון די צאלן און פון רוים, אין וועלכע די נאטור אנטפלעקט זיך דעם מענטשן.

כדי די מאַטעמאַטישע שפראַך זאל דערגרייכן איר פולקאָמקייט, איז נויטיק, אַז די קאָנווענציאָנעלע באַדינגונגען, וואס זי איז זיי אונטערגעוואָרפן, זאָלן זיין סטאַביליזירט. אויבעטוועדער קאָנקרעטער טערמין באַדייט אין דער מאַטעמאטיק אן אַבסטראַקציע, האָט די דאָזיקע אַבסטראַקציע איר קאָנקרעטע געשטאַלט אין דער נאַטור. דאָס איז, אויב דו ווילסט, אן אומגעלומפערטע פיגור, עפעס א מין אומגעשיקטע און מגושמדיקע קאַריקאַטור; אָבער נישט געקוקט דערויף איז דאָס אַ בילד, צוטריטלעך פאַר אונזערע חושים. דאָס וואָרט גיסט זיך צונויף דירעקט מיטן בילד, וואָרים זיי ביידע געפינען זיך אויף איין און דער זעלבער פלאַך, און אויף אַזאַ אופן טראָגט עס זיך לייכט איבער אויף אַ ריין גייסטיקן באַגריף, וואָס אַנטשפרעכט דער חושמדיקער פאָרשטעלונג.

גאַנץ אנדערש קומט אָבער פאָר אין דער מעטאַפיזיק, ווו די אַבסטראַקציע איז שוין נישט קיין אָנזעעוודיקער פועליוצא פון דער דערפאַרונג, ווי למשל אין דער פיזיק, ווי אויך נישט קיין רעזולטאַט פון אַ שפעקולאציע בנוגע דער נאַטור, צוטריטלעך פאַר די חושים, ווי עס קומט פאָר אין דער מאַטעמאטיק; זי איז בלויז אַ פראָדוקט פון אַ געוויסער גייסטיקער טעטיקייט, וואָס באַקומט ארויס פון דער געגעבענער זאַך געוויסע אייגנשאַפטן, צוטריטלעך און פאַרשטענדלעך נאָר פאַר

איר. די דאָזיקע אייגנשאַפטן עקזיסטירן משמעות בלויז אין דער פאָרשטעלונג פון גייסט, און כּלפּי חוץ לאָזן זיי זיך דערקענען קוים לויט דעם, וואָס ער רעדט וועגן זיי, דאָס הייסט, אַז זיי שטיצן זיך אויסשליסלעך אויפן וואָרט.

אויב די דאָזיקע אַבסטראַקציעס עקזיסטירן אין דער ווירקלעכקייט און אַליין פאַר זיך הערשן זיי אין אַזעלכע ערטער, וואָס זענען אויסשליסלעך צוטריטלעך פאַר אונזער גייסט, אויב זיי וווינען אין א וועלט, וואָס דו רופסט אָן אבסאָלוט אין קעגנזאַץ צו אונזער וועלט, וועגן וועלכער איך קאָן זאגן אַזוי פיל, אַז זי איז אין דיינע אויגן ווייט נישט אַבסאָלוט, און אויב די ביידע וועלטן זענען איינע אין דער אַנדערער, איז דאָס שוין נישט מיינע, און אויך נישט זייער זאַך.

פאַר מיר איז גענוג די איבערצייגונג, אַז איינע פון זיי איז צוטריטלעך פאַר אונזערע חושים, און די אַנדערע איז פאַר זיי פאַרשלאָסן ; די, וואָס איז צוטריטלעך פאַר אונזערע חושים קאָן נישט ווערן באַגריפט, און די וועלט, וואָס איז שוין יאָ צוטריטלעך פאַר אונזער אינטעלעקט, קאָן אָבער נישט באַגרייפט ווערן דורך די חושים.

מיט איין וואָרט : דאָס וואָרט און דער אָביעקט קענען נישט זיין ענג פאַרבונדן, ווארים זיי געפינען זיך נישט אויף איין און דער זעלבער פלאַך ; זיי קענען זיך איינס דאָס אַנדערע נישט דערקענען, וואָרים זיי לעבן נישט אין איין און דער זעלבער וועלט. מעטאַפיזיש : דאָס וואָרט איז אָדער אַ זאַך פאַר זיך אַליין, אָדער עס האָט גאָרנישט קיין שייכות מיט איר.

כּדי עס זאָל זיין אַנדערש, וואָלט נויטיק געווען, ס׳זאָלן עקזיסטירן ווערטער, פולשטענדיק פריי פון יעטוועדן סענסואַליזם ; און אזעלכע ווערטער זענען לגמרי נישט בנמצא. די ווערטער, וואָס ווערן באצייכנט ווי אבסטראקטע, זענען אַזעלכע פשוט דערפאר, וואָס מ׳האָט זיי דערצו באשטימט. זיי שפילן די ראָל פון דער אבסטראקציע, פונקט ווי דער אקטיאָר שפילט אין האמלעט די ראָל פון אַ געשפענסט.

## אַריסט

די געפינסט שווערײקייטן דאָרט, ווו זיי זענען לגמרי נישט בנמצא. אין דער זעלבער מאָס, וואָס אונזער גייסט האָט אַבסטראַהירט, אָדער אויב דו ווילסט, אַנאַליזירט, און ווי דו האָסט זיך פריער אַליין אויסגעדריקט, דעסטילירט די נאַטור, כדי אַרויסצובאַקומען פון איר דעם עצם און מהות, אין דער זעלבער מאָס האָט ער אַבסטראַהירט, פונאַנדערגעלייגט און דעסטילירט די ווערטער, כדי צו קענען פאַרשטעלן דעם רעזולטאַט פון זיינע טראַנסצענדענטע שפּעקולאַציעס. דערפון איז געדרונגען, אַז דער צייכן איז געװען צוגעפּאַסט צום אָביעקט גופא.

## פּאָליפיל

אַריסט, איך האָב דיר דאַכט זיך קלאָר און פון פאַרשיידענע שטאַנדפּונקטן אויפגעוויזן, אַז דאָס אַבסטראַקטע אין די ווערטער איז נישט מער, ווי די קלענסטע קאָנקרעטקייט. דאָס קאָנקרעטע, נישט געקוקט דערויף, וואָס עס איז פאַרקלענערט ביזן מינימום, פאַרבלייבט אָבער פאָרט קאָנקרעט.

מ׳דאַרף נישט טון, ווי יענע פרויען, וואָס ווילן אָנגיין פאַר העכערע גייסטער בלויז צוליב דעם, וואָס זיי זענען מאָגער. איר נעמט אייך אַראָפּ אַ ביישפּיל פון די קליינע קינדער, וואָס שפּילן אָפּ די צווייגלעך פון ווילדן בעז און מאַכן דערפון שפּילצייג. די דאָזיקע שפּילצייג זענען לייכט, זיי זענען אָבער געמאַכט פון דער קאָרע פון ווילדן בעז. דאָס זעלבע איז אויך געשעען מיט אייערע טערמינען, וואָס איר באַצייכנט זיי אַלס אַבסטראַקט, וואָרים אין דער אמתן זענען זיי געוואָרן ווייניקער קאָנקרעט.

אויב אָבער איר נעמט זיי אָן פאַר פולשטענדיק אַבסטראַקט און אויסגעטון פון זייערע נאַטירלעכע און אייגנאַרטיקע אייגנשאַפטן, איז עס בלויז אָפּהענגיק דערפון, ווי אַזוי מ׳האָט זיך אָפּגערעדט. אויב אָבער די באַגריפן, וואָס רעפּרעזענטירן די דאָזיקע ווערטער, זענען נישט קיין רעזולטאַט פון אַ פריערדי-

קער פארשטענדיקונג; אויב זיי ווערן פארווירקלעכט ערגעץ ווי מחוץ פון אונז, אויב זיי עקזיסטירן אין אבסאלוט, אדער אין אן אנדער אויסגעטראכט ארט, אויב זיי זענען פשוט „פאראן", קאָנען זיי נישט אויסגעדריקט ווערן און זיי פארבלייבן נישט ארויסגעזאגט. אויסדריקן זיי איז דאס זעלבע, וואס פארלייקענען זיי; אויסדריקן זיי וואלט געווען דאס זעלבע, וואס זיי אינגאנצן מבטל צו מאכן. ווארים אויב א קאָנקרעטער אויסדרוק באצייכנט אן אבסטראקטע אידעע, באקומט די לעצטע א קאנקרעטן לבוש מיטן מאָמענט, ווען זי ווערט באצייכנט, און אויף אזא אופן גייט פארלוירן איר גאנצע קווינטעסענץ.

## אריסט

אויב איך וועל דיר זאָגן, אז פארן באגריף, פונקט ווי פארן ווארט, איז די אבסטראקציע בלויז די קלענסטע קאנקרעטקייט, פאלט דאך אָפּ ממילא דיין גאנצע ארגומענטאציע.

## פאָליפיל

דו וועסט עס נישט זאָגן. דאָס וואלט געווען דאס זעלבע וואס אומווארפן די גאנצע מעטאפיזיק און צוזאמען מיט איר וואלט מען באַוואלהט די נשמה, גאָט און באטירלעך אויך די פראפעסארן, וואס האלטן פארטראָגן וועגן די דאָזיקע ענינים. העגעל, ווייס איך, האט געזאגט, אז דאס קאנקרעטע איז אבסטראקציע, און די אבסטראקציע איז קאָנקרעט. אבער דער דאזיקער געלערטער האט איבערגעדרייט קאפויער אייער גאנצע ווויסנשאפט. וועסט מסתמא אנערקענען, אריסט, כאָטש דערפאר, כדי זיך צו האלטן אין די כללים פון דער שפיל, אז די אבסטראקציע איז לגמרי סותר דאס קאָנקרעטע. אויף אזא אופן קאן דאס קאָנקרעטע ווארט באצייכענען אן אבסטראקטע אידעע. עס וואלט העכסטנס געקאָנט זיין דער סימבאל אדער די אלעגאריע פון דער אידעע.

דער צייכן באשטימט דעם אָביעקט און רופט אים ארויס

אין זכרון. ער האָט נישט פאַר זיך אליין קיין שום באַדייטונג. דער סימבאָל פאַרנעמט דאָס אָרט פון אָביעקט. ער ווייזט נישט אָן אויף איִם, ער שטעלט אים בלויז פאָר. ער דערמאָנט אים נישט, דערפאַר אימיטירט ער אים. דאָס איז אַ פיגור. ער האָט זיין אייגענע ווירקלעכקייט און באַדייטונג. איך בין אַלזאָ געצוואונגען, בעת איך האָב געזוכט דעם זין פון די ווערטער נשמה, גאָט, אַבסאָלוט, וואָס זענען סימבאָלן און נישט קיין צייכנס.

„די נשמה פאַרמאָגט גאָט אין דער מאָס, אין וועלכער זי נעמט אַנטייל אין אַבסאָלוט".

וואָס איז דען דער דאָזיקער זאַץ, אויב נישט אַ זאַמלונג פון קליינע סימבאָלן, וואָס זענען דעם אמת געזאָגט אויסגעריבן און האָבן פאַרלוירן יעטוועדן גלאַנץ און בילדערישקייט, פונדעסטוועגן זענען זיי ווייטער פאַרבליבן סימבאָלן אַדאַנק זייערע באַטירלעכע אייגנשאַפטן? דאָס בילד ווערט דאָרט רעדוצירט ביז צו אַ סכעמע. די סכעמע בלייבט אָבער פאָרט אַ בילד. און איך וואָלט גאַנץ לייכט געקאָנט אַננעמען איינס פאַרן אַנדערן. אָט צו וואָס פאַרא רעזולטאַטן איך בין געקומען:

„דער אָטעם האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דעם, וואָס פונקלט אין אַזאַ מאָס, אין וועלכער ער באַטייליקט זיך אין דעם, וואָס איז פולשטענדיק אויפגעבונדן", פון וואָס מיר וועלן גאַנץ לייכט באַקומען: „דער, וואָס זיין אָטעם איז אַ צייכן פון לעבן, דער מענטש, וועט פאַרנעמען אַן אָרט (בלי־ספק דעמאָלט, ווען דער אָטעם וועט אים פאַרלאָזן) אינם געטלעכן פייער, אינם קוואַל און צענטער פון לעבן, און דאָס דאָזיקע אָרט וועט אים אָפּגעטיילט ווערן לויט דער קראַפט, וואָס איז אים געגעבן געוואָרן (מסתמא פון די דעמאָנען) מיטן צוועק צו פאַרשפּרייטן דעם דאָזיקן הייסן אָטעם, יענע קליינע, נישט אָנזעעוודיקע נשמה דורכן אומענדלעכן חלל (וואַרשיינלעך, די בלויקייט פון הימל)."

און נעם אין באַטראַכט, אַז דאָס מאַכט דעם איינדרוק

פון א פראגמענט פון א וועדישן הימן, אז פון די דאָזיקע שורות טראגט זיך דער אטעם פון דער אלטער מזרח-מיטאָלאָגיע. איך נעם נישט אויף מיר די פאראנטוואָרטלעכקייט, צי איך האב רעפּראָדוצירט דעם אוראלטן מיט געני און אין הסכם מיט די געזעצן, וואס רעגירן מיט דער שפּראך.

דאס איז אבער נישט וויכטיק. ס'איז גענוג, ווען מ'זעט, אז מיר האבן געפונען סימבאָלן און א מ י ט אין א זאץ, וואס איז געווען דורכאויס סימבאָליש און מיטיש, ווארים ער איז געווען מעטאַפיזיש.

כ'גלויב, אז כ'האב דיך פולשטענדיק איבערצייגט, אריסט. יעדער אויסדרוק פון אן אבסטראקטער אידעע קאָן נישט זיין מער, ווי אן אלעגאָריע. משונהדיק איז דער גורל פון די מעטאַפיזיקער, וואס גלויבן, אז זיי איז געלונגען זיך צו דערווייטערן פון דער וועלט פון אילוזיעס, און זיי זענען אין דער אמתן פארמשפט אייביק צו לעבן אין דער אַלעגאָריע. טרויעריקע פּאָעטן, זיי נעמען צו די פארבן ביי די פארצייטיקע מעשהלעך און זיי זענען נישט מער, ווי מעשהלעך-זאמלער. זיי שאפן א בלאַסע מיטאָלאָגיע.

## א ר י ס ט

זיי געזונט. טייערער פּאליפיל. איך גיי אוועק נישט איבערצייגט. ווען דו וואלסט געדענקט לויט געוויסע כללים, וואלט מיר גאנץ לייכט אנגעקומען אָפּצופרעגן אלע דיינע ארגומענטן.

• •
•

איך האָב געפונען מיין פריינד זשאַן אין דעם אַלטן קלויסטער, וואָס אין זיינע חורבות וווינט ער שוין זינט צען יאָר. ער האָט מיך אויפגענומען מיט דער רויקער פרייד פון אַ נזיר, וואָס איז אויסגעטון פון אַלע אונזערע שרעקענישן און האָפנונגען, און מיך אַוועקגעפירט אין זיין ווילדן, פאַרלאָזענעם גאָרטן, ווו ער פלעגט יעדן פרימאָרגן רויכערן זיין ליימענע פיפקע צווישן די קאַרשן-ביימער, אַרומגעוואָקסן מיט מאָך.

מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק, ביי אַ הינקע-דיקן טיש, צופוסנס פון אַ צעבראָכענער מויער, אַרום וועלכער עס האָבן זיך געוויקלט ראָזע בלומען פון אַ שפּאַרגל-פלאַנץ, אָפּגעבליט און גלייכצייטיק פריש. די פייכטע הימלישע ליכ-טיקייט האָט געציטערט אויף די בלעטער פון די הימל-ביימער, וואָס האָבן געשעפּטשעט אויפן ראַנד פון וועג. אַן אומענד-לעכער און זיסער אומעט האָט זיך געטראָגן איבער אונזערע קעפּ צוזאַמען מיט די בלאַסע, גרויע וואָלקנס.

זשאַן האָט מיך לשם העפלעכקייט אויסגעפרעגט וועגן מיין געזונט און מיינע ענינים, און דערנאָך האָט ער געזאָגט צו מיר מיט אַ לאַנגזאַמער, צעצויגענער שטים און אַ פאַר-קנייטשטן שטערן:

— הגם איך לייען אינגאַנצן נישט, איז מיין עם-הארצות

פונדעסטוועגן נאָך נישט אזוי גרויס, און אפילו צו מיר האט דערגרייכט די ידיעה, אז דו האסט אין א געוויסער צייטונג באקעמפט עפעס א נביא, וואס האט געלערנט, אז די וויסנ־שאַפט און די אינטעליגענץ זענען דער קוואל און דער פּאַנ־טאַן, דער ברונעם און די ציסטערנע, פון וואנען עס קומען אַלע צרות און ליידן פון מענטש. אויב איך האָב נישט קיין טעות, האט דער דאָזיקער נביא געפּרעדיקט דעם געדאַנק, אז כדי דאָס לעבן זאל ווערן אומשולדיק און אפילו אַנגענעם, איז גענוג זיך אָפּצוזאָגן פון געדאַנק און פון דער דערקענטניש, און געפינען דאָס גליק קאָן מען נאר, ווען מען לעבט אין אַ צושטאַנד פון אַ בליינדער און מילדער באַרמהארציקייט.

קלוגע עצות, גאָלדענע ווערטער, און זייער איינציקער פעלער איז בלויז דער, וואָס ער האט זיי אויסגעדריקט אין אַ שיינער שפּראך, און ער האָט לגמרי פארגעסן, אז באקעמפן די קונסט מיט דער הילף פון קונסט און דעם שכל מיט דער הילף פון שכל איז דאס זעלבע, וואס פארמשפּטן זיך אויף אַ נצחון דווקא צוליב דער קונסט און צוליב דעם שכל.

דו וועסט דאך מיר גלויבן, מיין פריינד, אז איך בין נישט ארייגעפאַלן אין אזא באדויערנסווערטער סתירה, און אז איך האב זיך אפּגעזאגט צו טראכטן און צו שרייבן, זינט איך בין געקומען צו דער איבערצייגונג, אז דער געדאַנק איז שלעכט און די שריפט — א פּלאָג. דו ווייסט דאך אויך מן הסתם, אז איך בין באהערשט געווארן פון דער דאָזיקער חכמה אין יאר 1882 נאכן ארויסגעבן א קליין פילאָזאָפיש בוך, וואס האט מיך געקאָסט אָן אַ שיעור מי. דאס דאזיקע ווערק איז אבער אויפ־גענומעז געווארן דורך די פילאָזאָפן מיט גרויס ביטול מחמת דעם, וואס עס איז אָנגעשריבן געוואָרן אין אַן עלעגאַנטן סטיל.

אין דאזיקן בוך האב איך אויפגעוויזן, אז די וועלט איז אוממעגלעך צו באגרייפן און איך האב מיך געבייזערט, בעת מ'האט מיר געענטפערט, אז איך האב זי באמת נישט פאַר־שטאַנען. איך האב דעריבער באשלאסן צו פארטיידיקן מיין בוך; בעת איך האב אבער נאָכאַמאָל איבערגעלייענט דאס בוך,

פֿין אין נישט אימשטאַנד געווען מער צו געפֿינען אין אים אַ קלאָרן זין. איך האָב מיך ארומגעזעען, אז מיינע געדאנקען זענען געווען אין דער זעלבער מאָס טונקל און אומפארשטענדלעך, ווי די געדאַנקען פון אלע אנדערע מעטאַפיזיקער. מ׳האט מיר דעריבער געטון אן עוולה, וואס מ׳האט זיך אפגעזאגט מיך צו באוווּנדערן אין דער זעלבער מאָס, וואס די איבריקע מעטאַפיזיקער.

דער דאזיקער אומשטאנד האט מיך לגמרי אָפּגעשטויסן פון די טראנסצענדענטע שפעקולאציעס. איך האב מיך אויסשליסלעך אָפּגעגעבן די עקספערימענטאַלע וויסנשאפטן און איך האב אנגעהויבן צו שטודירן די פיזיאָלאָגיע. זינט א יאָר דרייסיק זענען די יסודות פון דער דאזיקער וויסנשאפט פולשטענדיק סטאַביליזירט געווארן. זיי באַשטייען אין דעם, וואס מען צעשניידט א טשערעפּאַכע אויף שטיקלעך און מען פארשט אויס אירע נערוון און דאס הארץ, וואס איז אַ טאָפּלס.

איך בין אבער באלד געקומען צו דער איבערצייגונג, אז אויב מ׳וואלט ביי אזא מעטאָד געוואלט אַנטפלעקן דעם טיפן סוד פון יש, וואלט אונזער מענטשלעך לעבן דערויף נישט גענוג געווען... איך האב דערפילט די נישטיקייט פון דער ריינער וויסנשאפט, וואס נעמט קוים ארום אַ נישטיק קליינעם חלק פון די דערשיינונגען אין זייערע קעגנזייטיקע באציונגען, אז זי זאל זיין בכוח אויפצובויען מיט זייער הילף א פעסטן סיסטעם. אַ ווייל האָב איך געטראַכט זיך איבערצוּוואַרפן אין דער אינדוסטריע. ס׳האָט מיך אבער אָפּגעהאַלטן מיין איינגעבוירענע, נאַטירלעכע מילדקייט.

ס׳איז נישט פאראן אזאַ אונטערנעמונג, וואָס מ׳קאָן וועגן איר פאראויסזאגן, צי זי וועט זיך איינגעבן, אָדער דורכפאַלן. קריסטאָף קאָלומבוס, וואס האט געלעבט און איז געשטאָרבן, ווי אַ הייליקער און געטראָגן דאָס מלבוש פון אַ פראַנציסקאַנער מאָנאַך, וואלט אויף זיכער זיך נישט אונטערגענומען צו זוכן די וועגן קיין אינדיע, ווען מ׳וואלט פאראויסגעזען, אז זיין אנטדעקונג וועט גורם זיין מוראדיקע הריגות פון די אינדיאַ.

נצר־שבטים, וואָס זענען דעם אמת געזאָגט, געווען אויסגעלאָסן און אכזריותדיק, אָבער פונדעסטוועגן נישט ווייניקער עמפּפינדלעך אויף יסורים, און אז ער וועט צוזאמען מיטן גאָלד פון דער נייער וועלט מיטברענגען אין דער אַלטער אייראָפּע אומבאַקאַנטע קראַנקהייטן און פאַרברעכנס.

איך האָב אויפגעציטערט, בעת זייער אָרנטלעכע מענטשן האָבן זיך באמיט מיך צו פאַראינטערעסירן מיט דער פּראָדוקציע פון קאַנאָנען, ביקסן און אויפרייס־מאַטעריאַלן, ביי וואס זיי האבן געמאַכט א פאַרמעגן און זיך דערוואָרבן אַ סך כבוד. פאַר מיר איז שוין מער נישט געווען קיין ספק, אז די אזוי גערופענע ציוויליזאַציע איז אין דער אמתן אַ צושטאַנד פון קלוגן באַרבאַריזם. און איך בין געקומען צו דער איבערצייגונג אַז דאָס בעסטע פאַר מיר וועט זיין: ווערן צוריק אַ ווילדער מענטש.

דעם דאָזיקן פּלאַן איז מיר גאָרנישט שווער אָנגעקומען אויסצופירן אין אַט־אָ דעם ווילדן, פאַרלאָזענעם ווינקל, דרייסיק קילאָמעטער ווייט פון פאַריז, וואָס ווערט פון טאָג צו טאָג ווילדער און פאַרלאָזענער. דו האָסט מסתמא געזעען די חורבות פון הייזער אויף די גאַסן פון דאָרף. אַלע פויערישע זין אנטלויפן אין שטאָט אריין און פאַרלאָזן דעם דאָזיקן צעבראָקלטן באָדן, וואָס איז שוין מער נישט בכוח צו געבן זיי חיונה.

מ׳קאָן פאָראויסזעען דעם טאָג, ווען אַ געשיקטער מענטש וועט אויפקויפן די אַלע אַרומיקע פעלדער און ווידער איינפירן דאָס גרויסע פּריוואַט־אייגנטום, און אפשר וועלן מיר נאָך זיין עדות, ווי דער קליינער פויער ווערט פאַרשוווּנדן פון דאָרף, פּונקט ווי דער קליינער סוחר הייבט אָן צו פאַרשווינדן פון די שטעט. מסתמא וועט זיך עס ווי עס איז איינאָרדנען. איך וויל מיר נישט דאַרן דעם קאָפּ צוליב דעם.

איך האָב אפּגעקויפט פאַר זעקס טויזנט פראַנק די רעשטלעך פון אן אַלטן קלויסטער מיט שיינע שטיינערנע שטיגן, וואָס פירן ארויף צום טורעם און אַ גאָרטן, וואָס איך באַאַרבעט אים נישט לגמרי. אַ גאַנצן טאג יאָג איך נאך מיט מיינע

אויגן די וואָלקנס, וואָס שווימען אַרום איבערן הימל, אָדער דאָס שפּינוועבס פון די ווילדע מייערן. דאָס איז בלי ספק אַ סך מער ווערט, ווי אויפצושניידן די בייכער פון טשערעפּאַכעס אָדער צו שאַפן אַ נייעם טיפּ פון אַ טאָרפּעד-שיף.

בעת די נאַכט איז אַ שיינע, און איך שלאָף נאָך נישט, קוק איך מיט פאַרגעניגן אַרויף צו די שטערן, זינט איך האָב פאַר געסן, ווי זיי הייסן. איך נעם נישט אויף קיין מענטשן, איך טראַכט וועגן גאָרנישט. איך האָב נישט געפּרוווט דיך אַהערצו-ברענגען אין מיין וויסטעניש, ווי אויך צו פאַרווערן דיר דעם צוטריט צו איר.

איך בין גליקלעך, וואָס איך קאָן דיך מכבד זיין מיט אַן אָמלעט, ווייַן און טיטון. איך וועל אָבער נישט פאַרבאַהאַלטן פאַר דיר, אַז ס׳פאַרשאַפט מיר אַ פיל גרעסער פאַרגעניגן טאָגטעגלעך צו שפּייזן מיט ברויט מיין הונט, מיינע קראָליקעס און טויבן, און שטאַרקן זייערע קרעפטן, ווי למשל צו שרייבן דאָמאַנען, וואָס צערודערן די הערצער, אָדער פיזיאָלאָגישע אָפּהאַנדלונגען, וואָס פאַרסמען די עקזיסטענץ.

אין דער רגע האָט אַ שיין מיידל מיט רויטע באַקן און העלבלויע אויגן געבראַכט אייער און אַ כלעשל יונגן וויין. איך האָב אַ פרעג געטון מיין פריינד זשאַן, צי ער באַציט זיך צו דער קונסט און ליטעראַטור, אַזוי ווי צו די וויסנשאַפטן.

— בשום אופן נישט, — האָט ער געזאָגט — ס׳איז פאַראַן אין דער קונסט אַ מין קינדערישקייט, וואָס אַנטוואָפנט די שנאה. דאָס זענען קינדערשע שפּילן. די מאָלער און סקולפּטאָרן שמירן בילדלעך און מאַכן ליאַלקעס, אַט דאָס איז עס אינגאַנצן! דאָס וואָלט נאָך גאָרנישט געווען אַזוי שלעכט. מ׳וואָלט אפילו באַדאַרפט דאַנקבאַר זיין די דיכטער דערפאַר, וואָס זיי באַנוצן זיך מיט ווערטער, וואָס זענען אויסגעטון פון יעטוועדן זין, ווען די דאָזיקע אומגליקלעכע וואָלטן נישט באַהאַנדלט ערנסט די דאָזיקע שפּיל און ווען זיי וואָלטן דערביי זיך נישט אַרויס-געוויזן אַלס שרעקלעכע, צערייצטע, איבערזיכטיקע און משוגע-דיקע עגאָיסטן.

צו די דאָזיקע נאַרישקייטן דאַרף מען נאָך צוגעבן זייער שטרעבונג צו כבוד. דאָס באַשטעטיקט בלויז זייער משוגעת. וואָרים פון אַלע אילוזיעס, וואָס קאָנען געבוירן ווערן אין אַ קראַנקן מוח, איז דער כבוד די נאַרישסטע און שרעקלעכסטע אילוזיע. אָט דאָס דאָזיקע רופט אַרויס ביי מיר מיטלייד.

דאָ גייען די פויערן נאָך די אַקעראייזנס און זינגען אוראַלטע פאָלקס-לידער. פּאַסטוכער זיצן אויף די בערג און שניידן אויס מיט זייערע מעסערלעך פאַרשידענע פיגורן פון בייקסבוים-קאָרע, און באַלעבאָסטעס באַקן אויף די יום-טובים, זעמל און ברויט אין דער פאָרם פון פייגל. דאָס איז אַן אומשולדיקע קונסט, וואָס ווערט נישט פאַרכמט פון דער מענטשלעכער גאווה. זי איז לייכט און פּראָפּאָרציאָנעל צו דער מענטשלעכער שוואַכקייט. פאַרקערט, די קונסט פון די שטעט פאָדערט אַ סך אָנשטרענגונגען, און יעטוועדע אָנשטרענגונג איז גורם יסורים.

די וויסנשאַפט באַליידיקט, מאַכט מיאוס און פאַרקריפּלט די מענטשן צום שטאַרקסטן; זי צווינגט זיי אַריינצוטרעטן אין באַציִונגען מיט געוויסע קעגנשטאַנדן, וואָס זענען צו זיי אין אַ דיספּראָפּאָרציע, זי פאַרקריפּלט די אמתע באַדינגונגען פון זייער צוזאַמענלעבן מיט דער נאַטור. זי שטויסט זיי צו פאַרשטיין, בעת ס'איז קלאָר, אַז אַ חיה איז באַשאַפן געוואָרן צו פילן און נישט צו פאַרשטיין; זי אַנטוויקלט דעם מוח, וואָס איז אַן אומנוצלעכער אָרגאַן צום שאָדן פון די נוצלעכע אָרגאַנען, וואָס מיר האָבן גלייך, ווי אַלע אַנדערע חיות, זי דערווייטערט אונז פון די תאוות, וואָס זייער באַדערפניש פילן מיר אינסטינקטיוו; זי מאַטערט אונז מיט מוראדיקע אילוזיעס און ווייזט אונז פאַרזעענישן, וואָס זענען לגמרי נישט בנמצא; זי ווייזט אונז אונזער נישטיקייט, בעת זי מעסט אויס די שטערן, די קורצקייט פון לעבן, בעת זי שאַצט אָפּ די עלטער פון דער ערד; זי ווייזט אונז אונזער מאַכטלאָזיקייט און וועקט אין אונז דעם חשד, אַז מיר זענען נישט פעיק נישט צו זען, נישט אָנצוטאַפּן די ווירקלעכקייט: זי ווייזט אונז, ווי גרויס עס איז

אונזער עם־הארצות, ווארים מיר שלאגן זיך כסדר אָן אָן דאס אומבאקאנטע און אונזער נויט; זי פארגרעסערט אַן אַ שיעור אונזער נייגיריקייט און שטעלט זי לגמרי נישט צופרידן.

איך רעד בלויז וועגן דער ריינער וויסנשאַפט. ווען מיר נעמען זי צופּאַסן צו דער ווירקלעכקייט, באקומען מיר דעמאָלט מכשירים און מאַשינען צו מאַטערן די אומגליקלעכע מענטשן.

פּרווו צו באזוכן וועלכע עס איז אינדוסטריעלע שטאָט אָדער נידער אַראָפּ אין אַ גרוב און זאָג, צי דאס, וואס די זעסט שטעלט נישט פאָר מיט זיך אַ בילד, אָן אַ שיעור שרעקלעכער פון די גיהנום־בילדער, וואס זענען געבוירן געוואָרן אין דער פאַנטאַזיע פון די פאַנטאַסטישסטע מאָלערן.

און פונדעסטוועגן, ווען מען פארטראַכט זיך, ווערט מען באהערשט פון א ספק, צי די אינדוסטריע־פּראָדוקטן ברענגען נישט אמאל ווייניקער שאדן די ארעמע לייט, וואס פאבריצירן זיי, ווי די רייכע, וואס באנוצן זיך מיט זיי, און צי דער לוקסוס איז נישט אמאל די ערגסטע פּלאָג פון אונזער לעבן. איך האב געקענט מענטשן פון אַלע געזעלשאפטלעכע קרייזן. כ'האב אבער צווישן זיי נישט באגעגנט אזא עלנט, ווי צווישן די יונגע און שיינע פרויען פון דער עלעגאַנטער וועלט, וואס גיבן אויס יאר־יערלעך פופציק טויזנט פראנק אויף זייערע קליידער. דאס איז אַ צושטאַנד, וואס פירט צו אן אומהיילבאַרער נעווראָזע.

דאס שיינע מיידל מיט די העל בלויע אויגן האט אונז דערלאַנגט קאַווע מיט אַן אויסדרוק פון טעמפּן גליק אויפן געזיכט.

מיין פריינד האט זי מיר געוויזן מיטן שפּיץ פּיפּקע, וואס ער האט נאר וואס אנגעפּילט מיט טיטון:

— גיב א קוק — האָט ער געזאָגט צו מיר, — אויף דאָס מיידל, וואס עסט בלויז ברויט מיט חזיר־שמאַלץ. נעכטן האָט זי אויפן שפּיץ פון אַ ווידלע אויפגעהויבן גאַנצע שטויסן שטרוי, און איינציקע שטרויעלעך זענען זיך נאָך אָן אין אירע האָר.

זי איז גליקלעך, און וואס זי זאל נישט טון, פארבלייבט זי אבער פארט אומשולדיק.

ווארים נאר די וויסנשאפט און די ציוויליזאציע האבן געשאפן די מאראלע פארדארבנקייט גלייכצייטיק מיט דער פיזי־שער פארדארבנקייט, איך בין כמעט אזוי גליקלעך, ווי זי, און טאקע דערפאר אזוי נאריש. מחמת דעם, וואס איך טראכט וועגן גארנישט, איז נישט פאראן אזא זאך, וואס זאל זיין אימ־שטאנד מיך צו באאומרויקן. איך טו גארנישט, איך האב דע־ריבער נישט קיין מורא צו טון שלעכטס. איך באארבעט אפילו נישט מיין גארטן, אויס מורא, כ׳זאל נישט אפטון אזא זאך, וואס אירע רעזולטאטן וואלט איך נישט געקענט אויסרעכענען. אויף אזא אופן בין איך פולקאם רויק.

-- אויף דיין ארט, — האב איך געזאגט צו אים—וואלט איך גארנישט געווען אזוי רויק. דיר האט זיך נאך נישט איינ־געגעבן איינגאנצן צו דערשטיקן אין זיך דעם באוווסטזיין, דעם געדאנק און די האנדלונג, וואס איר פועל־יוצא איז א פארדיג־טער אפרו. היט דיך: וואס מ׳זאל נישט טון, לעבן — איז דאס זעלבע, וואס ווירקן.

די רעזולטאטן פון א וויסנשאפטלעכער אנטדעקונג אדער דערפינדונג שרעקן דיך איבער פשוט דערפאר, וואס זיי זענען אומבארעכנט. אבער דער פשוטסטער געדאנק, די צום מיינסטן אינסטינקטיווע הצנדלונג קאן אויך גורם זיין לגמרי אומבא־רעכנטע רעזולטאטן. די גיסט באמת אפ א צו גרויסן כבוד דעם שכל, דער וויסנשאפט און דער אינדוסטריע, גלויבנדיק, אז פון זיי איז אפהענגיק דעם מענטשנס גורל. די אומבאוווסטזיניקע כוחות האבן אויך אין זיי נישט קיין קליינעם חלק. צי קאן מען פאראויסזעען די ווירקונג פון א שטיינדל, וואס פאלט אראפ פון בארג? די דאזיקע ווירקונג קאן אמאל האבן א סך א גרע־סערע באדייטונג פאר דער מענטשהייט, ווי דאס פארעפנטלעכן „Novum Organum“ *) אדער די אנטדעקונג פון עלעקטר

---

*) דאס קאפיטאלע ווערק פון בארימטן ענגלישן דענקער, בעקאן.

די טאַט, וואס איר ווירקונג האבן אַלעקסאַנדער מוקדון אדער נאַפּאָלעאָן צו פארדאנקען זייער עקזיסטענץ, איז נישט געווען ביז גאר אריגינעל און נישט גאר דורכגעטראַכט, און זי האט מכל-שכן נישט געהערט צו דער קאַטעגאָריע וויסנ-שאפטלעכע דערשיינונגען. און פונדעסטוועגן האט דער דאזיקער פאַקט געהאט אַ ווירקונג אויף מיליאנען מענטשן.

צי ווייסט מען דען דעם ווערט און דעם ריכטיקן זין פון דעם, וואס מען טוט? ס׳איז פאַראַן אין די מעשהלעך פון „טויזנט און איין נאכט”, אַ מעשהלע, און איך קאָן מיך בשום אופן נישט איינהאלטן צוצושרייבן דעם דאָזיקן מעשהלע א פי-לאזאפישע באדייטונג. דאס איז די געשיכטע פון אן אַראַבישן סוחר, וואס האט עולה-רגל געווען קיין מעקא און בעת זיין צוריקקער, האט ער זיך אוועקגעזעצט אויפן ראַנד פון אַ ברו-נעם און געגעסן פייגן; די קערנדלעך האט ער אוועקגעוואָרפן חייט פון זיך. איין קערנדל האט דערהרגט דעם זון פון עפּעס אַ גייסט. דער אומגליקלעכער סוחר האט זיך לחלוטין נישט גערעכנט, אז ער זאל אימשטאַנד זיין אומצוברענגען אַ גייסט מיט איין איינציק קערנדל, און ער איז געבליבן אינגאַנצן צעטומלט בעת מ׳האט אים וועגן דעם מודיע געווען.

ער האט זיך נישט גענוג פארטראַכט איבער די קאנסעק-ווענצן פון יעטוועדער האנדלונג. צי איז דען נישט מעגלעך, אַז בעת מיר הייבן אויף די הענט אין דער לופטן, גיבן מיר אין דער רגע אַ קלאַפּ אן אומגעזעענעם גייסט, פונקט ווי דאס איז געשעען מיט יענעם סוחר?

אויף דיין אָרט וואָלט איך לחלוטין נישט געווען רויק. חער האָט עס דיך פארזיכערט, מיין טייערער פריינד, אַז דיין אָפּרו אין דאָזיקן קלויסטער, וואָס איז ארומגערינגלט מיט ווילדן וויין און ווילדע גרעזער, איז נישט אַ סך וויכטיקער פאַר דער מענטשהייט, ווי די אַנטדעקונגען פון אַלע בעלערטע?

---

אין דעם ווערק אַנטוויקלט דער מחבר די יסודות פון דער אינדוקטיווער און עקספערימענטאַלער פילאָזאפיע. (באַמ. פון איבערזעצער).

— דאָס איז נישט װאַרשײנלעך.

— דאָס איז אָבער נישט אוממעגלעך. דו פֿירסט אַ באַזונדערן שטײגער לעבן. דו זאָגסט אַרױס משונהדיקע געדאַנקען, װאָס קאָנען אַמאָל צונױפֿגעזאַמלט און פֿאַרעפֿנטלעכט װערן. אין געװיסע באַדינגונגען איז לגמרי נישט אױסגעשלאָסן, אַז די זאָלסט קעגן דײן װילן, אָן דײן װיסן, װערן דער גרינדער פֿון אַ נײער רעליגיע, װאָס װעט אַרומנעמען מיליאָנען אָנהענגער.

אַדאַנק דער דאָזיקער רעליגיע װעלן די מענטשן װערן אומגליקלעך און שלעכט און דװקא אין דײן נאָמען װעלן זײ אױסשעכטן טױזנטער אַנדערע מענטשן.

— מ׳דאַרף הײסט עס שטאַרבן, כּדי צו זײן אומשולדיק און רויִק ?

— דאָ דאַרפֿסטו אױך פֿאָרזיכטיק זײן : שטאַרבן הײסט— אױספֿירן אַ טאַט װאָס קאָן גורם זײן נישט פֿאָראױסגעזעענע רעזולטאַטן.

# באַמערקונגען פון איבערזעצער *)

**אַבסטראַקציע** — שטאַמט פון לאַטייניש — אורשפּרינגלעכע באַדייטונג: אָפּגעריסן, אָפּגעטיילט. אין אַ ברייטערן פילאָזאָפישן זין באַדייט דאָס וואָרט אַבסטראַקציע: אַ געדאַנקען-פּראָצעס, ווו אַ געוויסער עלעמענט אָדער באַגריף ווערט אָפּגעטיילט פון אַלע איבעריקע קאָנקרעטע עלעמענטן. אין דער מעכאַניק ווערט למשל באַהאַנדלט די מאַסע פון אַ געוויסן קערפּער אַלס אַלגעמיינע דערשיינונג, בעת זיין גראַוויטאַציאָנס-קראַפט ווערט נישט גענומען אין אַכט. אין קעגנזאַץ צו דער אַבסטראַקציע איז דאָס ק אָ נ ק ר ע ט ע.

**אַבסטראַקטע וויסנשאַפטן** — פילאָזאָפיע, ריינע מאַטעמאַטיק, אין קעגנזאַץ צו די עמפּירישע וויסנשאַפטן, וואָס שטיצן זיך אויף דער דערפאַרונג.

**אַבסאָלוט** — פון לאַטייניש — אומבאַדינגט, אומאָפּהענגיק,

*) צוליב דעם, וואס אין דעם בוך זענען פאראן א סך שווערע פילאזאפישע טערמינען און ווערטער, אומפארשטענדלעכע פארן יידישן לעזער, האב איך געפונען פאר נויטיק אנצוגעבן ביים סוף פון בוך די דערקלערונגען פון די וויכטיקסטע טערמינען.

דער איבערזעצער.

אין קעגנזאַץ צום ר ע ל אַ ט י װ ן, באַדינגטן, אָפּהענגיקן. אין דער פילאָזאָפיע באַדייט אַבסאָלוט די אידעע פון פולקאָמען, פון גאָט, פון דער גוטסקייט.

**אויגוסטין** דער הייליקער — געלעבט אין פינפטן יאָרהונדערט נאָך קריסטוסנס געבורט. ער האט זיך קונה-שם געװען מיט זיינע װערק: „גאָטס מלוכה" און „זעלבסטבאַטראַכטונגען", װאָס האָבן אַן אויטאָביאָגראַפישן כאַראַקטער.

דער הייליקער אויגוסטין האָט אַן ערשטקלאַסיקע באַדייטונג פאַר דעם קאַטויליציזם, װאָרים זיין אויפפאַסונג פון קריסטנטום הערשט אין פרינציפ נאָך ביים היינטיקן טאָג אין דער קאַטוילישער קירך.

**אַלבערט** דער גרויסער (אַלבערטום מאַגנוס) — געלעבט אין דרייצנטן יאָרהונדערט. מ'האָט אים געהאַלטן פאַרן גרעסטן געלערטן פון זיין צייט. אין זיינע װערק האָט אַ. דורכגעפירט אַ שטרענגע פונאַנדערטיילונג צװישן דער רעליגיע און דער װיסנשאַפט. ער איז געװען איינער פון די באַגרינדער פון דער סכאָלאַסטיק אין דער קריסטלעכער טעאָלאָגיע.

**אַריסטאָטעלעס** — גריכישער פילאָזאָף, געבוירן אין דער שטאט סטאַגיראַ אין יאָר 384 פאַר דער קריסטלעכער צייט-רעכנונג, פלאַטאָנס אַ תלמיד. ער איז געװען דער דערציִער פון אַלעקסאַנדער מוקדון, גריִנדער פון דער פעריפּאַטעטישער שולע אין אַטען, איינער פון די גרעסטע געלערטע אין זיין צייט. ער האָט דער ערשטער אויסגעפאָרשט די געביטן פון לאָגיק, פסיכאָלאָגיע, פאָליטיק און פון די נאַטור-װיסנשאַפטן. אין תוך גענומען איז אַ. אַן אָנהענגער פון פלאַטאָנס אידעאַליזם, ער גיט בלויז צו אַ גרעסערע באַדייטונג דער פּראַקטישער דערפאַרונג.

לויט אַ. שטרעבט די פילאָזאָפיע צו דער דער קענטניש פון דעם װעלטאַל. אַ—ס פילאָזאָפיע שיידט זיך אונטער פון פלאַטאָנס פילאָזאָפיע דערמיט, װאָס אַ.

פארשטייט אונטערן באַגריף: אידעע, נישט די פאר־זיך אליין עקזיסטירנדיקע קעגנשטאַנדן, נאר דעם אינער־לעכן תוך פון די באזונדערע אָביעקטן, וואס צו זיי גע־הערט אויך די ווירקלעכקייט, אָדער די רעאַליטעט.

**אָריגענעס** — בארימטער קריסטלעכער טעאלאג און פילאזאף, געלעבט אין דריטן יארהונדערט נאך קריסטוסעס געבורט. אין זיינע ווערק איז ער נישט אלעמאל מסכים מיט די גרונט־פרינציפן פון דער קריסטלעכער לערע. דער קאנ־סטאנטינאפאלער סאבאר אין יאר 543 האט אים אנער־קענט אלס אפיקורוס און הערעטיקער; זיינע ווערק האט מען עפנטלעך פארברענט און מ׳האט זיי געלייגט אין חרם אריין.

**בלויבאַרדיקער,** לעגענדע וועגן — דער העלד פון א פראַנ־צויזיש מעשהלע, אגגעשריבן פון פעראָ (געלעבט אין זיבנצנטן יארהונדערט). בלויבארדיקער האט מען אים גערופן צוליב זיין העל־בלאנדער בארד, וואס האט גע־האַט א בלויע שאַטירונג. ער האט דערמארדעט זיינע זעקס ווייבער, וואס זענען געווען צופיל נייגיריק. דער זעלבער סוף וואלט אויך געטראפן זיין זיבעטע ווייב, ווען נישט אירע ברידער, וואס האבן זי ארויסגעראטע־וועט פון זיינע הענט און אים אליין דערהרגעט. אין זיין ווערק „די זיבן ווייבער פון בלויבארדיקן" פרוווט אנאטאל פראנס צו רעהאביליטירן דעם בלויבארדיקן און ווייזט אויף, אז ער איז גארנישט געווען אזא גזלן, ווי מ׳שטעלט אים אין אלגעמיין פאר.

**באָסועֶ** — בארימטער פראנצויזישער גייסטלעכער און היס־טאריקער (געלעבט אין זיבצנטן יארהונדערט). ער האט זיך אויסגעצייכנט מיט זיינע פאנאטישע דרשות, אין וועלכע ער האט געשיט פעך און שוועבל אויף די פרא־טעסטאנטן און זשאנסעניסטן.

**בערנאַרד קל״אָד** — בארימטער פראנצויזישער פיזיאלאג, געלעבט אין ניינצנטן יארהונדערט. זיינע פארשונגען

האָבן געמאַכט אַ גאַנצע איבערקערעניש אין דער לערע וועגן די מענטשלעכע נערוון. ער איז איינער פון די אָנגעזעענסטע פאַרשטייער פון דער עקספּערימענטאַלער וויסנשאַפט אין סוף פון נײַנצנטן יאָרהונדערט.

**נאָסענדי פּיער** — פראַנצויזישער פילאָזאָף, געלעבט אין זיבצנטן יאָרהונדערט. אונטערן איינפלוס פון קאָפּערניקוס און דזשיאָרדאַנאָ ברונאָס ווערק איז ער געוואָרן אַ קעגנער פון אַריסטאָטעלעס פילאָזאָפיע. ער איז געווען אַ הייסער אָנהענגער פון עפּיקורן, און אויף זיינע לערעס אויפגע-בויט זיין גאַנצע פילאָזאָפישע וועלט-אָנשויונג.

**דעקאַרט** רענע, אָדער קאַרטעזיוס — (געלעבט אין זיבצנטן יאָרהונדערט) — גרינדער פון דער נייער פילאָזאָפיע, פאַר-שטייער פון ראַציאָנאַליזם. ער איז געווען אַ באַרימטער מאַטעמאַטיקער און פילאָזאָף. זיינע וויכטיקסטע ווערק זענען: „אָפּהאַנדלונג וועגן מעטאָד" און „באַטראַכטונגען איבער דער פילאָזאָפיע".

זיין באַדייטונג באַשטייט אין דעם, וואָס ער האָט דער ערשטער דורכגעפירט אַ גרונטלעכע רעפאָרם אין דער מעטאָדאָלאָגיע פון דער פילאָזאָפיע, וואָס איז ביז איצט געווען באַהערשט פון סכאָלאַסטישן גייסט. באַרימט אין דער פילאָזאָפיע איז זיין גרונט-געדאַנק, אויסגעדריקט אין דער „אָפּהאַנדלונג וועגן מעטאָד" — cogito, ergo sum — כ'טראַכט, דאָס איז אַ סימן, אַז איך בין דאָ. — דער מענטשלעכער געדאַנק, איז לויט דעקאַרט, דאָס איינציק-רעאַלע, וואָס אונטערליגט נישט קיין שום ספק. דער שכל איז אונזער איינציקע קריטעריע און אויפן שכל איז אויפגעבויט דער גאַנצער פילאָזאָפישער סיסטעם פון דעקאַרט.

דעקאַרט האָט אויך געפּרוווט ראַציאָנאַליסטיש צו באַ-ווייזן דיווירקלעכע עקזיסטענץ פון גאָט. לויט ד. האָט נאָר דער מענטש אַ נשמה, די חיות זענען אָבער בלויז מעכאַניזמען, און זיי האָבן נישט קיין נשמה.

**דעמאָקריט** — 4 — 5 יאַרהונדערט פאַר דער קריסטלעכער צייטרעכנונג, געלעבט אין איין צייט מיט סאָקראַטעסן, גרינדער פון דער אטאָמיסטישער פילאָזאָפיע. ד—ס וועלט-אַנשויונג איז געווען אַ ריין מעכאַנישע און אין אַ פולשטענדיקער סתירה צו די לערן פון אַנאַקסאַגאָראַס און סאָקראַטעס.

פאַר רעאַל האָט ער געהאַלטן בלויז די אַטאָמען און דעם חלל; די אַטאָמען שיידן זיך אונטער צווישן זיך מיט דער צאָל, פונאַנדערשפּרייטונג, פאָרם און אָרט. די וועלט איז אַ סכום פון אַטאָמען. די נשמה איז אַ קיילעכדיקער, גלאַטער אַטאָם.

**העגעל** (געאָרג-פרידריך-ווילהעלם) — געלעבט אין נײַנצנטן יאָרהונדערט — אַ דײַטשער געלערנטער, וואָס אין אים האָבן די אייגנאַרטיקייטן פון דײַטשן גייסט באַקומען דעם העכסטן בולטסטן אויסדרוק. זיין פילאָזאָפישע וועלט-אַנשויונג האט ער איבערגעגעבן אין זיינע הויפט-ווערק: „פענאָמענאָלאָגיע פון גייסט", „ענציקלאָפּעדיע פון די פילאָזאָפישע וויסנשאַפטן", „פאַרלעזונגען וועגן דער פילאָזאָפיע פון געשיכטע".

העגעל האַלט, אַז דער מהות פון דער וועלט איז דער לאָגישער אַבסאָלוטער שכל, וואָס אַנטוויקלט זיך אין דער גאַנצער וועלט לויט דיאַלעקטישע אַנטוויקלונגס-געזעצן. העגעל איז דער גרינדער פון דער דיאַלעקטישער פילאָזאָפיע, וואָס האט געהאַט אַן אומגעהייערע השפעה אויף די גרינדער און טעאָרעטיקער פון מאָדערנעם וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם.

**ווינ׳** אַלפרעד דע — באַרימטער פראַנצויזישער דיכטער, געלעבט אין נײַנצנטן יאָרהונדערט. ער האט אָנגעשריבן אַ גרויסע צאָל פּאָעמעס און ראָמאַנען, אין וועלכע ער שילדערט די איינזאַמקייט פון גרויסן מאַן, וואָס מוז קעמפן מיט דער גלייכגילטיקייט פון די אָרעמע מענטשן.

ו. איז געווען אַן אָנהענגער פון די גריכישע סטאָיקער.

**טאַציט** — רוימישער היסטאריקער. ער איז געווען דער ערשטער, וואס האט באלויכטן דאָס לעבן און די מנהגים פון די דעמאָלסטיקע גערמאנישע שבטים, ער איז געווען א פאַרביסענער יידן-פיינד, און אין זיינע ווערק געשריבן וועגן יידן די געמיינסטע און נידריקסטע שקרים.

**לייבניץ** — בארימטער דייטשער פילאָזאָף, געלעבט אין זיבצנטן יארהונדערט. ער האָט זיך אויסגעצייכנט אויף אלע געביטן פון דער וויסנשאפט. אין דער מאטעמאטיק האט ער אריינגעפירט דעם באגריף פון דיפערענציאל-רעכנונג. דעם גרעסטן ווערט האָבן אבער זיינע פילאָזאפישע ווערק, פון וועלכע די וויכטיקסטע זענען: „טעאָדיצעאַ" און „די מאָנאַדן-לערע". די הויפט-שטרעבונג פון ל. איז באשטאנען אין שלום מאכן צווישן פארשידענע סתירהדיקע פילאָזאָפישע סיסטעמען און געפינען אזא אויסוועג, וואס זאל אלע צופרידנשטעלן.

לייבניץ האט זיך באַמיט צו דערקלערן די מעכאַניסטישע נאַטור-פילאָזאָפיע פון דעקאַרט דורך דער איינפירונג פון אַ געוויסער פרינציפיעלער סבה, וואס איז אויסגעדריקט אין דער מ אָ נ אַ ד ע. די מאָנאַדע — דאָס איז די הויפטקראַפט, דער ענערגיע-צענטער פון דער וועלט. די מהות פון דער מאנאדע, איר ווירקונגס קרייז דריקט זיך אויס אין דער פארשטעלונג. ס'זענען פאראן פארשידענע מאנאַדן, וואס האבן פארשידענע שטופן פון ענערגיע. דערפון נעמט זיך אויך די פארשידנארטיקייט פון דער אויסערלעכער וועלט. וואס איז אין דער אמתן די פארשידנאַרטיקייט פון די מאָנאדן אין זייערע פארשידנסטע מדרגות. נישט געקוקט אבער דערויף הערשט אין דער מאָנאדן - וועלט א העכערע האַרמאָניע, וואָס דריקט זיך אויס אין דער צענטראַל-מאָנאַדע אין — ג אָ ט.

לייבניץ האָט געהאַט א סך אָנהענגער און זיין פילאָזאפישער - סיסטעם האט א לאנגע צייט פארנומען דעם אויבן-אָן אין דער הערשנדער, אָפיציעלער דייטשער פילאָ-

זאָפיע. ערשט קאַנט האט מיט זיין קריטישן אידעאַליזם צעשמעטערט די גרונט-פרינציפּן פון לייבניצנס פילאָזאָפיע.

**לאַמעטרי** — פראַנצויזישער פילאָזאָף, געלעבט אין אַכצנטן יאָרהונדערט. איינער פון די גרינדער פון דער מאַטעריאַליסטישער פילאָזאָפיע, וואָס האט געהאט אַ באַדייטנדע ווירקונג אויף די שפּעטערדיקע פירער פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. זיין באַרימט ווערק: „מענטש-מאַשין" איז אפילו עפנטלעך פאַרברענט געוואָרן אויפן שייטער-הויפן.

**מינאָס** — לויט דער גריכישער מיטאָלאָגיע — קיניג פון קרעטאַאינזל, ער האָט געצוווּנגען די אַטענער צו ברענגען אים מענטשן-קרבנות. נאָכן טויט איז ער געוואָרן אַ ריכטער אין דער אונטער-וועלט.

**מעטאַפיזיק** — פון גריכישן — אורשפּרונגלעכע באַדייטונג: הינטער דער פיזיק, די וויסנשאַפט, וואָס לערנט וועגן ווירקלעכן, אמתן יש. בכלל ווערט אונטערן באַגריף מעטאַפיזיק פאַרשטאַנען אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות מיטן יש, מיט דער נשמה, מיט גאָט, מיט דער פרייהייט פון ווילן און ד. גל. די אַלע דערמאַנטע פראַגן זענען באַרירט געוואָרן אין אַלע צייטן דורך די גרעסטע פילאָזאָפן, און מ'האָט זיי געפּרוּווט צו לעזן אויף די פאַרשידנאַרטיקסטע אופנים.

די מעטאַפיזיק אלס א וויסנשאפט איז שטאַרק אָנגעגריפן געוואָרן פון פאַרשידענע פילאָזאָפן, וואָס האבן אויפגעוויזן, אז אַזא לערע קאן און איז לגמרי נישט בנמצא. די מעטאפיזיק אין איר איצטיקן מצב פרוווט שוין נישט מער אויף אַ דעצידירנדן אופן צו געפינען אַ שליסל פאר אלע רעטענישן פון דער נאַטור, דערפאר שטעלט זי זיך פיל מער צופרידן מיט היפּאָטעזן, ווי מיט אומבאַדינגטע אַקסיאָמען.

**מאַלבראַנש** — פראַנצויזישער מעטאַפיזיקער — געלעבט אין

זיבצנטן יאָרהונדערט. לויט מ. האָבען די אידעען אַן אָביעקטיוו רעאַליטעט, הגם זיי עקזיסטירן בלויז אין אונזער שכל, אין אונזער פארשטעלונג. די אידעען זענען פארקערפערט אין גאָט, און בערך מיר דערקענען זיי, דערקענען מיר גלייכצייטיק גאָט. אין זיינע ווערק פרעדיקט ער אַ פילאָזאָפישן אָפּטימיזם און באַגרינדעט די מאָראַל אויפן יסוד פון דער געטלעכער אָרדנונג.

**מאָנטאַלאַמבער** — בארימטער פראנצויזישער מיליטערישער אינזשיניער, געלעבט אין אַכצנטן יאָרהונדערט. ער האָט זיך קונה-שם געווען מיט אַ ריי פראכטפולע ארבעטן אויפן געביט פון דער מיליטער-קונסט.

**סוועדענבאָרג** — שוועדישער נאַטור-פארשער און טעאָזאָף, געלעבט אין אכצנטן יאָרהונדערט. ער איז דער באַגרינדער פון אַ טעאָזאָפיש - מיסטישן סיסטעם. ס. איז שטארק באַקעמפט געוואָרן דורך קאַנטן אין זיין אַרבעט: „חלומות פון אַ גייסטער-זעער".

**סקאָט דזשאָן** אָדער עריגענעס — שאָטלענדישער טעאָלאָג און פילאָזאָף, געלעבט אין ניינטן יארהונדערט. ער האט זיך אויסגעצייכנט מיט א פלאמענדיקן פאנאטיזם, און איז, ווי די לעגענדע וויל, דערמארדעט געווארן דורך זיינע איינגענע תלמידים.

**סאָקראטעס** — די צענטראַל-פיגור פון דער גריכישער פילאָזאָפיע, געלעבט אין פינפטן יארהונדערט פאר דער קריסטלעכער צייט-רעכנונג. ס. האט נישט איבערגעלאָזן קיין שריפטלעכע ווערק, ער פלעגט דערפאַר פירן פילאָזאָפישע שמועסן מיט זיינע תלמידים. אין זיינע שמועסן פלעגט ער שאַרף באַקעמפן די דעמאָלסדיקע פילאָזאפישע מדריכים פון דער יוגנט, די אזוי גערופענע „סאָפיסטן".

ס. האָט געלערנט. אַז דעם אמת קאן מען געפינען אין לעבן מיט דער הילף פון באטראַכטונגען און מ'קאָן אים אויסדריקן אין געוויסע כללים און באגריפן. פונקט, ווי אין דער דערקענטניש-טעאָריע, האָט סאָקראטעס אויך

אין דער מאָראַל געפּרעדיקט דאָס אַבסאָלוט־גוטע. לויט ס. איז קיינער נישט שלעכט מיטן גוטן ווילן. די מענטשן זענען שלעכט, ווייל זיי ווייסן נישט דעם וועג צום גוטן. באַרימט איז זיין מאַקסימע: „דערקען זיך אַליין", כּדי אויף אַזאַ אופן זאָלסטו קענען לערנען אַנדערע מענטשן.

ס. איז צוליב זיינע מאַנאָטעיסטישע איבערצייגונגען פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט דורך פאַרגיפטונג. סאָקראַטעס האָט געהט אַ סך אָנהענגער. זיין תלמיד איז צווישן אַנדערע געווען פּלאַטאָן.

**סענעקאַ** — דער דערציער און עצה־געבער פון נעראָן, דעם רוימישן קייזער־טיראַן, געלעבט אין ערשטן יאָרהונדערט נאָך קריסטוסנס געבורט. אַ גרויסן פילאָזאָפישן ווערט האָבן זיינע עטישע ווערק און באַזונדערס די רעליגיעז־מאָראַלע אָפּהאַנדלונגען. אַ דאַנק סענעקאַ זענען אין רוים שטאַרק פּאָפּולאַריזירט געוואָרן די טעאָריעס פון די גריכישע סטאָיקער, וואָס האָבן געלערנט, אַז דער מענטש דאַרף קיינמאָל נישט פאַרלירן זיין מאָראַלישע גלייכגעוויכט און אויפנעמען אפילו דאס גרעסטע אומגליק מיט אַ גלייכגילטיקער רויִקייט. ענלעכע אָנשויונגן האט ביי אונז יידן געפּרעדיקט כּמעט אין דער זעלבער צייט דער באַקאַנטער תנאי, נחום „גם זו לטובה".

**עלעאַטן** די — גריכישע פילאָזאָפישע שולע, געגרינדעט אין דער שטאט עלעאַ אין איטאַליע דורך קסענאָפאַנעס (5—6 יאָרהונדערט פאר דער קריסטלעכער צייטרעכנונג). די שולע האט געלערנט וועגן איינציקן גאָט, וואס רעגירט איבער דער וועלט.

**עפּיקור** — באַרימטער גריכישער פילאָזאָף, געלעבט אין דריטן יארהונדערט פאַר דער נייער צייט־רעכנונג. ער האט זיך קונה שם געווען מיט זיין שולע אין אַטען. עפּיקור האט אנגעשריבן זייער אַ סך ווערק, צו אונז זענען אָבער דערגאַנגען בלויז ברעקלעך פון זיינע געדאַנקען.

עפּיקור זעט דעם ווירקלעכן צוועק פון לעבן נישט

אין קערפערלעכן געניס, נאר אין העכערע אינטעלעקטועלע פארגעניגנס. עפּיקורס לערע איז בפרטות באַשריבן געוואָרן דורכן רוימישן דיכטער לוקרעציוס אין זיין ווערק: „De rerum natura" (וועגן דער נאַטור פון די קעגנשטאַנדן).

**פאַנטאַסמאַגאָריע** — פון גריכישן — פאַרשטעלונג פון גייסטער און געשפּענסטער און ד. גל. מיט דער הילף פון ספּעציעלע אַפּאַראַטן, ווי למשל די אַזוי גערופענע כשוף־לאַמטערנס. אין אַלגעמיין באַדייט פ. — מיראַזש, אילוזיע.

**פּלאַנעטן־סיסטעם** — הימלישע קערפּער, וואָס דרייען זיך אַרום דער זון און שעפּן פון איר די ליכטיקייט. די וויכטיקסטע פּלאַנעטן זענען: מערקור, ווענוס, די ערד, מאַרס, יופּיטער, סאַטורן, אוראַנוס, נעפּטון.

**פּלאַטאָן** — גרעסטער גריכישער פילאָזאָף, אַ תלמיד פון סאָקראַטעס, געלעבט אין פערטן יאָרהונדערט פאַר דער נייער צייט־רעכנונג. פּלאַטאָנס פילאָזאָפישע געדאַנקען זענען איבערגעגעבן אין אַ וווּנדערלעך קינסטלערישער פאָרם, אין דעם פאָרם פון דיאַלאָגן. די טיפסטע פילאָזאָפישע פּראָבלעמען (ווי למשל דעם פּראָבלעם פון דער פרייהייט פון ווילן) שטעלט ער פאַר אין דער פאָרם פון מיטן, זיינע ווערק מאַכן אַ שטאַרקן איינדרוק מיט דער טיפקייט פון געדאַנק און גלענצנדער פאָרם.

דער יסוד פון זיין פילאָזאָפישער לערע איז די לערע וועגן די אידעען. לויט זיין לערע זענען פאַראַן צוויי וועלטן: די וועלט פון דער מאַטעריע און די וועלט פון די אידעען. די אידעע — דאָס איז אַזאַ באַגריף, וואָס האָט נישט נאָר אַ סוביעקטיווע, נאָר אויך אַן אָביעקטיווע עקזיסטענץ. אין דער שפּיץ פון די אידעען געפינט זיך די אידעע פון גוטס. גאָט, אָדער, ווי פּלאַטאָן רופט אים: דעמיורג, האָט פאַרקוקנדיק זיך אויף דער וועלט פון די אידעען, געשאַפן די וועלט פון דער מאַטעריע.

**די מענטשלעכע נשמה** איז אַ פאַרבינדונגס־קייט

צווישןביידע וועלטן, לויט איר נאַטור איז זי אומשטערב־לעך, און זי שטרעבט דעריבער צו דער וועלט פון די אידעען, פון וואנען זי איז אַרויסגעקומען. די דערקענטניש איז פאקטיש נאָר די דערמאָנונג, אַן אָפּשפּיגלונג פון דעם, וואס די נשמה האט געזעצן אין דער אידעען־וועלט. די נשמה באשטייט פון דריי טיילן: דער שכלדיקער, פילנדיקער און שטרעבנדיקער טייל.

פלאַטאָן האט אויך געשאפן א גאנצן סיסטעם פון אַן אידעאַלער מלוכה, אין וועלכער די הערשאַפט געפינט זיך אין די הענט פון חכמים און פילאזאפן. די ארדנונג אין דער מלוכה איז אַ קאמוניסטישע. דאס פריוואטע איי־גנטום איז דארט אינגאַנצן אפגעשאַפן.

וועגן פלאַטאָנען איז פאראן אַ ריזידיקע ליטעראטור אין אלע אייראפעישע שפראכן.

**פאַסקאַל** — פראנצויזישער שריפטשטעלער, טעאלאג, פילאזאף און מאטעמאטיקער, געלעבט אין זיבצנטן יארהונדערט.

זיין הויפט־געדאנק: „די נאַטור מאכט צו נאר די סקעפטיקער, און דער שכל חוזקט אפּ פון די דאג־מאַטיקער; דער דאגמאטיקער קאן זיך נישט קיין עצה געבן מיט דער צומבאהאלפנקייט פון שכל און דער סקעפטיקער קאן זיך נישט קיין עצה געבן מיט דער אומבאַזיגבארער ווארהייטס־אידעע”. דערפון זעט מען, אז דאס רעליגיעזע געפיל שטייט ביי פאסקאלן העכער פונם שכל, וואס וואקלט זיך כסדר צווישן ספק און זיכערקייט. דאס הארץ פארמאגט אזעלכע באַווייזן, וואס זענען לחלוטין נישט צוטריטלעך פארן שכל. דאס באדייטנדסטע ווערק פון פאסקאל זענען זיינע „געדאנקען”, וואס זענען ביים היינטיקן טאג א פערל פון דער וועלט־ליטעראַטור.

**פּיראָן** — גריכישער פילאזאף, געלעבט אין דריטן יארהונדערט פאר דער נייער צייט־רעכנונג.

**פּאַפּיניאַן** — בארימטער רוימישער יוריסט. ער איז דערמאָרדעט

געוואָרן אין יאָר 212 נאָך קריסטוסעס געבורט אויפן באַ־פעל פון רוימישן קייזער קאַראַקאַלאַ.

**צ'יצעראָ** — רוימישער אָראַטאָר, מלוכה־מאַן און פילאָזאָף, גע־לעבט אין ערשטן יאָרהונדערט פאַר דער נייער צייט־רעכנונג. אויסער זיינע באַרימטע רעדעס, וואָס צייכנען זיך אויס מיט אַ פּראַכטפולן סטיל, האָט ער אויך געשריבן אַ סך פילאָזאָפישע ווערק. ער איז אָבער נישט אָריגינעל אין זיינע ווערק און געפינט זיך אונטערן איינפלוס פון דער גריכישער פילאָזאָפיע.

**קאָנט אויגוסט** — פראַנצויזישער געלערנטער, געלעבט אין ניינ־צנטן יאָרהונדערט. ער האָט זיך קונה שם געווען מיט זיין ווערק: „קורס פון דער פּאָזיטיווער פילאָזאָפיע". אין זיין ווערק: „סיסטעם פון אַ פּאָזיטיווער פּאָליטיק" האָט ער געפּרוּווט צו שאַפן אַ נייע מענטשהייטס־רעליגיע.

ק. איז דער גרינדער פון פּאָזיטיוויזם, ד. ה. אַזאַ ריכטונג, וואָס האַלט, אַז די פילאָזאָפיע איז דאָס זעלבע, וואָס די וויסנשאַפט. ק. איז אויך דער גרינדער פון דער וויסנשאַפטלעכער סאָציאָלאָגיע, וואָס האָט געפּרוּווט צו גע־פינען די געזעצן פון דער געזעלשאַפט.

הגם קאָנטס פילאָזאָפיע צייכנט זיך נישט אויס מיט אַ באַזונדערער אָריגינאַליטעט, האָט זי אָבער זיי־נערצייט געהאַט זייער אַ גרויסע השפּעה אויף די מענטשן פון זיין צייט.

**קוזען וויקטאָר** — פראַנצויזישער פילאָזאָף, געלעבט אין ניינ־צנטן יאָרהונדערט. זיין פילאָזאָפיע ווערט אָנגערופן מיטן נאָמען עקלעקטיזם. זיינע אַנטוויקלונגען זענען אָבער ביים היינטיקן טאָג שטאַרק פאַרעלטערט.

**שאָפּענהויער** אַרטור — דייטשער פילאָזאָף, געלעבט אין ניינ־צנטן יאָרהונדערט. שאָפּענהויער גייט אַרויס פונם שטאַנד־פונקט פון קאַנטס קריטישן אידעאַליזם. דער יסוד און תמצית פון אַלע קעגנשטאַנדן איז דער ווילן, די וועלט איז אַ פענאָמען אָדער אַ פאַרשטעלונג פון ווילן. אין דער

צטיק איז ש. אַ פּעסימיסט. דעם צוועק פון לעבן זעט ער אין דער פארלייקענונג פון לעבן. דער אינטעלעקט שטייט אויף אַ נידריקערער מדרגה פון ווילן. דער מענטש-לעכער ווילן איז נישט פריי. שאפּענהויערס הויפּט-ווערק איז „די וועלט אַלס דער ווילן און פאָרשטעלונג".

**שאַטאָבריאַן** — פראַנצויזישער שריפטשטעלער און מלוכה-מאַן, געלעבט אין ניינצנטן יאָרהונדערט. ער האָט פארפאסט אַ ריי דערציילונגען, געשריבן אין אַ ראָמאנטישן סטיל. אין זיינע פילאָזאָפישע ווערק פרעדיקט ער דעם צוריק-קער צו דער קריסטלעך-פעאָדאַלער מאָנאַרכיע.